STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04044

DERTSEYLUNGEN

Emanuel Fershleiser

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. פערשלייסער

רעציטירונגען

בידערמאַנס פאַרלאַג
ניו יאָרק — 1938

Copyright 1938
EMANUEL VERSCHLEISER
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

פּאָזי־שאולזאָן פּרעס, 19 וועסט 21טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.
255

1

אויף דער פּוילישער ערד

אליין

ביי מאירן איז אצינד די געבעלקעוועטע, פארדויכערטע שענק־שטוב, מיט די צעקריצטע דעמבענע טישן און בענק, תמיד געווען איבערגעפילט מיט פויערים. מען איז געקומען הערן נייעס, זיך צוגעהערט מיט קאפ צו יעדן רעדנער און געפירט לאנגע וכוחים. יא מלחמה צי ניט מלחמה: געגוי האט מען ניט געוואוסט ווי ס׳האט געהאלטן. אייניקע האבן געזאגט אז די קאזאקן זיינען שוין אריבער די גרעניץ און מען שלאגט זיך שוין. אנדערע האבן געהערט אז ס׳וועט נאך אפשר גארניט ניט זיין, ווייל דער אלטער קאיזער אליין מיט זיך ביים צאר, ער זאל אים ניט אנטאן אזא בושה און עגמת־נפש אויף זיינע אלטע יארן און ברענגען צו בלוט־פארגי־סונג...

דערוויל האבן די דארפישע מענטשן, וואס האבן געלעבט אזא לעבן ווי זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, געזען מיט זייערע איי־גענע אויגן זאכן, וואס מען האט קיינמאל ניט געגלויבט, כאטש מען האט געהערט פון זיי... ממש וואונדער!

אט איז מיט עטלעכע טעג צוריק דורכגעפארן דורכן דארף מיט א מוראדיקער שנעלקייט א מאשין, וואס האט איבערגעלאזט נאך זיך א שטיקנדיקן רויך... און נעכטן האט דאס דארף געזען צום ערשטן מאל א פלי־מאשין. גאר ווי אן אמתער פויגל. דאס גאנצע דארף איז ארויסגעלאפן, דערהערנדיק דאס מאדנע זשומען און דרינדזשען אין דער לופטן...

ניט יעדן האט זיך געוואלט גלויבן אז א מענטש זיצט אין דעם פויגל. ווער דען טרייבט עם? ווער ווייסט וואס פאר א כישוף... אזא מענטש איז גאר אויף דער וועלט ניטא וואס וואלט זיך אריינגעזעצט אין דעם, האט איין פויער געזאגט. אן אנדערער פויער האט געפרעגט:

— וואס וואלט געווען ווען דער פויגל ווערט עפעס קאליע און קען ניט אראפ אויף דער ערד, נאר פליט און פליט? א שיינע מעשה...

אין א פּאָר טעג אַרום האָבן שוין די פעלדער און די וועגן געשווּיבלט מיט זעלנער, ווי מיט ווערים נאָך א רעגן; זעלנער מכּל־המינים: אַזוינע, וואָס מען האָט אפילו אויף די גרויסע מאַנעווּרעס ניט געזען. טאָקע אַפּנים מלחמה!

פּויערטעם האָבן ווידער געוויינט, געטראַכט פון זייערע זין, וואָס זיינען אַוועק מיט דער מאָביליזאַציע. ביי מאירן אין שענק איז געווען קאָפּ־אויף־קאָפּ. טיף אין די נעכט האָט מען געהרימעט אין די פענצטער און טירן און געשריען: שנאַפּס, שנאַפּס. מאיר איז געפאָרן אין שטעטל אין די פּאַרטאָגן, געבראַכט פולע קאַנען... וויפיל ער האָט געבראַכט, איז ניט געווען גענוג. מען איז ניט אָפּ־געטראָטן פון שענק. עס האָבן געבליאַסקעט די פאַרביקע מונדירן און העלמען, ס'האָבן געקלימפּערט די לאַנגע זעבלען... די פרעמדע אונגאַרישע שפּראַך האָט שוין אַליין געקענט אַנוואַרפן א שרעק...

בראַנדל, מאירס ווייב, האָט אַלעמאָל געטריבן אירע יונגע מיידלעך: — גייט צו רחלען אין קאַמער און פאַרריגלט די טיר. רחל איז געווען די עלטסטע, פון מאירס ערשטער ווייב, שרה. א קליין־געוואַקסן מיידל מיט ניט דרייסטע אויגן...

איין פאַרנאַכט איז רחל אַוועק צו די לאָנקעס אויף יענער זייט „ריקע" ברענגען די קו אַהיים פון פּאַשע. סאיז שוין געווען טונקל און ס'האָט אויף איר א בלאָז געטאָן א שרעק פון די אַלטע, פינצטערע סאָסנע־בוימער. ווען זי האָט שוין געפירט די קו ביים שטריק, איז אַרויס א זעלנער פון וואַלד און אָנגעהויבן פּאַכען מיט די הענט און שרייען צו איר. רחל האָט אָפּגעלאָזן די קו און אַנטלאָפן. אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן א שטיין, דערפילט א שרעקלעכן ווייטיק און מער ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איר.

מען האָט זי שפּעטער געפונען א קרעכצנדיקע, מיט א צעבראָ־כענעם פוס. אויף דער עצה פון די שכנים, האָט זיך מאיר געלאָזט גיין צום פּריצישן הויף, וואו די קאָמאַנדע איז געשטאַנען, ברענגען דעם מיליטערישן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, א דאַרער, הויכער יונג, מיט א זילבערנעם קראַגן און הויכע גלאַנציקע שטיוול, האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן די קאָרטן, מיט וועלכע ער און חברה אָפיצירן האָבן זיך מסעתק געווען אין דער גרויסער סאַליע פון פּריצישן הויף. מאיר האָט לאַנג געוויינט און געבעטן זיך ביז ער האָט געפּועלט ביים דאָקטאָר, ער זאָל מיט אים מיטגיין.

דער דאָקטאָר האָט צוזאַמענגעלייגט דעם צעבראָכענעם ביין, אַריינגעלייגט דעם פוס צווישן צוויי ברעטלעך און געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען מען זאָל די קראַנקע אָפּפירן אין שטאָט אין אַ שפּיטאָל. ער האָט גערעדט אין זיין צעבראָכענעם דייטש, מיט אַ שטרענגער מינע, צו די אַרומשטייענדיקע מענטשן:

—רואיק. ניט וויינען. שפּיטאַל. געזונט ווערן.

ער האָט געקוקט מיט רחמנות אין זיינע שוואַרצע, גליענדיקע אויגן אויף רחלען, וועמעס פיבעריש, ליידנדיק פּנים האָט באַקומען עפּעס אַ נייע, אַ ווייבערישע שיינקייט, און זי געטרייסט:

— בראַוועס מיידל. שפּיטאַל. אַרומגיין. אַדיע.

גיי דינג אַ פור אין אַזאַ צייט און שיק זי אין שפּיטאָל... מען זאָל זי נאָך פאַרסמען... אַלע שכנים האָבן געוואָרנט מאירן, ער זאָל ניט וואָגן אין אַזאַ צייט שיקן דאָס קינד אין שפּיטאָל, אויב ער וויל זי ניט אָוועקהרגענען... רחל איז געווען אין פיבער. זי האָט אָפּט גערעדט פון היץ און גערופן: מאַמע.

די אַלטע, האַלב־בלינדע אַנטאָשקע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ שטיקל דאָקטאָרקע אין דאָרף, האָט זיך איצט איבערגעפּעקלט מיט אירע עטלעכע זאַכן צו מאירן אין שטוב און ניט אָפּגעטראָטן פון רחלען. ווען פרעמדע מענטשן זיינען געווען אין שטוב, האָט זי מיט איר אייביק־פאַרווײנט קול געזיפצט: „אָי, בידנאַ שיראָטאַ" (אָרימע יתומה).

* * *

עס האָבן זיך צעפלאַקערט די ערשטע גרויסע שלאַכטן אין גאַליציע. דורכן דאָרף זיינען אַ סך מאָל געגאַנגען עסטרייכישע רעגימענטן מיט בלומען אין די היטלען: לוסטיקע, זינגענדיקע, ווי ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גליקן ס'וואָלטן אויף זיי געוואַרט... דאָרפסלייט זיינען געלאָפן, ווי אויף בייז וואונדער, קוקן אויף באַסניאַקעס, מיט רויטע, קיילעכדיקע היטעלעך, ווי שיסעלעך, מיט ליימיק־ברוינע פּנימער, אויף וועלכע מען האָט געזאָגט אַז זיי זיינען טערקן און האָבן צו עטלעכע ווייבער...

ס'האָט ניט גענומען לאַנג און די זינגענדיקע זעלנער האָבן זיך ווידער באַוויזן אין דאָרף, אין צעריסענע, פאַרבלוטיקטע מונדירן... ס'האָבן זיך געשלעפּט לאַנגע רייען וועגענער מיט פאַרוואונדעטע. ווי בעטלער האָבן זיך זעלנער געשלאָנדערט פון שטוב צו שטוב, געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ טרונק מילך.

די פויערים האָט ניט געאַרט וואָס די עסטרייכישע האָבן געהאַט די מפּלה, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר יענע טייוולאָנים, וואָס ברענען, ראַבעווען און הענגען... ס׳קומט אויס נאָר צו אַנטלויפן... נו, און דאָס אַנגעקליבענע ביסל גוטס, וואָס מען האָט געהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן דערויף? ס׳וועט אויסקומען ערגעץ אויסגיין פון הונגער און מגפות... ווייניק האָט מען זיך אָנגעהערט פון אַלטע צייטן?...

דורך די גליאיקע זומער־טעג האָט מען פיבעריש געאַרבעט אָראָפּצונעמען די תבואה — כאָטש דער שוואַרצער יאָר ווייסט פאַר וועמען... די נעכט — אַזאַ געבענטשטע דאָרפישע שטילקייט, אַז עס איז שווער געווען צו גלויבן אין קומענדיקן אומגליק. אין איינער אַזאַ זומערדיק־שמעקעדיקער נאַכט, ווען אַ גרויסע, רויטע לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון וואַלד, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל דער־הערט אַ טעמפּ, בייז ברומען פון האַרמאַטן, זיך צעטראָגן איבערן דאָרף און איבער די אָרומיקע פעלדער...

ווי צעשראָקענע חיות, וואָס דער האָרן פון יעגער האָט אַרויס־געטריבן פון זייערע נאָרעס, זיינען צעשויבערטע האַלב־נאַקעטע פויע־רים אַרויס פון די נידעריקע שטרוי־באַדעקטע כאַטעס, צוזאַמענגעשאַרט זיך אין גראָמאַדעס, געקוקט צעטומלטע צום וואַלד, צוגעלייגט די אויערן צו דער ערד... שוין ניט ווייט אַפּנים. אַלטע זעלנער האָבן געפּרואווט טרעפן פון וואַנען דאָס שיסן קומט. אויפן באַפעל פון די טאַטעס, האָבן זיך יונגען געלאָזט אויף די לאָנקעס ברענגען די פערד. מען האָט זיך גענומען פּאַקן. ווער ווייסט, אפשר שוין מאָרגן...

ביי מאירן אין שענק האָבן זיך די שויבן אין די פענצטער צעציטערט. דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז אויפגעשטאַנען. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. מען איז געלאָפן צו די פענצטער, געפּרואווט עפּעס זען אין דער פינצטערניש...

— קינדער, לאָמיר נעמען פּאַקן. מערצישעם מאָרגן דאַרף מען אַוועק, כל־זמן די באַן גייט נאָך, — האָט בראַנדל געזאָגט.

מאיר, וואָס איז פון אייביק אָן געווען אַ פאַרהאַוועטער, אויסגע־האָרעוועטער איד, מיט וועלכן ס׳ערשטע וויב האָט קאָמאַנדעוועט און איצט דאָס צווייטע, איז אַרומגעלאָפן איבער די שטיבער, זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענצטער, געפּרואווט עפּעס פאַרטראַכטן און

ווידער ארומגעלאָפן. אָבער פּלוצלונג איז ער שטיין געבליבן אינמיטן שטוב מיט א צעעפנט מויל.

ער האָט בגנבה א קוק געטאָן צום בעט, וואו רחל איז געלעגן, מיט א פינגער געגומען ווינקען צו בראַנדלען, זי זאָל אריינקומען אין דער צווייטער שטוב.

— שא, שא, ווי אזוי וועט מען מיטנעמען רחלען? אין דער באַן וועט זיך טאָן סכנות־נפשות... וואו וועט מען איצט קריגן א פור? — בראַנדל האָט געשווינן א געפּלעפּטע. זי האָט אַפּנים ניט געטראַכט דערפון. — בראַנדל, וואָס וועט מען טאָן? וואָס וועט מען טאָן, בראַנדל? — מאירס צאַפּלעניש האָט בראַנדלען צום סוף דערצאָרנט: — וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? בלייב דאָ מיט איר.

— שא, שא, בראַנדל, — האָט זיך מאיר געבעטן, — ניט אזוי הויך...

בראַנדל, א ווייבל א דארס, אָן אויסגעדייוועטס, מיט א צע־שעטקעוועט פּנים, בייזע שטעכיקע אויגן (פּול מיט שלעכטס, האָט מען אויף איר געזאָגט אין דאָרף) האָט איצט אויסגעזען ווי א יאָזש וואָס קוילערט זיך צונויף, אַלע שטעכלקעס אָנגעשפּיצט. זי האָט געשיפּעט: — איך קען דיך, מאיר... מיינע קינדער זיינען ביי דיר גאָרניט... איך קען דיך, מאיר...

— איך בעט דיך, בראַנדל, גאָט איז מיט דיר... ס'איז דען ניט מיינע קינדער?

מיט שאַריען איז מאיר אַוועק אין דאָרף זוכן א פור. אַן עבירה געוועזן די מי. ער איז אַרומגעלאָפן פון איין עק דאָרף צום אַנדערן און גאָרניט געפּועלט. גויים האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים, געשפּיגן. א פאַרגאַסענער מיט שוויים, מיט פאַרוווירטע אויגן, איז ער אַוועק צו סראָלן, דעם מילנער, פרעגן אַן עצה. סראָל, א נידעריקער, קרעפּטיקער איד, מיט אַן אשיק־גרויער באָרד, איז גע־שטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. די ליידיקע שטוב, מיט די איבערגעקערטע בעטן, האָט מאירן א קיל געטאָן ביים האַרצן. סראָל האָט ניט געוואָלט אויסרעדן און מאיר האָט געמוזט וואַרטן ביז יענער האָט אויסגעשפּיגן נאָך „עלינו". דערנאָך האָט סראָל אים דערציילט אז ער האָט נאָך לעצטע וואָך אַוועקגעשיקט דאָס ווייב און קינדער. ער האָט מאירן אויסגעהערט שווייגנדיק און גע־ענטפערט, אויסשטרעקנדיק א פינגער ברוגז, אַביסל שפּעטיש, מיט

א קול וואָס האָט אַרויסגעזעצט אין שטראָמען: — וואָס בין איך א רב? דו, מאיר, ביסט תמיד געווען גאַנצער חכם, וואָס קומסטו צו מיר פרעגן עצות? איך בלייב דאָ! וואו וועל איך לויפן? גיין אין די הייזער?...

אַהיים געקומען, איז מאיר אַוועקגעפאַלן אויף א בענקל לעבן שאַפּקעלע מיט פלעשער. זיינע אויגן האָבן עפּעס אַרומגעזוכט איבער דער גרויסער מרה־שחורהדיקער שטוב. ער איז געזעסן און געזעסן...

צו זען מאירן, דעם תמיד האַוועדיקן, זיצן אַזוי אינמיטן טאָג מיט פאַרלייגטע הענט, האָט אפילו בראַנדלען אָפּגעשראָקן... זי האָט זיך געוויזן, א קוק געטאָן און גאָרנישט ניט געזאָגט... זי האָט מיט אירע יונגע מיידלעך געשלעפּט קלומיקעס, פּעק, און אַלע מאָל אויפגעהויבן א געוואַלד, מאיר זאָל הערן: — נו, שוין, גוט, האַ? זי האָט ניט לאַנג אויסגעהאַלטן, אריין צו מאירן, מיט א געשריי: — נו וואָס וועט זיין דער סוף, זאָלן מיר אַלע אויסשטרעקן די העלדזער?

— פּאַר! ווער האַלט דיך? — האָט מאיר געענטפערט.

בראַנדל האָט געשריען: — וואַרט, מאיר, וועסט חרטה האָבן, מאיר... — די מיידלעך האָבן אויפגעהויבן א יללה. מאיר האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט א גרויס געשריי און קלאַגעכץ... אתה גבור לעולם אדני, אוי ווי טאַטע... האָט ער געשריען. ער האָט מיט די פויסטן געקלאַפּט אין וואַנט, געקאַרטשעט זיך און געבויגן דעם קאָפּ נידעריק, ווי א ביימל באַפאַלן פון שטורעם.

* * *

רחל האָט זיך אויפגעוועקט פון א חלום. זי איז געגאַנגען דורך א לאָנקע. דאָס גראָז איז געווען אַזוי געדיכט און הויך, ווי א וואַנט. ס'האָט זיך געוויקלט אַרום די פיס און די הענט. זי האָט זיך געוואָלט זעצן, נאָר זי האָט מורא געהאַט. א סאָלאָוויי האָט זיך צעזונגען אין די קשאַקעס אַזוי זיס, נאָגנדיק, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרץ. פּלוצים איז דורכן טיפן גראָז געקומען צורייטן א זעלנער. זי האָט זיך געוואונדערט וואָס זי האָט גאָרניט קיין מורא געהאַט. זי האָט צו אים געזאָגט ווי צו אַן אַלטן פריינט: — הער נאַר, ווי דער סאָלאָוויי זינגט אַז דאָס האַרץ צעגייט. — דער זעלנער האָט צו איר געזאָגט: — קום, זעץ זיך רייטן לעבן מיר. — דערויף האָט זי געענטפערט: ניין, דו גיי אַראָפּ, איך וויל אַליין רייטן. — דער זעלנער האָט זיך דערפון זייער צעלאַכט. ער איז אַראָפּ פון פערד און איר

געהאָלפן זיך אַרויפזעצן. דער זאָטל איז געווען וואַרים און ס'האָט זי דורכגענומען אַ ברענענדיקע וואַרימקייט. זי האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ און זיך געדרוקט מיטן גאַנצן בויך צו די זייטן פון פערד, כדי ניט אַראָפּצופאַלן. ס'איז אַלץ מער היים געוואָרן. דאָס בלוט האָט איר געזעצט אין פּנים. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פערד ס'פּלאָ־שעט, און אַוועק ווי אַ ווילדער. זי האָט עס אָנגעכאַפּט ביי דער גריווע, אָנגעהויבן שרייען. דער זעלנער איז איר נאָכגעלאָפן און איר נאָכגעשריען: — האָב ניט קיין מורא, האָב ניט קיין מורא. ס'וועט דיר גאָרנישט ניט געשען. — באַלד האָט זיך דאָס פערד אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין און זי איז אַראָפּגעפאַלן, אַ שרעקלעכן ווייטיק דערפילט...

ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט, איז דער פאָטער אירער געשטאַ־נען לעבן איר און געפרעגט: — ווי פילסטו, רחלע? — זי האָט זיך דערמאָנט: מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָט שפּעט ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין אַ שיכור אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, געוואָלט בראַנפן... די מאַמע האָט שוין ניט געקענט מער אויסהאַלטן און זיך צעשריען, אַז מ'זאָל אים אַרויסטראָגן אַ פלעשל בראַנפן און פון אים פּטור ווערן... אָבער דער טאַטע האָט געשלעפּט די שטיוול און געזאָגט קריאת־שמע אויפן קול, גלייך גאָרנישט. זי האָט דעמאָלט דערפילט אַזאַ גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ צום טאַטן... געווען זיכער, אַז ער וועט זי באַשיצן פון אַלעם שלעכטן... די מורא איז אַוועק, זי האָט געזאָגט צו דער מאַמען: — גיי שלאָפן, מאַמע, וואָס אַרט דיך? — איצט האָט זי מורא... ער איז ניט דער זעלביקער טאַטע, זינט ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט... זי האָט אים פאַרסמט מיט איר שלעכטסקייט... וואָס־זשע וועט געשען מיט איר?... וואָלט מען זי אין פעלד איבער־געלאָזן אויסגיין...

* * *

בראַנדל האָט נאָך לאַנגע איינטענהכצן געפועלט ביי מאירן, ער זאָל זי און די צוויי מיידלעך פאַרן באַזעצן אין שטאָט און דערנאָך צוריקקומען צו רחלען... וועט די סכנה אַריבער, וועלן זיי אַלע צוריקקומען... אויב ניט, וועט ער זען רחלען אַרויפפּאַקן אויף אַ גויאישער פור, ס'וועלן זיך אודאי אַ סך פורן לאָזן אין וועג... זי האָט געהאַט אירע חשבונות...

פאַרן אוועקפאָרן האָט מען רחלען אויפגעוועקט און איר אַלץ נעגעבן צו פאַרשטיין. די שטיף־מוטער און די מיידלעך האָבן זיך

מיט איר גזעגנט מיט קושן און געוויינען, ווי מען געזעגנט זיך מיט א קראנקען פאר כל־נדרי... בראנדל, א געניטע קלאָגערין, האָט זיך צעלאָזט אויף א קול: — אוי און ווי איז אונדז... וואָס מען האָט זיך דערלעבט!... פאַרוואָס שטראָפסטו אונדז אַזוי, פאָטער אין הימל?... מאיר האָט געווישט די טרערן, וואָס זיינען אים געלאָפן איבערן פנים און אריינגערעדט רחלען אין פנים אריין:

— איך וועל נאָר צופירן די מאַמע און די קינדער... זיי פאַרזאָרגן, וועל איך צוריקקומען... כ'האָב איבערגעלאָזט געלט... אַנטאָשקע וועט מיט דיר זיין... זאָלסט גאָרניט מורא האָבן, הערסט... זאָלסט גאָרניט טראַכטן... איך וועל מערצישעם נאָך אפשר מאָרגן זיין צוריק... הערסט, רחל... הערסט רחל...

רחל האָט געהאָפט: אפשר וועט זי זיך אויפוועקן און ס'וועט זיך אַרויסווייזן: א בייזער חלום. ס'איז איר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, זי האָט געחלשט.

* * *

ווען רחל איז געקומען צו זיך, איז זי געווען ווי איינער, וואָס האָט געכאַפּט א שטאַרקן קלאַפּ, פון וועלכן די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים צעמישט. קען דאָס זיין אַז מען האָט זי דאָ אַזוי איבערגעלאָזן א קראַנקע, איינע אַליין, אין אַזאַ צייט?... ווען זי קען אפילו אַליין נישט אַראָפּ פון בעט... זי זעט דאָס פאַרוויינטע פנים פון פאָטער, די קושן און געוויינען שטייען נאָך פאַר די אויגן... האָט מען זי דאָ איבערגעלאָזן איינע אַליין אין הויז? (אָבער רבונו־של־עולם, ס'איז דאָך ניט צו גלויבן, ס'איז דאָך ניט מעגלעך...)

דאָס באַוואוסטזיין פון דעם געשעענעם פאַרגיסט זי ווי אַן אָנגע־שוואָלענער טייך, וואָס האָט איבערגעריסן א דאַמבע. א ציטער באַפאַלט אַלע גלידער, אַן אַנגסטיקער שוויים שלאָגט אַרויס אויף איר לייב...

דער טאָג ציט זיך לאַנג, ווי א יאָר, מיט א פאַרהאַקטער, אומ־גליק־אָנזאָגנדיקער שטילקייט. די אויסגעלײדיקטע שאַפעס און בעטן אין צעפּראַלטן הויז, די שמאַטעס און פאַפּירן אויפן דיל, וואַרפן אַן אימה. אין האַרצן האָט זיך איינגענייורעט א קראַט און גראָבט, און גראָבט. דער פיין ווערט אַלץ שטאַרקער. ס'איז שוין שווער צו דערליידן. דאָס ביסל פיבערדיק שלאָף רויבן קאָשמאַריקע חלומות...

ס'קומט דער צווייטער טאָג. רחל ווייסט איצט גאַנץ באַשטימט אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט. מען האָט זי אומישנע איבערגעלאָזן

איינע אליין. זי קען ניט באגרייפן. און דער טאטע, דער טאטע?... זי טראכט, טראכט, טראכטעניש, וואס פארסמען דאס בלוט, וואס צערייסן דאס הארץ, דער טויט וואלט געווען בעסער פון די גע־דאנקען... איר פנים פארציט זיך מיט געלקייט פון א מת...

די בלינדע אנטאשקע האט זיך ארומגעשלאנדערט אין די שטי־בער, ווי זי וואלט אפגעשאצט איר נייע באלעבאטישקייט... פון פארשמאלצעוועטן הייבל זיינען געפאלן אויף איר איינגעשרומפן האלבט־טויט פנים ברודיקע קאלטענעם ווייסע האר, ווי קליאטשע. מיט א ווייגעריש בעטנדיק קול פון א בעטלערקע האט זי זיך נאכגעפרעגט ביי רחלען:

— טאכטער, ס'איז דא וואַרים ווינטער?... כ'קען ניט פאר־טראגן די מינדסטע קעלט. מיינע פיס...

די רוסן זיינען אריינגעקומען אין דארף דעם צווייטן טאג. אריינגעקומען אן א שאס, און זיך צעגאסן איבער אלע וועגן און פעלדער, ווי א היישעריק. זיי זיינען געגאנגען דורך אן אויסגעשטארבן דארף. קיין לעבעדיק באשעפעניש האט זיך ניט געוויזן. אז ס'האט זיך אריינגעריסן צו רחלען אין קאמער א ווילד־אומבאקאנט געזאנג, באגלייט מיט פייפן, דאס בארימטע זינגען און פייפן פון די רוסישע חילות, האט די בלינדע אנטאשקע, א דערשראקענע אויף טויט, זיך צוגעשארט צו דער קראנקער רחל, ווי זי וואלט געזוכט שוץ ביי איר, און געפרעפלט תפילות...

(די טויטע שטילקייט פון די עטלעכע טעג איז געווען פאראיבער. די מורא און טראכטעניש — פאראיבער. דער אומגליק איז געקומען און זי איז איינע אליין...)

די שטוב האט זיך אנגעפילט מיט קולות — אזוי ווי ווענט וואלטן זיך צעפאלן: א הוטשען פון אומצייליקע וועגענער, געזאנגען, פייפעריי, שיסעריי. שפעטער האט א רויטער אפשיין פון א פייער אריינגעדרונגען אין שטוב. רחל איז געלעגן ווי אין א הינער־פלעט, אן כוח אין די גלידער, א ציטערנדיקע, אין דערווארטונג פון טויט...

ערגעץ אין א שפעטער ביינאכטיקער שעה איז אריינגעפאלן אין שטוב א צעוואקסענער קאזאק, אין א הויכער פאפאכע, מיט א בלאנדן זשמוט האר איבער דעם רעכטן אויג. ער איז אריין אין שטוב און געבליבן שטיין אן אויסגעשטרעקטער, א וואכער, ווי א הונט אין א פרעמדן וואלד, וואס ציט דעם ווינט מיט דער נאז. די בלינדע אנטאשקע האט זיך צוגעשארט צו זיינע הענט און זיי ארומגעכאפט:

— טאטעלע, זינדעלע, א קראנקע, א פארלאָזענע, לאָז צורו.

דער זעלנער האָט זיך צוערשט דערשראָקן, דערנאָך מיט א מאך פון דער האנט זי אָפּגעשטופּט און אריין אין דער צווייטער שטוב. דערזען רחלען איז א פּייערל אים איבערגעלאָפן איבערן פּנים. ער האָט זיך אין איר איינגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און א ריס געטאָן דעם צודעק פון בעט. דערזעענדיק דעם פארבאנדאזשירטן פוס, איז ער געבליבן שטיין א ברויגזער, א באַליידיקטער, ווי מען וואָלט אים דאָ עפּעס אָפּגעטאָן א שפּיצל, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיטאמאָל האָט ער שפּיי געטאָן, ארויסגעלאָזט א קללה און פארשאָרנדיק דעם לאָק האָר אונטערן אויער, האָט ער זיך צעשריען: „יעווריעים פארשאַלטענע", און נאָך און נאָך...

נאָך עטלעכע זעלנער זיינען אריינגעאַפּלן אין מאירם שענק־שטוב, געשלעפּט דעם צודעק פון רחלם בעט, געקלאַפּט זי איבערן צעבראָכענעם פוס, צו זען צי ס'איז נישט קיין אָנשטעל...

* * *

טעג און נעכט האָבן געשטראָמט דורכן דאָרף ענדלאָזע מחנות רוסישע פּיעכאָטע, אין די גרויע, לאַנגע שינעלן, מיט זייערע פּיר־עקיקע באגנעטן, ווי שפּיזן... געשפּאַנען פערד האָבן געשלעפּט קאנאָנען, מיט אויסגעשטרעקטע לאַנגע העלדזער, ווי פּאַרצייטיקע מאָנסטערס, די מיילער איצט פארדעקט, אָבער גרייט צו שפּייען מיט פייער און פּאַרוויסטונג... און נאָך זיי אומענדלעכע רייען אַמוני־ציע־וועגעלעך... ווילדע שווארצע רייטערס, מיט שווערע האָריקע פּעלערינעס, זיינען געריטן שטאָלץ אויסגעשטרעקט אויף זייערע פערד... ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ, איז געווען ווי א שווארצער וואָלקן וואָלט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד...

ווער האָט זיך געקענט אַנטקעגנשטעלן ? די עסטרייכער זיינען אַפּנים אַלץ ווייטער אוועקגעלאָפן, די רוסן נאָך זיי. ווען דער ווינט איז געקומען פון מעריב האָט מען געקענט הערן דעם אָפּהילך פון די ווייטע שלאַכטן. א טיף ברומען פון די האַרמאַטן האָט זיך גע־טראָגן איבער די פעלדער ווי דאָס וואָיען פון הונגעריקע, אומעטיקע חיות.

אין דאָרף איז מען ארויס פון די באַהעלטענישן. די רוסישע זעלנער האָבן זיך אויפגעפירט זייער פריינטלעך, גערעדט צו די

פויערים א שפראך, וואס האט געקלונגען ווי זייער אייגענע — פארט קריסטן, כאטש פון אן אנדערן גלויבן...

דאס דארפישע לעבן האט זיך צוריק אומגעקערט צום אלטן שטייגער — רואיק שטיל. עטלעכע זעלנער זיינען אינגאנצן געבליבן אין דארף. איבער די נידעריקע שטרוי־באדעקטע פויערשע כאטעס זיינען געלעגן זומערדיקע, צעגליטע הימלען. דער דארפישער וועג וואס איז געווען פארשיט מיט א געדיכטן שטויב, איז געלעגן אן אומעטיקער ווי עס וואלט זיך אים געבענקט נאך מענטשן...

אמאל זיינען דורכגעריטן אפטיילונגען טשערקעסן, אין זייערע לאנגע האריקע פעלערינעס. פויערים האבן מיט פחד אראפגעכאפט די היטלען: ווילדע מענטשן!

די עטלעכע אימהדיקע טעג זיינען איבער רחלען אריבער ווי א שווערער וואגן. זי איז איצט געלעגן גאנצענע טעג מיטן פנים צו דער וואנט. אנטאשקען, וואס האט זי געוואלט אויפמונטערן מיט רייד, האט זי געענטפערט מיט האלבע ווערטער און זי אנגעקוקט ווי זי וואלט זיך געפרואווט דערמאנען וואו זי איז. אין די אוונטן, ווען דאס וואיענדיקע ברומען פון די הארמאטן האט אנגעפילט די שטוב, האט די גויע, וואס איז געשלאפן אין דער צווייטער שטוב, זי אויפגעוועקט פון רחלס יאמערלעך געוויין. ביי דער אלטער גויע האבן די אויגן אנגעהויבן נעצן, און די צעקארטשעטע ליפן מורמלען תפילות.

* * *

דער זומער איז אויסגעגאנגען ווי אן אויוון וואס קילט אויס. ס'האט א בלאז געטאן מיט אסיען־ווינטן — אן אנזאג פון סלאטעס, מראקעס און גאס־רעגנס. די פעלדער און לאנקעס און וועלדער האבן פארלוירן זייער פארביק באדעקטס. ס'האט זיך באוויזן אויף די נאקעטע פעלדער דער נייער שניט פון היי־יאר: קופּקעלעך קליינע נידעריקע צלמים — אן איבערבלייבעכטס פון די שלאכטן. די לופט האט געקלונגען מיט געשרייען פון קראען, וואס האבן זיך באוויזן אין גאנצע וואלקנס.

אין איינעם א נאכטימטאג איז צוריקגעקומען זאלקע דער מיל־ביקער, דעם דארף אזוי גוט באקאנטער „זאלקא". שקאצימלעך זיינען אים נאכגעלאפן מיט געשרייען: „זאלקא האט זיך צוריקגעקערט". ער איז געווען זייער באליבט ביי יעדן: א שטילער, באשיידענער מענטש, דאס גוטע פנים פארצערט און אומעטיק, אין די קלארע

כמעט קינדערשע אויגן א גוטמוטיק פייערל פון איינעם וואָס נעמט אָן אַלץ באהבה. ער איז געווען אין דער זעלביקער, נאָר נאָך מער פאַרלאַטעטער שימל־גרינער בורקע, אונטערגעגאַרטלט, די הויזן אריינגעשטעקט אין פאַרבלאָטיקטע שטיוול.

ער האָט דאָס ווייב און קינדער איבערגעלאָזן אין לעמבערג, געקומען צוערשט זען, צי ס'איז דאָ וואוהין אהיים צו קומען. אין זיין אָרים הייזל האָט ער געפונען א יונגן ערשט חתונה־געהאַטן שייגעץ און זיין יונג ווייבל. קוים מיט מי האָט ער געפועלט ביי זיי אַז זיי זאָלן אים צוריקגעבן א העלפט פון דעם הייזל. איז ער אוועק זוכן זיין צערויבט ביסל גוטס צווישן די גויאים. די פאַרשעמטע גויעס האָבן געטענהט, אַז די רוסן האָבן זיי אוועקגעשענקט די אידישע זאכן און צוגעזאָגט אַלץ אָפצובערענגען ביז אין שטוב אריין.

אַז די גויים האָבן זאָלקען דערציילט וועגן רחלען, איז ער באַלד אוועקגעלאָפן צו איר. אויף רחלס דערשטוינט נאָכפרעגעכטס האָט ער א לאַך געטאָן:

— נו, זעסט דאָך... ווי־זשע זאָל איך דיר אָנהויבן... גאָט צו דאַנקען, מען האַלט שוין אזוי ווייט...

כאַפנדיק, ווי זיין שטייגער, האָט ער דערציילט, ווי אַלע פליכט־לינגען האָט מען פאַרשלעפט קיין אונגאַרן, קיין בעימען, אָבער ער איז ניט געווען קיין נאַר, אַראָפגעכאַפט זיך אין לעמבערג... געוואָלט בלייבן נאָענט צו דער היים... אזא שטאָט, עפּעס א קלייני־קייט... נו, און ,גאָט צו דאַנקען, עס איז אַריבער בשלום... ווען די רוסן זיינען אריין קיין לעמבערג, האָט ער באַלד זיך אָנגעהויבן סטאַרען, ער זאָל קענען צוריק אהיימקומען...

— פרעג שוין ניט ווי מען האָט זיך געמוטשעט... געשלאָפן אין הקדש, געגעסן אין קהלשער קיך... אַז ס'איז אַרומגעשוואוּמען א שטיקל קאַרטאָפליע אין דער זופּ איז שוין געווען גוט... זאָל שוין בעסער גאָט העלפן איידער מענטשן...

ער גייט שוין צוריקברענגען דאָס ווייב און קינדער... די רוסן וועלן אויך ברעכן דעם קאָפּ, ס'וועט דאָך אמאָל נעמען אַן עק, וואָס זאָגסטו, נישט?

רחל האָט געקוקט אויף זאָלקען מיט צעשיינטע אויגן. פּלוצים איז אָבער איר שמייכל פאַרפרוירן געוואָרן, דאָס פּנים האָט ביי איר אָנגעהויבן צוקן... זאָלקע איז געשטאַנען א פאַרצערטער, און גערעדט גיך:

— ווייסטו וואָס, חיה וועט אַהיימקומען, וועלן מיר דיך נעמען אַהיים צו זיך... מ׳וועט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן...

* * *

נייע צייטן פאַר רחלען. אַז זאַלקע האָט געקענט קומען אַהיים, וועט שוין דער פאָטער אויך באַלד קומען. אָט, אָט, ס׳וועט שוין ניט נעמען לאַנג...

זי חלומט מיט אָפענע אויגן: אָט זיצן זיי אַלע אויף אַ פור: דער טאַטע, די שטיף־מוטער, די מיידלעך. פאַר דעם שוואַרץ־געל באַמאָלענעם דראָנג פון דער ראָגאַטקע, פאַרהאַלט זיי אַ רוסישער זעלנער, שטייט, וואוהין פאָרט איר, אידן? דער פאָטער בעט זיך: מיר וואוינען דאָ אין דאָרף. מיר זיינען אַנטלאָפן אין אָנהויב מלחמה, איבערגעלאָזן אַ טאָכטער איינע אַליין. סאַ׳יז אמת? פרעגט דער זעלנער. אמת ווי גאָלד, קום און זע אַליין... אָט קומען זיי אַלע אַריין אין שטוב, לויפן צו איר צו און רינגלען זי אַרום. די שטיף־מוטער, מיט איר „רחלע, זיס קינד"... זי ענטפערט ניט און קוקט ניט אויף איר. זי וועט קיינמאָל מיט איר ניט רעדן...

אַ סך מאָל פאַלט רחל אַריין אין דעליריום. בילדער לויפן פאַר אירע אויגן אַזוינע משונהדיקע, ווילדע, בייטן זיך מיט דער גיכ־קייט פון דעם קינאָמאַטאָגראַף.

ווען זי כאַפּט זיך אויף, קוקט זי זיך אַרום אַ דערשראָקענע, אַ פאַרבליפטע.

דאָס פּנים איז ביי איר קלענער געוואָרן — געל און גרוי. די ליפּן בלוי און צעשפּאָלטן. די איינגעפאַלענע אויגן לייכטן מיט אַ פאַספאָרישן גלאַנץ. דאָס מויל איז פאַרהויכט מיט אומעט.

חיה, זאַלקע דעם מילכיקערס ווייב, האָט געבראַכט אַ זעקל עסנ־וואַרג און זיך געסודעט מיט דער בלינדער אַנטאָשקען אין דער צווייטער שטוב. זי איז געזעסן ביי רחלס בעט און געקלאָגט מיט איר פעט אַבלדיק קול:

— ... זיי קענען זיך קוים פאַמיעשטשען אין דעם שטיבל וואָס דער שיינעץ האָט זיי אָפּגעטראָטן. בוניע מוז גיין שלאָפן צו אַ גוי. אַ שייגעץ... פוילן זאָל אים איין אבר נאָכן אַנדערן... דער טאַטע דיינער מוז זיין ערגעץ אין וועג — האָט זי אַלעמאָל אַ זאָג געטאָן.

* * *

די טעג זיינען געווארן קורצע, חושכדיקע, מיט פלוצימדיקע נאכטיקע טונקלקייטן. די לאנגע פינצטערע נאכט פול מיט ווילדע געשרייען און סאפען פון שטורעמווינט. אנטאשקע האט ניט געקענט פארטראגן די קעלט און זיך אויסגעבעטלט א ווארימען פעקעליק אין א גויישער שטוב. רחל איז געבליבן אינגאנצן אליין אין פוסטן הויז. בייטאג האבן די פון רעגן פארקלאפטע פענצטער דורכ־געלאזט ווייניק ליכט און די פריע פינצטערניש איז געווען ווי די פינצטערניש פון קבר. דער שענק, וואס איז תמיד געווען אזוי פול מיט מענטשלעכע קולות, וואו מען האט ניט געקענט שלאפן דורך די נעכט, צוליב געשרייען און קלאפן אין טירן, איז איצט טויט ווי אויף א צווינטער. א קאץ זאל כאטש פארביילויפן. די מייז זיינען אפילו אוועק... נאר שדים האבן געסטראשעט אין די פוסטע שטיבער. זי איז לעבעדיקערהייט באגראבן אין א קבר. נאר דער ווינט דאביוועט זיך צו די פענצטער און טירן ווי א גנב. די שרעק נעמט ארום רחלס האלדז ווי א פעטליע.

בייטאג באוויזט זיך אנטאשקע אדער אן אנדערע גויע, ברענגט אביסל ווארים געקעכץ, מאכט א פייער. ס׳מונטערט אויף דאס ביסל ווארימס. רחל הערט זיך צו צו די נייעס וואס מען דערציילט אין דארף: סראל דעם מילנער האבן די קאזאקן צעשלאגן מיט נאגייקעס, איבערגעלאזט א האלב־טויטן. דער קרומער כאזערניק איז גאר גע־ווארן א גאנצער סוחר, לייגט אן פעסער מיט געלט. מארינע דעם קאוואלס האט שוין א בויך. די רוסישע זיינען שוין ניט ווייט פון ווין און וועלן נעמען דעם אלטן קייזער פראנץ יאזעף געפאנגענעם און דעמאלט וועט זיך די מלחמה ענדיקן. און נאך, און נאך.

מיט דער צייט האט זיך רחל צוגעוואוינט צו דער איינזאמקייט. זי האט זיך געשראקן, ווען א מענטש איז אריינגעקומען. אזוי ווי זי וואלט זיך געשעמט פאר מענטשן. ס׳בעסער קיינער זאל זי ניט זען. זי וויל זיין אליין מיט אירע טראכטענישן. נאך אמאל און נאך אמאל האט זי זיך גענישטערט אין איר לעבן, געוואלט געפינען דעם חטא, די בארעכטיקונג. אפשר האט זי געזינדיקט... עס קען דאך ניט זיין, אז דאס זאל איר קומען פאר גארנישט... פארוואס איז זי דאס אומגליק באפאלן? רק זי? איז זי אזוי שולדיק? אדער זיינען זיי שלעכט, די מענטשן? קען א וועלט זיין אזוי גרויזאם און שלעכט? רחל קען עס ניט באגרייפן. זי האט גערופן א וועלט צום דין און זי געפונען שולדיק — זי האט זיך אפגעקערט פון איר.

רחל האָט אַ סך געטראַכט פון דער מלחמה, געטראַכט פאַרוואָס דערלאָזט עס גאָט. זי האָט זיך אַמאָל נאָכגעפרעגט ביי אַ גוי וואָס איז זי געקומען באַזוכן: וויפיל מענטשן קען דערשיסן איין שאָס פון אַ קאַנאָן? אפשר עטלעכע הונדערט... און וואו באַגראָבט מען זיי, ס'איז דאָך שוין אויף די צווינטערס אודאי קיין פּלאַץ ניטאָ? מען לאָזט זיי אויף די פעלדער, זיי זאָלן אויסגיין, מען רייט איבער זיי מיט פערד. קראָען און וועלף האָבן צו עסן צו דער זאַט, האָט געזאָגט דער פויער.

פאַרוואָס־זשע קלאָגט זי אויף איר גורל? ליידן דאָך אַנדערע מער פון איר...

אַ סך נעכט ווערט זי זיך מיט אַלע כוחות קעגן שגעון וואָס וויל זי אָנכאַפּן אין זיינע נעגל ווי אַ שפּאַרבער אַ דערשראָקן הינדל. אַ גרויס געלעכטער וויל זיך אַרויסרייסן פון איר. זי ווייסט, אַז זי וועט זיך שוין ניט קענען אָפּשטעלן, אַז ס'וועט זי אָנצינדן אינגאַנצן און נאָכדעם ס'גאַנצע דאָרף מיט געלעכטער...

אַמאָל אַנטלויפט רחל פון זיך און געפינט שוץ ביי דער ווינטער־דיקער וועלט. דער קרעכצנדיקער ווינט, די שוואַרצע נאַכט, דאָס זשוזשען פון רעגן, די לבנה וואָס לויפט אַרום הויך צווישן ווייסע שלייערס, זיי קוקן אויף איר מיטליידיק, זיי רינגלען זי אַרום ווי ברידער און שוועסטער און שעפּטשען: האָב ניט קיין מורא, מיר זיינען מיט דיר.

(אַמאָל דערהערט רחל אין די צעצווייגענע געשרייען פון ווינט די מוזיק פון אַ חתונה. מוזיקאַנטן שפּילן פייערדיקע שטיקלעך. מיידלעך און בחורים טאַנצן און זינגען. די מוזיק ווערט ווילד, רחל איז איינע פון די טענצער. זי שוועבט אַרום מיט זיי אַ באַרוישטע, אַ גליקלעכע.)

און ווידער איז רחל זייער קלאָר און אַזוי רואיק אַז זי האָט ווידער עפּעס מורא. אונטער דער קלאָרקייט טשאַיעט זיך עפּעס. זי האָט מורא פאַר דער קלאָרקייט.

ווידער בויערן די געדאַנקען: האָט דער טאַטע זי איבערגע־לאָזט מיט אַ כוונה, צי האָט די שטיף־מוטער אים פאַרשלעפּט? און זי טראַכט: אַז דער טאַטע האָט תמיד געשלעפּט קאַנען בראַנפן, תמיד אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, תמיד געווען אין איין געלויף, איז ער דערפאַר געוואָרן שלעכט... אָבער די שטיף־מוטער?... פאַר־

וואָס איז זי שלעכט? האָט זי כאָטש איינמאָל אַ טראַכט געטאָן וואָס וועט געשען מיט איר אין אַזאַ צייט איינע אַליין?

דאָס ערגסטע איז דאָס אויפוועקן זיך. ס׳פאַלט ביי איר אַלעמאָל אויפס׳ניי איין דאָס האַרץ, ווען זי דערזעט די פּוסטע שטיבער. מיט שרעק באַטראַכט זי ווי ביינערדיק זי איז געוואָרן. די הענט — ווי שטעקעלעך, און דער שמוץ. זי זאָל כאָטש קענען גוט אָרומוואַשן...

רחל לײַדט ניט איינמאָל פון הונגער. (וויפיל איז דער שיר? ווייניק אייגענע צורות האָט איעדער?) דאָס אַרט זי ניט. גוט אַזוי. זאָל זי אויסגיין פון הונגער.

זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו רעדן הויך צו זיך. זי זאָגט: אַנטאָשקע, דערלאַנג מיר קאַווע, כאָטש זי ווייסט, אַז אַנטאָשקע איז נישטאָ אין שטוב... זי חזרט איבער אויפן קול אַ מאָדנע קלינגענדיק וואָרט אָן שום באַדייטונג, חזרט עס איבער אַ סך מאָל ווי מען שפּילט זיך מיט אַ זעלטן שטיינדל. אַמאָל באַפאַלט זי אַ פּחד און מאַטערט זי. דער פּחד פאַרן טויט...

* * *

איין נאָכמיטאָג, ווען רחל, ציטערנדיק פון קעלט, כאָטש זי איז געווען צוגעדעקט מיט אַ באַרג אַלטע שמאַטעס, האָט געקוקט דורכן פענצטער אויף די געדיכטע פלאָקנס שניי, וואָס האָבן אָנגע־פילט דעם גאַנצן שטח צווישן הימל און ערד. אַז הימל און ערד האָבן זיך אויסגעמישט און געוואָרן איינס, איז אַריין אין שטוב אַ רוסישער זעלנער, אינגאַנצן ווייס פון שניי. רחל איז אַ דערשראָ־קענע צוגעפאַלן צו די קישנס. האָט ער אַ לאַך טוענדיק געוויזן ווייסע ציין אין זיין אָפּגעברענט פּנים, וואָס האָט אויסגעזען אינגלדיק, שעמעוודיק.

— האָט ניט קיין מורא, איך בין אַ איד. איך הייס חיים. אַ שניי אַביסל ווי אין ראַסיי.

דער זעלנער האָט געטרייסלט דעם שניי פון די שטיוול און פון מאַנטל.

— ס׳איז קאַלט, ניט געהייצט. — צעמישט פון רחלס שטאַרע פאַרצערטע אויגן, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט געזאָגט אַ נאַ־רישקייט. ער האָט וואָוילינגעריש אַ לאַך געטאָן: — איך וועל באַלד ברענגען האָלץ, מאַכן אַ פייער, אַז ס׳וועט קנאַקן. כ׳האָב געבראַכט אַ פּאָר זאַכן צום עסן.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב און געריבן די הענט.

— יאָ, ער האָט געהערט פון איר אין דאָרף. אַי, אַ שוואַרץ יאָר, אַ מלחמה האָט זיך זיי פאַרגלוסט די גנבים. דער פוס היילט זיך? ער וועט בעטן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל אים לאָזן גיין אין שטאָט ברענגען אַ דאָקטאָר, אַ קוק טאָן. פּאַסקודניאַקעס... אַ באַנדע גנבים... לאָזן אַזוי אַ מענטשן אַליין. ניט געזאָרגט. ער וועט שוין זען עפּעס טאָן. ער האָט אַ שוועסטער אין אירע יאָרן. אַי, אַ באַנדע גנבים... און די עלטערן וואו זיינען, אַנטלאָפן? נו, ניט געזאָרגט. ער וועט שוין עפּעס טאָן. די מלחמה, זאָגט מען, וועט זיך באַשטימט ענדיקן פאַר פּסח. קייזער פראַנץ יאָזעף בעט שוין שלום.

ער איז געקומען יעדן טאָג, געבראַכט עסנווארג און האָלץ. אַנטאָשקע האָט זיך ווידער באַזעצט אין שטוב. ער איז געזעסן שעהן־לאַנג לעבן איר און גערעדט און גערעדט...

רחל האָט אויסגעזען אין אָנהויב גלייכגילטיק און בייז, געקוקט ערגעץ אַריבער אים, ווי זי וואָלט אים ניט געזען. זי איז געווען ווי אַ פאַרפרוירענע, וועמען עס דאַרף נעמען אַ שטיקל צייט, דאָס לעבן זאָל זיך אומקערן אין די גלידער. שפּעטער איז זי געוואָרן לעבע־דיקער, דערפילט די וואַרימקייט, די מענטשלעכע נאָענטקייט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און אַליין געזוכט. זי האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן וואָס ער האָט גערעדט, אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיין קומען. פון אירע אויפגעוואַכטע, טרויעריקע אויגן האָט אַ גרויסע וואַרימקייט אים אַ זעץ געטאָן אין האַרץ.

ער איז געקומען יעדן טאָג, געבראַכט עסן. רחל האָט געשוויגן, זיך איינגעהערט צום זעלנערס רייד אַ פאַרגאַפטע. ער איז געווען פול מיט רייד, דער זעלנער חיים... ער האָט גערעדט ווי איינער וואָס מוז זאָגן אַלץ, האָט מורא טאָמער וועט ער עפּעס ניט דערזאָגן...

אינדערהיים האָט ער געלעבט אַ פּריציש לעבן. זיי האָבן אַ סך פעלד און בהמות. די מאַמע האָט אים אָפּגעהיט די טריט. די מלחמה האָט אים אַזוי פּלוצים אַריינגעכאַפּט, פאַרוואָרפן אַ שטריק ווי אַ קאַלב אינמיטן גרינער פּאַשע...

זינט מען האָט אים גענומען צו די זעלנער, איז ער ווי אין אַ טשאַד. ער האָט געענדיקט אַ האַנדלס־שול. זיך ערשט אַרומגע־

קוקט וואָס צו טאָן. און דאָ, נאָ דיר אַ מלחמה. אוים מענטש, צוריק חיה. ווילדע חיה. הרגע אָדער ווער דערהרגעט. שוין אַזוי לאַנג ניט אָנגעזען קיין געלעגער... אין די וועלדער. און די בלאָטעס... נאָך אַ לאַנגער צייט זיינען זיי אריין אין אַ דאָרף. ער איז אריין אין אַ שטוב, וואו ס'האָט געברענט אַ גוט פייער. ער האָט באַצאָלט, מען זאָל אים לאָזן שלאָפן אין בעט. ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן, אָפגעוואַשן פון זיך די בלאָטע און דערזען זיין אייגן ווייס לייב, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד. וויפיל מאָל האָט ער געזען די קערפערס פון די וואָס זיינען פאַרבליבן אין פעלד צעריסענע, אויפגעבלאָזענע, ניט צו דערקענען!

ער איז ארומגעלאָפן אַן אויפגערעגטער איבער דער שטוב. בעסער ניט טראַכטן דערפון..., אַי, אַ באַנדע גנבים... זיי זיצן אין דער וואַרימקייט, ווייט פונם פראָנט, פרעסן און זויפן דאָס בעסטע און קאָמאַנדעווען... צוליב וואָס, צוליב וועמען? אצינד לעבט ער ווי אַ מענטש, שלאָפט אין אַ בעט, עסט צו דער זעט. און ווער ווייסט, אפשר נאָ היינט וועט קומען דער באַפעל צום פראָנט. אַ גרויל... בעסער ניט טראַכטן דערפון... אַ באַנדע גנבים. די מאַמע מוז זיך דאַרט אויסוויינען די אויגן... ער טראַכט אַ סך מאָל פון דער שוועסטער, זי איז אין דעם זעלביקן עלטער וואָס רחל...

ווען רחל איז געבליבן אַליין, האָט זי אויפס'ניי איבערגעלעבט אַלץ וואָס ער האָט איר דערציילט. זי האָט געזען דאָס בייטן זיך פון זיין פנים, דאָס אויפשיינען פון זיינע ברוינע אינגלישע אויגן, די נעזונטע ווייסע ציין, וואָס ער האָט אַלעמאָל געוויזן, ווי ער וואָלט געוואוסט פון דעם חן, וואָס זיי האָבן אים געגעבן...

רחל האָט געטראַכט, אפשר האָט זיך נאָט דעבאַרעמט, אפשר וועט איר נאָך גוט זיין. אפשר האָט זי שוין גענוג געליטן. די נאַכטפינצטערניש איז שוין ניט געווען דער טונקעלער תהום. די נאַכט האָט זיך צעבליט, אונטערגעטראָגן אַזוינע ווילדע געדאַנקען פון מיידלישן בלוט — פון טויט איז אויפגעשטאַנען ניי לעבן: חיים — אַ קינד — אַ קינד, זייערס אַ קינד...

און מיטאַמאָל אָפגעהאַקט.

דער רוסישער זעלנער איז אריינגעפאַלן איין פרימאָרגן אין שטוב, מיט אַן אויסגעשריי:

— רחל, מיר גייען שוין ווידער צום פראָנט.

ער האָט זיך אנידערגעזעצט לעבן רחלען און אָנגעהויבן וויינען. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפן ווי אין קראַמף. רחל האָט אים געטרייסט.

* * *

די ליכטיקע פויזע איז געווען פאַראיבער. רחל איז ווידער אַליין. מאירס שענק איז איצט פאַרקאַוועט אין אייז און שניי, די פענצטער — באַדעקט מיט גראָבע בלעכן... רחל האָט מער ניט קיין כּוח זיך צו האַלטן.

דאָס לעבן לעשט זיך. זי צאַנקט... גאָרנישט איז געבליבן, נאָר חלומות...

זיי ציען זיך ווי אַן אומענדלעכע קייט. זי דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן...

חיים. חיים. אַלע חלומות דרייען זיך אַרום דעם זעלנער, חיים.

...די מלחמה האָט זיך געענדיקט. חיים קומט צוריק. ער שטייט ווידער פאַר איר מיט זיין ברוין פּנים און ווייזט זיינע ווייסע ציין, וואָס גיבן אים אַזאַ אינגלדיקן אויסזען... זי פאָרט מיט אים אין אוקראַינע צו זיינע עלטערן... רחל געזעגנט זיך מיט אירע עלטערן... זי גיט צו זויגן דעם קינד און חיים שטייט און קוקט זיך צו... חלומות, חלומות, דאָס לעבן לעשט זיך.

ווען דאָס דאַרף האָט דערשמעקט די ערשטע פרילינגדיקע ווינטלעך, האָט רחל אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט. זי איז איינגעפאַלן מיט יעדער מינוט. איצט איז אַראָפּגעקומען פון שטעטל אַ דאָקטאָר, געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ און פאַרשריבן אַ מעדיצין.

די שטוב איז איצט תּמיד געווען פול מיט מענטשן. אַלע מאָל האָט עמעץ אַנדערש עפּעס דערלאַנגט. גויעס האָבן געקוקט רחלען אין די אויגן, געזען אַז ס'זיצט דאָרט דער טויט און געווישט די טרערן.

* * *

דעם טאָג, וואָס זאַלקע דער מילכיקער, האָט געפירט רחלען צום שטאַטישן בית־עולם, איז אויסגעפאַלן אַ פרישער שניי, מיט אַ שיינעם צודעק פאַרהילט די ערד. די עטלעכע, ניט פאַרדעקטע ביימלעך האָבן אַרויסגעשטעקט שוואַרץ־נעבעכדיק, ווי פאַרשעמט, וואָס זיי זיינען געבליבן אַליין.

זאַלקע האָט געלאָזט גיין דאָס פערדל מיט דער ווייסער טרומנע אויפן שליטן און איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן, געטשמאָקעט מיטן

מויל און געשריען אויפן אויסגעהארעוועטן פערדל, וואס האט אויס־
געפרייכט גאנצע שטראמען פארע פון די נאזלעכער.

זאלקע האט זיך געפילט שולדיק. ער האט זיך געעקט. דער
צער האט ארויסגעצויגן די קלארע בלויקייט פון זיינע קינדישע אויגן
און פארחושכט דאס פנים. — א אידיש קינד, א יתומה, ס'א גאטס
געשריי... א קעלט איז אים ארײן אין די ביינער. צו דערווארימען
זיך, האט ער זיך געלאזט לויפן, געקלאפט זיך מיט די ארעמס איבער
די זייטן און מיט געשרייען אונטערגעיאגט ס'פערדל.

ריסיע

ס'איז מאָדנע, ווי אַזוי איך האָב זיך דערמאָנט אין ריסיען. כ'האָב געהאַט עטלעכע פרייע שעה און זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. די פרייע צייט בייטאָג, וואָס איך האָב זעלטן ווען געהאַט, איז געווען ווי אַן אומפאַרהאָפטע מתנה וואָס פאַרשאַפט גרויס נחת. איך בין פאַרקראָכן אין איטאַליעניש געגנט און אַריינגעפאַלן אין אַ ליאַרעמדיקן פושקאַרט־מאַרק. אין דער גאַנצער לענג פון דער גאַס זיינען געשטאַנען שורות וועגעלעך, אָנגעהויפט מיט אַלערליי גרינצייג און פרוכטן. אַלערליי קאָלירן האָבן געבליאַסקעט אין די אויגן. אַ סך פון די מאָדנע גרינסן און פרוכטן האָב איך געזען ס'ערשטע מאָל און ניט געוואוסט אפילו זייערע נעמען. איך בין אַרומגעגאַנגען און אַלץ באַקוקט מיט גרויס נייגער. וואָס פאַראַ אַלערליי קעזן די איטאַליענער עסן עס! און די מאָדנע פיש זייערע און ראַקעס און ווערים! די גאַס איז געווען אָנגעפּראָפּט, אַז ס'איז שווער געווען זיך דורכצושטופּן צווישן געדיכטן עולם. עטלעכע דיקע איטאַליענעקערם קענען אַליין פאַרנעמען אַ גאַנצע גאַס. און די קולות! ממש טויב צו ווערן. פון די ברייט־געעפנטע גאָרגלען פון שוואַרץ־ערדיקע איטאַליענישע הענדלער און הענדלערקעס האָבן זי געריסן געשרייען, בעסער געזאָגט, געזאַנגען, ווי פון אָפּערע־זינגער.

אויף איין וועגעלע האָב איך דערזען קיישעלעך מיט רויטע, פרישע מאַלינעס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַרוואונדערט, איבערראַשט. ס'ערשטע מאָל אַז איך זע מאַלינעס אין אַמעריקע. און פלוצים האָט דאָס בילד פון ריסיען, ריסיע שרה הענדלס, פון אונדזער גאַליציאַנער דאָרף, אַ שווּעב געטאָן פאַר מיינע אויגן, ווי לעבעדיק.

איך בין אַרויס אין שטילערע גאַסן און געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פאַרטיפט אין זכרונות. פאַרוואָס האָבן מיך די קיישעלעך מאַלינעס דערמאָנט אין ריסיען? מיט פאַרמאַכטע אויגן פּרוּוו איך אַרויסרופן ריסיעס בילד. ווי ווייט דאָס איז פון מיר...

די ערשטע אינגלישע ליבעס... ריסיע, וועלכע איז מיט מיר אויס־געוואקסן אין איין דאָרף... איך דערזע זי אין איר באַרכענעם קליידל, מיטן רויט־דאָרפישן פּנים, מיט די גרויסע אָפנהאַרציקע אויגן, מיט די צעטשאַפּעטע הענט. דער גרויסער סאָסנע־וואַלד פון אונדזער דאָרף קומט מיר אויפן זכרון. אהא, איך ווייס שוין פאַרוואָס די מאַלינעס האָבן מיך דערמאָנט אין ריסיען.

מיט ריסיען אין וואַלד מאַלינעס קלייבן!

איך בין געווען דעמאָלט נאָכן ענד פון שול־יאָר אויף וואַקאַציעס אין דער היים, אין דאָרף, וואו מיינע עלטערן האָבן געוואוינט. כאָטש אונדזער דאָרף האָט געהאַט וועלדער פון אַלע זייטן און מ׳האָט געקענט געפינען מאַלינעס אומעטום, איז אָבער דער אמתער מאַלינע־וואַלד געווען אַ גוטע פּאָר מייל ווייטער. מען האָט געמוזט דורכגיין דעם גרויסן סאָסנע־וואַלד און נאָך עטלעכע וועלדער; אַרויס אויפן הויפּט־שטראָס, פאַראיבער אַ פּאָר איינזאַמע מאַיעסטעטישע סאָסנע־ביימער, אַלטע, דיקע, מיט צעשפּרייטע קרוינען, וואָס זיינען געשטאַנען ווי שומרים פאַר אַן אוצר — און ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, כוואַ־ליעט זיך אַ ים גרין, געדיכט באַשפּרענקלט מיט רויט: זאַפטיקע, פּערלדיקע מאַלינעס, אַ גאַנץ פעלד, וואָס ציט זיך טיף, טיף, אין וואַלד אַריין. און אַ צעגליטער זומער־הימל פאַרטאַפּיעט אַלץ אין בלוי פייער. און דער ריח פון די זון־פאַרטרוקנטע יאַגעדעס, וואָס שוועבט איבערן וואַלד! דער זעלביקער ריח, וואָס האָט מיך אוועק־געטראָגן אַצינד טויזנטער מיילן אין דער אַנדערער זייט ים.

עס שווימט פאַר מיר אויף דער טאָג, קלאָר אין יעדן דעטאַל, באַהויכט מיט דער ליבשאַפט, מיט וועלכער דער זכרון האָט אים אָפּגעהיט אַזויפיל יאָר.

באַלאָדן מיט קריגלעך און טעפּ זיינען מיר אַרויס פון דאָרף, ווען דאָס גראָז איז נאָך געווען נאַס פון טוי: איך, ריסיע, חיה, איר עלטערע שוועסטער, אַן אַלט, מיאוס מיידל, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַלטן ביי אַ שידוך, (פון וועלכן ס׳איז קיינמאָל ניט געוואָרן גאָרניט), נאָך אַ מיידל, וואָס איך געדענק שוין ניט, שמואל דעם מילנערס, אַ אינגל, אין די זעלביקע יאָרן וואו איך, מיט אַ פּעטלעך רויט פּנים און גרויע קיילעדיקע אויגן, ווי שטיינדלעך, און אַ קליינ־טשיק ליבלעך מיידעלע פון אַ יאָר צען, ליב דעם אַרענדאַרס, יאָ, און אונדזער הינטל, קאַסיע. מיר זיינען געגאַנגען איבער די נאָך טונקעלע וועלדער, אין וועלכע פייגל האָבן אַלץ העכער זיך געלאָזט הערן;

געגאַנגען איינער הינטערן אַנדערן, איבער וואַלדיקע סטעזשקעס פון סאָסנע־וואַלד און אָלשינע־וואַלד און אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף אַ באַרג און אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג — און ס׳נעמט קיין עק ניט צום וואַלד. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט און דאָס האַרץ האָט לעבעדיקער געשלאָגן. אָבער נאָך אַ צייט האָט דער וואַלד אָנגעהויבן דורכלייכטן און באַלד זיינען מיר געווען אויפן הויפּט־שטראָס — און אין דער אַנדערער זייט איז געווען דער מאַלינע־וואַלד.

מיר האָבן זיך צעשפּרייט איבער די געדיכטע קשאַקעס מאַלינעס, וואָס האָבן אונדז באַהאַלטן איינער פון צווייטן, און זיך אָנגעזאָגט: קיין פּיפּס פון מויל ניט לאָזן. קיין צעטל פון „לעשניטשע" (וואַלד־היטער) האָבן מיר ניט געהאַט, און דער גוי האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גזלן, וואָס רייסט אַראָפּ די קליידער, אַז ער כאַפּט. איך האָב אויף זיך גענומען די ראָלע פון שומר: איך וועל אַכטונג געבן און וואָרענען, אויב איםיצער קומט און דעמאָלט זאָל מען זיך באַהאַלטן אין געדיכטעניש און וואַרטן ביז די סכנה וועט אַריבער.

איך האָב זיך אָנגעגעסן מיט די זאַפטיקע מאַלינעס און באַלד געהאַט אַ האַלב קריגל. אַלעמאָל בין איך אַרויסגעלאָפן פון וואַלד אומקוקן זיך צי ס׳קומט ניט דער „לעשניטשע". שטאַרק מורא געהאַט האָב איך ניט. איך האָב געגלויבט אין דעם כוח פון די דריי זילבערנע פּאַסיקלעך אויף דעם קאָלנער פון מיין סטודענטישן מונדיר. איך בין געווען אויפגערעגט פון דער געוואַגטער אונטערנעמונג און אָנהויב און ערנסט גענומען די ראָליע פון שומר. אָבער ניט לאַנג האָב איך אויסגעהאַלטן אין דער ראָליע. דאָס יונגע בלוט, געוואַרימט פון דער זון, האָט אָנגעהויבן צו קאָכן. שטראָמען כוח און פרייד האָבן זיך געבוואַליעט אין דער צעשיינטער וואַלד־שטילקייט; צעפּראַלט מיין ברוסט, געהויבן די פיס פון דער ערד. איך האָב געוואָלט דראַפּען זיך אויף ביימער, שפּרינגען, יאָגן זיך, זינגען, שרייען מיט אַלע כוחות.

— לאָמיר איבערשרעקן ריסיען, איז מיר איינגעפאַלן. איך האָב צוגעלייגט די דלאָניעס צום מויל, ווי אַ טרובע, און אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן: האָפּ, האָפּ!

ווען דער „לעשניטשע" איז אַ מייל וויט, קומט ער צולויפן אין אַ גאַלאָפּ.

א פֿאַרשרפֿהעטע פֿון דער זון, א צעדראַפּעטע פֿון די קשאַקעס, מיט דערשראָקענע אויגן, האָט זיך ריסיע באַוויזן. איך האָב אָנגע־שטעלט מיט שטעקן, ווי א ביקס, און מיט א דראָענדיק קול א געשריי געטאָן:

— „סטאָי, קראַדניעש מאַליני״? (שטיי, גנבעסט מאַלינעס?)

ריסיע האָט געפּרואווט שמייכלען. זי איז געווען אויף אַן אמת אָנגעשראָקן. איך האָב זי קוים געקענט בארואיקן.

איך האָב אראָפּגעוואָרפֿן דאָס שטיקנדיקע רעקל פֿון מונדיר, מיטן הויכן קאָלנער, און זיך אראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז, לעבן ריסיען.

— ריסיע, רו זיך אָפּ, דו שוויצט דאָך אינגאַנצן. דער טאָג איז גרויס.

— ווען מיר שנעלער אַהיימגיין, איך האָב נאָך גאָרנישט — האָט ריסיע געענטפֿערט.

— איך וועל דיר העלפֿן קלייבן. האָסט דאָך שוין באַלד א האַלב קרינגל.

— און דו?

— אויך מיר א ראגה. איכ׳ל דיר געבן מיינע מאַלינעס אויך.

איך האָב זי געמוזט שלעפּן, זי כמעט אַנידערגעוואָרפֿן לעבן זיך.

— א מחיה ס׳איז! צי נאָר אריין דעם אָטעם!

— וואו זיינען די אַנדערע? דוכט זיך אימיצער גייט. — זאַשקע, דעם קאָוואַלס, איז צוריקגעקומען אין הוילן העמד.

— האָב ניט קיין מורא, נאַרישע! — אין מיין וואוילאינגעריש־קייט, האָב איך מיט אַלע כוחות ווידער א ריטשע געטאָן: — האָפּ, האָפּ!

— שא, וואָס טוסטו? — האָט מיר ריסיע א דערשראָקענע ארויפגעלייגט די הענט אויפֿן מויל.

איך האָב זי געקושט און געביסן אין איהרע הענט, אין אירע פֿולע אָרעמס.

— מוני, וואָס איז מיט דיר? — האָט זי זיך געווערט און מיך אָפּגעשטויסן.

מיר האָבן זיך געבאָרעט.

איך האָב געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, א קוש טאָן אירע זאַפטד פֿאַרשמירטע נאַסע ליפּן, אָבער אויף אזוי ווייט איז מיין מוט ניט געגאַנגען.

איך האָב געקליבן פאַר איר מאַלינעס און מיר האָבן זיך ווידער געבאָרעט. דער „לעשניטשע" האָט זיך ניט באַוויזן. מיט פולע קריגן און טעפּ זיינען מיר געגאַנגען צוריק מיט די וועלדער, אַהיים. איך האָב געזונגען פּוילישע לידער און ריסיע האָט מיך געבעטן, איך זאָל זינגען נאָך און נאָך.

ס'איז געווען שטיל. אַ שטילקייט, פול מיט אַטעמס פון לעבן; אַ געבענטשטע, זיסע שטילקייט פון טיפן וואַלד... די פון אַ גאַנצן טאָג זון־אָנגעהיצטע לופט האָט געשמעקט מיט אַלערליי ריחות... צווישן די ביימער האָט זיך שוין געקליבן די נאַכטיקע טונקלקייט. ביי דעם מינדסטן שאָרך, האָב איך זיך געריכט, אַז פון דער געדיכטעניש וועט אַרויספאַלן עפּעס אַ גרויסע חיה, אַ הירש, אַ בער. אָבער, נאָר אַ פויגל האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ קלאַפּ פון פליגל!

ס'האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן וואָס דער טאָג איז אַוועק אַזוי גיך, אַט איז שוין דער וועג צום דאָרף, אַ היים, עסן, שלאָפן. אוים שמחה! ווען וועל איך ווידער זיין אַזוי נאָענט מיט ריסיען, האָב איך געטראַכט. ריסיע איז ניט געווען אויף וואַקאַציעס, ווי איך. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געמוזט העלפן דער מוטער ביים הויז און אין געוועלב. און ביינאַכט, ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבן קלערן, וואָס מיט זיך צו טאָן, האָט זיך זיך שוין געמוזט לייגן שלאָפן, זי זאָל קענען פאַרטאָג אויפשטיין.

איין שבת נאָכמיטאָג, בין איך אַריבער צו ריסיען אויף אַ „וויזיט". שרה הענדל, ריסיעס מוטער, „דאָס מומעלע", ווי מ'האָט זי גערופן, אַן אויסגעדאַרט ווייבל, ווי אַ שטעקן, מיט קליינטשיקע אייגעלעך, און אַ קליינטשיק, שפּיציק מיילכל, צו וועלכן קנייטשן האָבן זיך געצויגן פון גאַנצן פּנים, מיט אַ מעלאַנכאָליש, קוויטשעדיק קולכל, האָט זיך אויפגעהויבן פון סדור, פון וועלכן זי האָט געזאָגט פּרק, מיט אַ זיסלעכן ניגון:—אָה, אַ גאַסט, ס'קאַצל קומט. כ'האָב שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אַז זייט ער איז געוואָרן אַ סטודענט, פּאַסט אים ניט אַריינצוקומען. — איר קוויטשעדיקער ברוך־הבא האָט אויפגעוועקט ר' מאירן, איר מאַן, וואָס איז געלעגן אונטערן איבערבעט, צוגעדעקט ביז איבערן קאָפּ, כאָטש ס'איז געווען אינמיטן זומער. ער האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צו מיר, געעפנט די רויטלעכע, פאַרשלאָפענע אויגן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ שאָטן פון דער גראָבער, הויקערדיקער נאָז, מיטן רויטן צייכן פון ברילן; עפּעס

אויסגעוואַרטשעט, און זיך ווידער איבערגעדרייט צו דער וואַנט און אָנגעהויבן שנאַרכן, אָבער אויפֿן קול.

שרה־הענדל האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַרן „גאַסט” אויבסט און געבעקס.

— וואָס דערלאַנגסטו ניט קיין בענקל! — האָט זי געזאָגט צו ריסיען.

— נו, נעם עפּעס, שעם זיך ניט. אפשר ווילסטו אַ גלעזל מעד.

ריסיע האָט זיך אַרומגעדרייט, ניט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן, און זיך געזעצט, ווייט פֿון מיר, לעבן גרויסן אויוון.

שרה־הענדל האָט געהאַלטן אין פֿאַרשיטן מיך מיט שאלות וועגן טאַטע־מאַמע, מיין שטודירעכץ, און אַזוי ווייטער. ריסיע האָט גע־גריזשעט אַ קיכל. איך האָב געזיפּט מעד און געענטפֿערט שרה־הענדלען. איך האָב געטראַכט, אַז נאָכן שבת־אויבסט וועל איך מיט ריסיען גיין אויף אַ שפּאַציר. רחל, ריסיעס עלטערע מיאוסע שוועסטער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מזל אין שידוכים, האָט גע־לייענט אַ מעשה־ביכל און זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט.

— זע, כ׳האָב גאָר פֿאַרגעסן. ריסיע, גיב נאָר אַ לויף אַריבער צו דער מיכאַלאָווע, זי זאָל למען השם ברענגען דו פּוטער היינט, ווייל די פֿור אין שטאָט אַריין וועט קומען פֿאַרטאָג.

נאָך אַ וויילע, האָב איך זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן און גענומען זיך געזעגענען.

— וואָס איז דאָס געאיילעכץ, — האָט געצויגן קוויטשעדיק שרה־הענדל, — מ׳וועט דיך אודאי ווידער זען אין אַ פּאָר יאָר אַרום.

איך בין געגאַנגען שפּאַצירן מיטן וועג, וואָס כ׳האָב געוואוסט, אַז ריסיע וועט צוריקקומען פֿון דער מיכאַלאָווע, אָבער איך האָב זי ניט געטראָפֿן.

איך בין אַוועקגעפֿאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, מיט אַ בענקעניש נאָך ריסיעס רויטע ליפּן, זיי תמיד געזען פֿאַר מיינע אויגן, רויט, נאַס פֿון מאַלינע־זאַפֿט. מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף פּסח, ווען איך וועל ווידער אַהיימפֿאָרן...

* * *

פּסח איז געקומען און איך בין ווידער געווען אין אונדזער דאָרף.

דעם צווייטן טאָג יום־טוב, נאָכן עסן, בין איך אַוועק אין קרעטשמע. דער זאַל פֿון שענק איז געווען אַ שטוב, וואו פֿיר גע־ווינלעכע שטובן האָבן זיך געקענט פּאַמיעשטשען. סאַלידע, דעמ־

בענע בענק, טישן, (איך פלעג שפעטער ליב האָבן צו זיצן ביי איינעם פון די טישן און טרינקען ביר) אַ לימענע, אויסגעטאָפּ־טשעטע פאָדלאָגע און אַ הויכע, פאַררויכערטע באַלקן־סטעליע. אין אַ יום־טוב פלעגן זיך דאָרט מיידלעך און אינגלעך צוזאַמענקומען. זיינען געווען גויים, איז מען אריין אין אלקער, פאַרברענגען, אַניט — איז מען זיך געזעסן אין שענק.

איך האָב שוין דאָרט געטראָפן אַ לעבעדיקן עולם און ריסיע איז דאָרט אויך געווען. יונגוואַרג האָט געשפּילט אין וועלשענע ניס ביי אַ ברעט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. לייביכע, די ארענדאַרקע, האָט זיך מיט מיר באַגריסט, מכבד געווען מיט ראָזשינקע־וויין און ניס.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן ריסיען. זי האָט מיר געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך אויף דער באַנק. באַלד האָבן מיר, די עלטערע, אויף שפּאַס אויך אָנגעהויבן שפּילן ניס. דערנאָך האָבן מיר געשפּילט אין פאַנטן.

איך, לכבוד מיין „געלערנטקייט", בין אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער „ריכטער". איך האָב אַזוי מאַניפּולירט מיט מיין אייגע־נעם פאַנט, אַז ס'איז ארויסגעקומען, איך זאָל ריסיען געבן פינף (אויב איך האָב ניט קיין טעות) קושן. ריסיע האָט זיך געשעמט און די קושן האָבן קיין טעם ניט געהאַט און האָבן מיך בלויז צערייצט.

אַז מיר זיינען זיך פאַרנאַכט צעגאַנגען, בין איך גלייך ארויס נאָך ריסיען, ארומגעכאַפּט זי אין פינצטערן קאָרידאָר, און זי אָנגע־הויבן קושן ווילד אין האַלדז און אין מויל. זי האָט מיך געשטויסן פון זיך: — לאָז מיך, מענטשן. — אָבער באַלד האָט זי מיך ארומ־גענומען און געענטפערט אויף מיינע קושן, ציטערנדיק מיטן גאַנצן לייב. אימיצער האָט געעפנט די טיר און זי איז אַנטלאָפן. איך בין געווען נאָכאַמאָל אין קרעטשמע, האָב זי שוין אָבער ניט געטראָפן דאָרט.

איך בין ארומגעגאַנגען דערהויבן און צעזונגען. געשלעפט זיך שפּעט אין די נעכט, ניט ווייט פון ריסיעס הויז, און מיט בענקשאַפט געטראַכט: ווי נאַריש די וועלט איז דאָס... אָט בין איך אַזוי נאָענט צו ריסיען און קען ניט אריינגיין, אריינשרייען דורכן פענצ־טער: — קום צו מיר. איך האָב דיך ליב!

איך האָב געקלערט, אַז אַזוי ווי איך בין פאַרליבט אין ריסיען, דאַרף איך ניט צוריקפאָרן אין גימנאַזיע, נאָר בלייבן לעבן ריסיען.

אָבער אַזוי ווי חערקלערן דאָס די עלטערן איז געווען שווער, בין איך צוריקגעפאָרן. איך האָב זיך היימליך צוגעזאָגט, אַז מיין האַרץ וועט בלייבן מיט ריסיען.

מיין האַרץ איז אָבער אפנים ניט געבליבן מיט ריסיען, ווייל נאָך אַ צייט, אין ווועלכער איך האָב טאַקע ביי יעדער געלעגנהייט און ניט געלעגנהייט געטראַכט פון ריסיען, האָב איך זי פאַרגעסן און פאַרגעסן אַזוי, ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

איך דערמאָן זיך, מיט וואָסער ציטער כ'האָב געוואַרט יעדן טאָג אויף אַ קליינער, שוואַרצינקער סטודענטקע, מיט שטאָלצע, שאַרפע אויגן און פולע קינדישע ליפּן, וואָס צוליב איר האָב איך פאַרגעסן אין ריסיען. וואָס פאַרא טראַגעדיעס איך האָב עס איבערגעלעבט יעדעס מאָל, וואָס איך האָב אויף איר געוואַרט: וועט זי יאָ קומען, וועט זי ניט קומען? אָט גייט זי; ניין, ס'איז ניט זי; שוין אַ פערטל שעה אַריבער.. . אפשר האָב איך זי באַליידיקט מיט עפּעס? און אַזוי ווייטער...

פינף יאָר האָבן זיך אַ קייקל געטאָן. און וואָס פאַרא יאָרן. פון אַ שעמעוודיקן דאָרפישן בחור'ל, בין איך געוואָרן אַ דאָן־זשואַן, אַן אינטעליגענט מיט אַ פאַרריסענער נאָז.

איך געדענק אַ באַגעגעניש, אין ווועלכער מיין שפּעטערדיקע באַציאונג צו ריסיען, די באַציאונג פון אַ שטאָטישן אינטעליגענט צו אַ דאָרפיש, אומגעהובלט מיידל, איז אַרויסגעקומען זייער בולט און זייער מיאוס. איך בין, דאַכט זיך, דעמאָלט שוין אַריבער אין דעם אַכטן קלאַס גימנאַזיע, שוין געטראַכט וואָס איך זאָל ווייטער שטו־דירן, צי אויף דאָקטאָר, צי — איך זאָל ווערן אַן אינזשעניר.

די וואַקאַציעס דעם יאָר זיינען מיר צוליב פאַרשיידענע סיבות זייער שטאַרק פאַרבליבן אין זכרון. איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך ביכער און ניט איינמאָל פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון ביכל. איך האָב אויך אַ סך פאַרבראַכט ביי די גוט־באַזיצערס פון שכנישן דאָרף, מיט וועמענס טאָכטער איך האָב זיך באַקאַנט אין שטאָט און מיט וועלכער איך בין איצט געווען גוט באַפריינדעט. זי האָט מיך געלערנט צו רייטן אויף אַ פערד. דאָס מיידל איז געווען זייער פּאָפּולער און אַלע מאָל פלעגט דאָרט אַראָפּלאָזן זיך אַ גאַנצע חברה יונגעלייט און פריילינס און מען האָט געלעבט אַ טאָג.

איין טאָג איז מיר אויפן דאָרפישן שטראָס אנטקעגנגעקומען ריסיע.

איך האָב אויפגעהויבן דעם סטודענטישן קאַשקעט און געוואָלט ווייטער גיין — ווייל וואָס האָב איך מיט איר געהאַט צו רעדן — אָבער ריסיע האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— אָ, מוני, וואָס מאַכסטו?

— אָט. אַ דאַנק. וואָס הערט זיך ביי אייך?

— אוי, זע נאָר! אויסגעוואַקסן אַביסל... — האָט געזאָגט ריסיע און מיך אָנגעקוקט אַ פאַרשעמטע.

— ביסט אויך אַ גאַנץ פריילין געוואָרן, — האָט איך געזאָגט און באַטראַכט זי. זי איז מיר געווען אַזוי פרעמד, אַז איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי איך האָב געקענט צו איר עפּעס פילן. זי האָט אויסגעזען קאָמיש אין מיינע אויגן, מיט דעם אַלטן, פאַר־שטויבטן קלייד, מיט דער אומגעלומפּערטער פיגור, מיט די גראָבע פיס, און די רויטע צעטשאַפּעטע הענט, אין איר גאַנצן דאָרפישן הילוך. איך האָב ניט געקענט פאָרשטיין: ווי אַזוי האָב איך געקענט אפילו האָבן דעם חשק זיך צוצורירן צו איר?...

ריסיע האָט אַפּנים פאַרשטאַנען מיין ברוטאַלן קוק. אַ רויטקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר גאַנץ פּנים. אָבער זי האָט ניט גע־וואוסט, ווי אַזוי אַוועקצוגיין. און מיר איז די שפּיל געפעלן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען האָט מיר דערציילט אין דער היים, אַז מען רעדט אַ שידוך צווישן איר און שמואל דעם מילנערס, דעם, מיט דעם פעטלעכן פּנים, מיט די קיילעכדיקע, גרויע אויגן, ווי שטיינד־לעך, וואָס איז מיט אונדז דעמאָלט געווען מאַלינעס קלייבן.

— און וואָס טוט שמואל? — האָט איך געפרעגט ריסיען.

— ער איז אין מיל, — האָט ריסיע ניט טראַכטנדיק געענטפערט.

זי האָט זיך געכאַפּט, קעגן וואָס איך פרעג דאָס, האָט זי זיך נאָך מער צעפלאַמט און פון גרויס פאַרלעגנהייט געטאַפּטשעט פון איין פוס אויפן אַנדערן, ווי פליגן וואָלטן זי געביסן.

איך האָב זי נאָך אַביסל אַזוי אָפּגעהאַלטן, ביז ס'איז מיר נמאס געוואָרן, און זיך מיט איר געזעגנט, ניט דערלאַנגנדיק איר די האַנט, נאָר מיט אַ שטאָלצן, קאַלטן:

— נו, זיי געזונט. גריס אַלעמען.

דאָס צווייטע יאָר איז געקומען די וועלט־מלחמה. מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן, ווי נע־ונדניקעס, וואַלגערן זיך פון שטאָט צו

שטאָט. מיין שטודירעכץ איז איבערגעריסן געוואָרן. מיין קאַריערע — אויך. און דערנאָך אַמעריקע...

פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, בין איך נאָך געווען אין אונדזער דאָרף. איך האָב באַדאַרפט אַרויסנעמען אַ מעטריקע און נאָך אַנדערע פּאַפּירן. אויפן דאָרף האָט מען געקענט זען די סימנים פון די שלאַכטן און פון דער רוסישער אָקופּאַציע. די באַנהויף און די אַרומיקע שטיבער זיינען געווען אָפּגעברענט. אין אונדזער הויז האָט זיך אַריינגעצויגן אויף זיין אייגענער אחריות דער הינקענדיקער יאַסקולע, דער קאַלבאַסניק. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָרף און מיינע געדאַנקען זיינען ניט געווען קיין לוסטיקע. ס'פאַרלאָזט זיך ניט לייכט די ערד, אויף וועלכער מ'איז אויסגעוואַקסן. איך האָב ליב געהאַט אונדזער דאָרף און די פוילישע ערד.

צום צוג איז נאָך געבליבן אַ גוטע פּאָר שעה. בין איך אַוועק צו ברוכן, דעם אייער און הינער־הענדלער, וועמעס שטוב איז געשטאַנען אין עק דאָרף צווישן גויאישע שטיבער און האָט דערפאַר גאָרניט געליטן.

נאָכדעם, ווי איך האָב ברוכן און זיין ווייב קוים איבערצייגט אַז דאָס בין איך (זיי האָבן געהערט, אַז איך בין דערהרגעט געוואָרן אין קריג) האָבן מיר זיך צערעדט איבער דעם גורל פון די אַלע אידן אין דאָרף. ברוכס ווייב האָט פיר מיר אַנידערגעשטעלט אַ שיסל פאַרעדיקע קאַרטאָפל און אַ טעפל זויערמילך און מיר דערציילט פון דעם און פון יענעם. ניט קיין לוסטיקע בשורות. דעם האָבן די קאָזאַקן דערהרגעט, און דער איז געשטאָרבן פון טיפוס. און דער שטאַרבט פון הונגער. און אַזוי אַ גאַנץ צעטל. און צי האָב איך געהערט, וואָס האָט געטראָפן מיט ריסיען, האָט זי געפרעגט.

מיט שרעק האָב איך געוואַרט אויף איינער פון די גרוילדיקע געשיכטעס פון מלחמה־צייט, פון וועלכע מען האָט זיך אָנגעהערט אַזויפיל.

— דו האָסט זי געקענט, איאָ — האָט דערציילט ברוכס ווייב — שוין געווען נאָך די תנאים מיט שמואל דעם מילנערס און מ'וואָלט שוין אודאי איינגיכן געשטעלט אַ חופה. נאָר דערווייל איז געוואָרן מלחמה. שמואל איז אַנטלאָפן מיט „אונדזערע", ריסיע איז דאָ געבליבן, אונטער „פּאָניען". מיר האָבן שוין געליטן דאָס ריכטיקע גיהנום. פרעג שוין גאָרנישט. מעגסט דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטן, וואָס דו האָסט זיי אויף דיינע אויגן ניט אָנגעקוקט. אַ

שרפה זיי אין די ביינער אריין. מ'האט דען איין טאָג געהאט א רואיקן ?...

— נו, וואָס איז מכוח ריסיען ? — האָט איך אומגעדולדיק געפרעגט.

— יאָ, וואָס־זשע האָב איך דערציילט, זע, ווי ס'פירט זיך... וויפיל נעבט זי איז אויסגעלעגן אין די קעלערס, און די שרעקן, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן, איז זי פון אייזן, וואָס זי האָט עס אויסגע־האַלטן... דו ווייסט דאָך, זייער שטוב שטייט ביים שטראָס, אָבער, גאָט צו דאַנקען, די ערשטע בהלה איז אריבער בשלום... וואָס־זשע דאַרף זיך טרעפן ? טשעפּעט זיך אין איר אָן „פּאַניעס" א זעלנער...

— א איד אפילו, — האָט זיך אָנגערופן ברוך, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרנייען אַ זאַק מיט א גראָבער, לאַנגער נאָדל.

— וואָס דען ? נאָך א גוי פעלט איר — האָט זיך ברוכס ווייב א בייזער געטאָן אויף ברוכן — בעסער מיר צען ערלים איידער אזוינע אידן — האָט זי ווייטער גערעדט — יאָ, וואָס־זשע האָב איך דיר דערציילט ?... יאָ, ער איז געוואָרע א שטענדיקער אריינקומער צו זיי, און זי, נאַריש קעלבל, גלויבט, וואָס ער זאָגט צו גאָלדענע גליקן... וואָס זאָל איך דיר לאַנג דרייען א ספּאָדיק... ער איז אוועק וואו דער פעפער וואַקסט און איר איבערגעלאָזט א לעבעדיקע מתנה.

איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, אפילו אַ שמייכל געטאָן.

— און וואו איז זי איצט ? — האָב איך געפרעגט.

— וואו זאָל זי זיין ? — האָט ברוכס ווייב געענטפערט — טאַקע אין זייער הויז. קענסט דיר פאָרשטעלן די בושה און חרפה, דאָס מיידל האָט זיך שיר ס'לעבן ניט גענומען. צום מזל האָט נאָך ר' מאיר ע"ה, געלעבט... האָסט דאָך אודאי געהערט: דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן אונטערן מעסער. געהאַט זאַמד אין די נירן, זאָל ער האָט א ליכטיקן גן־עדן. א כשרער איד געווען. וואָס־זשע האָב איך דיר דערציילט... האָט מען געפונען פאַר איר עפּעס א מאַן... אז א מאַן וויל אזאַ עסק, קענסטו דיר שוין אויסמאָלן, וואָס פאַרא סחורה דאָס איז. עפּעס א לעפּאַק, קען נישט קיין אידיש וואָרט. נאָר מ'האָט געמוזט, גאָט צו דאַנקען דערפאַר. מ'האָט אים נאָך געגעבן געלט... און אריינגענומען אין הויז אריין.

— לעבט זי טאַקע דאָ ? — האָב איך געפרעגט.

— נו, וואָר־דען ? שרה הענדל, ווייסטו דאָך, איז נאָך דאָס ערשטע יאָר פון מלחמה געשטאָרבן ... גאָט האָט זיך מרחם געווען... פאַרשפאָרט די שאַנד ... זי האָט שוין אַ קינד פונם לעפאַק אויך ...

— מען זאָגט, ער שלאָגט זי — האָט זיך אָנגערופן ברוך, אי־בעררייסנדיק מיט די ציין דעם פאָדים, מיט וועלכן ער האָט גענייט דעם זאַק.

— וואָס קען מען זיך ריכטן פון אַזאַ האָוריליע, אַ בהמה־טרייבער

— האָט ביין געזאָגט ברוכס ווייב — וואָלסטו זי ניט דערקענט. גע־דענקסט דאָך זי אודאי ? אַ פאַרגעניגן געווען אויף איר אַ קוק צו טאָן. רויטע בעקעלעך, פוטער און מילך ... ניט קיין שאָטן פון דער ריסיע.

איך האָב זיך געזעגנט מיט ברוכן און זיין ווייב.

זיי האָבן מיר געוואונטשן גליק אין „דער אַמעריקע".

— שרייב אַמאָל, ווי ס'איז דיר דאָרט — האָט מיך ברוכס ווייב באַגלייט אַרויס אין דרויסן — מעגסט אַמאָל אַריינלייגן אַ טאָ־לער. כ'האָב דיך געהאַלטן אויף די הענט, ווען ביסט געווען אַזוי קליין ...

גיין צו ריסיען, צי ניט, האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווען איך האָב פאַרלאָזן ברוכס הויז. ס'האָט מיך אַ צי געטאָן זי צו זען. איך בין אַוועק צו זייער הויז.

דאָס הויז איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגער ווי אַ לאָמער אויף קוליעס. עטלעכע שויבן האָבן געפעלט. איך בין אַריין אין שטוב.

איך האָב זי קוים דערקענט, ריסיען. זי האָט זיך געפּאָרעט ביי אַ פּייערקע, בלאָזנדיק אויפן נאַסן האָלץ, וואָס האָט ניט געוואָלט ברענען. איר פּנים איז געווען איינגעשרונקען, די העלפט פון אַמאָ־ליקן, מיט לעבער אונטער די אויגן, און פאַרסאַזשעט פון רויך. זי האָט אויסגעזען כמעט ווי שרה הענדל, איר מוטער. זי האָט אויף זיך געהאַט אַ צעריסן קליידל און איז געווען באָרוועס. די שטוב איז געווען פול מיט רויך. די אָרימקייט האָט געשלאָגן אין די אויגן. אַ ווינקל מיט אַ קינד איז געשטאַנען אינמיטן שטוב. ריסיע האָט מיך גלייך דערקענט.

— מוני, וואָס מאַכסטו ביי אונדז ? — האָט זי אַ רוף געטאָן.

אָבער דערנאָך האָט זי זיך פאַרשעמט. צערעכט געמאַכט ס'קלייד און זיך אַנטשולדיקט פאַרן טאַראַראַם אין שטוב. זי מוז אָפּקאָכן

מיטאָג. דער מאַן מוז אַוועקגיין אין שטאָט. זי האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף מיר, צי איך ווייס עפּעס, צי ניט. זי האָט אָפּגעווישט אַ בענקל מיטן ברעג פאַרטוך פאַר מיר.

— איך פאָר קיין אַמעריקע. איך בין זיך געקומען געזעגענען — האָב איך געזאָגט.

— אַמעריקע? — האָט ריסיע אויסגעשריען אין וואונדער.

זי האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, וואו איך בין געווען אין די מלחמה־צייטן, און מיר האָבן זיך צערעדט. פון ריסיעס פּנים האָט זיך אַלץ מער אויסגעשיילט די אַמאָליקע ריסיע. אַזוי ווי ווען מ׳צעבלאָזט אַן אויסגעלאָשן פייער און ס׳הויבן זיך אָן ווייזן גליענדיקע קוילן.

אַ יונגאַטש, מיט אַ שיטער באַוואַקסענעם קין, מיט אַ גרינלעכן אויבערראָק, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, מיט אַ סוקעוואַטן שטעקן אין האַנט, האָט אַ פּראַל אויף געטאָן די טיר און איז אַריין אין שטוב.

ריסיע האָט זיך אויפגעריסן אַ דערשראָקענע פון ברעג וויגל, אויף וועלכן זי האָט זיך צוגעזעצט, און צוגעלאָפן צו דער פּייערקע.

— נו, שוין דאָ מיטאָג? — האָט ער מיט אַן אָנגעברוגזט קול אַ וואָרטשע געטאָן. — ווער איז דער ערל — האָט ער געפרעגט, דערזעענדיק מיך.

— ס׳מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, — זי האָט אָנגערופן מיין נאָמען.

— אָ, אַ איד, גאָר. אַבי אי האָב געמיינט ס׳איז אַ גוי.

— אפשר דאַרפט איר אַ שאָק אייער, איך האָב ערשט געקויפט. פרישע פון די הינער.

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

—איר זענט דאָך אודאי געקומען איינקויפן עפּעס אין דאָרף. איר וועט עס פאַרקויפן אין שטאָט.

— דער הער פאָרט קיין אַמעריקע — האָט ריסיע געזאָגט.

— אַמעריקע? אַזוי גאָר? נו, וואָס וועט זיין מיטן עסן, — איז זיין קול ווידער בייז געוואָרן . . . — איך הדבּ דיר, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז איך מוז נאָך היינט פירן אַ קעלבל . . . זיצסט דאָ און שמועסט מיטן פּריץ.

ריסיע האָט זיך האַסטיק גענומען גרייטן דעם טיש, ווען פון הויף האָט זיך פּלוצים געהערט אַ געשריי פון אַ קינד.

ריסיע האָט זיך געווענדט צום מאַן:

— גיי, איך בעט דיך, נתן, גיב אַ קוק, וואָס ס'איז געשען מיטן קינד.

— וואָס נאָך? — ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו איר מיט רציחה — ניאַנטשען דיינע ממזרים... עסן פֿאַר מיר ליגט איר ניט אין קאָפּ, אָבער דער ממזר, ברעכט ער דאָרט האַלדז און נאַקן.

איך האָב זיך געזעגנט און בין אַוועק צו דער באַן.

אָרימע ריסיע!

— האַ, געננוג! — איך האָב זיך אויפגעריסן פֿון מיין פֿאַר־טראַכטקייט. מיט וואונדער האָט מיך אַרומגענומען דער אימפּע־טיקער ליאַרעם פֿון דער פֿאַרהאַוועטער שטאָט. איך בין געווען אַזוי ווייט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אַ זייגער: טייוול, אַזוי שפּעט.

אַ כסלודיקע נאַכט

דער טאָג האָט געגוססט פּאַרוויקלט אין געדיכטע, רויכערדיקע נעפּלען. איבער די איינגעזונקענע פעלדער און לאָנקעס — פאַרלאָפן מיט טייכלעך און סאַזשלקעס — ווי נאָך אַ פאַרפלייצונג, האָט גע־הויערט אַ שווערע, טויטע שטילקייט, אַן עכט־פּוילישער אָסיענדיקער טאָג: גרוי, אומעטיק, אָפּגעשטאָרבן.

פאַיגע זאַיעץ האָט זיך אַרויסגעלאָזן פון שטעטל אינדערפרי איינהאַנדלען אין דאָרף — וואו זי האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געהאַלטן אַ שענק — אַ פורל קאַרטאָפל און קרויט פאַרן ווינטער. צוליב די קאַלוזשעס און טיפע בלאָטעס, איז דער וועג היינט געווען אַ שווערע אָפּקומעניש. זי האָט זיך אַלעמאָל געמוזט אוועקשטעלן אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. נאָכמיטאָג האָט דער אָנגעשוואָלענער גרינלעך־פאַרלאָפענער הימל אויפגעפּלאַצט, און ס׳האָט אַ שפּריץ־געטאָן — מיט אַ סוויסטשען און הוזשען — אַ געדיכטער רעגן. פאַיגע איז באַלד דורכגענעצט געוואָרן ביז צום ביין. זי האָט זיך געוויקלט אין דער צעווייקטער שאַל, אָבער ס׳האָט ווייניק געהאָלפן. דער רעגן האָט זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט און ווידער זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ שטיק הימל וואָלט זיך אָפּגעריסן. ס׳איז נאָך געבליבן אַ גוטער מייל וועג אין דאָרף אַריין.

פאַיגע האָט מיט זיך געחזרט:

באַלד דאָרף שוין זיין דער צלם מיטן יאָיזל. פון דאָרט מיט דער סטעזשקע איבער די פעלדער איז שוין ניט ווייט די גויאישע שטיבער.

אַן אַנדער געדאַנק האָט זי געמוטשעט:

— ווי אַזוי וועט זי נעמען אַ פורל מאָרגן, אַז עס וועט ניט אויפהערן רעגענען. די קינדער האָבן זי געבעטן, זי זאָל ניט גיין. ס׳פעלט איר ניט מער, נאָר אוועקליינן זיך.

פּלוצים איז זי געבליבן שטיין ניט־גלויבנדיק אירע אויערן. יאָ, ס'איז אַ וואָגן. גאַנץ באַשטימט. אַ פריידיקייט האָט אויפגע־פלעמלט אין האַרץ. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַ זייט און געוואַרט. נאָך איידער דער וואָגן האָט זי דערגרייכט, האָט זי אויפ־געהויבן די הענט און זיך צעשריען מיט אַלע כוחות: העי, דאָברי טשלאָוויק, פּאָמילויסי" (גוטער מענטש, האָב רחמנות). אָבער ס'איז אַן עבירה געווען די מי. דער גוטער מענטש האָט, אַפּנים, וואָס גיכער געוואָלט זיין אין דער היים. ער איז געשטאַנען אויפן וואָגן און געהאַקט די פערד מיט דער בייטש: האָק, האָק, — ווי איינער, וואָס מלאָיצעט תבואה מיט צעפּעס.

פאַיגען האָט אינגיכן אַריינגערינגלט נאַכטיק חושך. דער רעגן האָט געגאָסן און אויפגעהערט, געגאָסן און אויפגעהערט. פאַיגע האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר איינס: איז זי שוין ניט פאַרביי דעם צלם מיטן יאָיזל? דעמאָלט איז זי אַ פאַרפאַלענע. ניט די אויגן — אַן אַנדער חוש, האָט איר געוויזן דעם צלם. זי האָט שוין גע־אַרבעט מיט די לעצטע כוחות, ווען זי האָט דערזען דאָס געלע פלעמל פון אַנטעק ביקס כאַטע ביים וואַלד.

* * *

מיט פאַרפרוירענע, שטייף־געוואָרענע פינגער האָט זיך פאַיגע געמוטשעט אַ שטיקל צייט, ביז זי האָט געעפנט די נידעריקע טיר פון דער כאַטע. אַ ריח פון אַלט קרויט און טוכלעקייט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. אַ גוטע וואַרימקייט האָט געשלאָגן פון דער אָנגעהייצטער קיך. זי האָט דערזען ביים שיין פון אַ קליינעם נאַפט־לאָמפּ די ביקעבע וויגנדיק אַ קינד לעבן דער הרובע.

— אַ גוטן אָוונט, ביקעבע! אַי, בין איך נאָס געוואָרן — כ'האָב שוין געמיינט, כ'וועל ניט דערגיין — העלפט מיר, כ'בעט איך, אויסטאָן זיך — אפשר האָט איר עפּעס אַ טרוקענעם מלבוש — איך וועל שוין מוזן דאָ נעכטיקן.

די גויע האָט געשטופּט מיטן פוס ס'וויגל און געקוקט, אַ ברוגזע, אויף דער קאַלוזשע וואַסער, וואָס האָט זיך גענאָמלט אויף דער ליימיקער פּאָדלאָגע פון פאַיגעס קליידער. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז אַמאָל געקומען צו פאַיגען בעטן אַ פּאָר שטיוול אויף באָרג און פאַיגע האָט ניט געוואָלט געבן. זי האָט בייז אַ ברום געטאָן:

— פאיגע, וואָס פאַר אַ שווארצער יאָר האָט אייך אהער געבראַכט? וואו ועט איר דאַ נעכטיקן? איר ווייסט דאָך, מיר האָבן איין שטיבל. — גייט אייך צו אייערע.

— אָבער, ביקעבע, האָט דאָך גאָט אין הארצן — גיט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן — כ'האָב גיט קיין טרוקענעם פאָדים אויף זיך.

אין דער האלבער טונקלקייט פון שטוב, ארומגעראַמט מיט הייליקע בילדער: מאַדאָנעס מיט פארגלאָצטע אויגן און וועקסענע אפּאָסטאָלן מיט בערד, האָבן ארומגעטאַנצט משונהדיקע שאָטנס.

די גויע האָט אויפגעהערט אויף אַ מינוט וויגן דאָס קינד און האָט געשריען: — וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר, וואו וועט איר שלאָפן, מיט מיינעם אין בעט?

פאיגע האָט געשוויגן און געטראַכט: — אוי, ברענען זאָלסטו, כלבטע, גאָר ברענען. —אַ ציטער האָט ארומגעכאַפּט איר דורכגענעצט לייב. זי האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום פייער. אַ גערוך פון פארעדיקע קליידער האָט פארפולט די שטוב.

— פארשטונקען אַ גאַנצע שטוב — האָט געברומט די ביקעבע.

— אַי, ביקעבע — האָט פאיגע געקרעכצט — זינדיקט נים. האָט גאָט אין הארצן.

און דערוואָרימט, האָט זי געזאָגט מיט ביטערקייט:

—אייער גלח לערנט אייך ארויסטרייבן מענטשן אין אזא נאַכט? און וואָס זאָרגט איר זיך, וואו איך וועל שלאָפן? וואָס, איך בין אַ פּריצה? אויפן קופערט אויפן פעקעליק — אבי די ביינער דערוואָרימען.

* * *

די ביקעבע האָט געכאַפּט אַ מעלק־שעפל, אריבערגעוואָרפן ס'קלייד איבערן קאָפּ, דורכגעלאָפן די פאַדווירע און אָן אָטעם אריינגעלאָפן אין דער קו־שטאַל. ביים שיין פון אַ לאַמטערן, וואָס האָט געקאַפּטשעט אין אַ ווינקל, האָט זי דערזען איר מאַן, אונטערשאַרנדיק רויבערהדיקן גנאַי אין אַ רינווע, וואו עס זאָל אָפּרינען אין דרויסן.

— פאיגע איז געקומען צו אונז נעכטיקן! — האָט זי ארויסגעפּראַלט.

אנטעק האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע קיילעכדיקע, טריבע אויגן. זיין געל־קרענקלעך פנים, מיט דער איינגעפאַלענער ניט־דערוואַקסענער

נאָז, האָט געהאַט אַ מויל וואָס איז פון אַ שניט געווען אויסגע־דרייט אָן אַ זייט. זיין שמאָלער קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט צעפּאָלטע קודלעס געלע האָר. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אָן אַלטן זאַק.

— וואָסער פאַיגע, וואָס רעדסטו?

— אָט קוק אים אָן! ער ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז! ווייסט ניט, פאַיגע, וואָס האָט געהאַט אַ שענק?

— אַ, פאַיגע די שענקערקע? — האָט אַנטעק געזאָגט, — דער רעגן האָט זי געווים געבראַכט צו אונז.

— און אַז ס'איז אַ רעגן? — זי וועט צעטאָפּיעט ווערן? — ביזט דאָך אַ מאַן — גיי, זאָג איר, זי זאָל זיך גיין, — זי האָט דיך ניט איינמאָל געוואָרפן פון שענק — און אַ פּאָר שטיוול אויף באָרג האָט זי מיר אויך ניט געוואָלט געבן. — וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? אויסגעבאָלושעט די אויגן ווי אַ סאָווע. טפו!

איר שווער, פּויעריש פּנים, מיט דער שפּיציקער גאָמבע, איז געווען אָנגעלאָדן מיט פאַרביסנקייט און פאַרטייעטער בייזער ניט־צופרידנקייט. זי איז געווען ענלעך צו אַ הונט, וואָס וויל בייסן, און האָט מורא.

זי האָט זיך נעזעצט מעלקען. שנירלעך מילך האָבן געקלאַפּט אין דער בלעכענער כלי. איבערן דאָך האָט געליאַפּעט מיט בייזער פאַרביסנקייט דער רעגן.

אַנטעק האָט זיך איינגעקוקט אין ווייב מיט אויפגעזשאַרעטע בליקן. אַ שלאַנג! ער האָט זי באַדאַרפט געווען אָנכאַפּן ביי די האָר, ווען זי האָט זיך אַזוי צעלאָזן מיט דער צונג, די נבלה. אַ גאַנצע פּריצה ביי זיך געוואָרן. גאָר וואַזשנע געוואָרן ביי זיך. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, ווייל זי האָט געהאַט אַ בויך פון סטאַכן, דעם וואָיטס־צעבאַלעוועט זונדל. זי לויפט צו אים איצט אויך. זאָל ער זי נאָר אַמאָל כאַפּן... זיינע געדאַנקען קומען צוריק צו פאַיגען, וואָס האָט געהאַלטן אַ שענק ביי דער באַן־סטאַנציע. פאַרוואָס איז זיינע אַזוי אין כעס אויף איר? אַ שלאַנג! אין זיין פאַרחושכטן מוח קריכן פּאַמעלעך אַרויס די דערמאָנונגען: נעכט אין נעפּאַקטן, פאַררויכערטן שענק... ער האָט געגאָסן אין זיך בראַנפן אָן אַ שיר — און פאַיגע פלעגט אים טרייבן...

— און זי, פאַיגע, מיינט איך האָב פאַרגעסן, ווי זי פלעגט מיך פון שענק וואַרפן.

אַנטעקס אויפגעראַיעטער מוח טאַשט אויף אַלץ נייע געדאַנקען
— זי האָט געלט — רופט ער זיך פּלוצים אָן.

די גויע, וואָס האָט תיכּף פאַרשטאַנען וואָס אַנטעק מיינט, האָט א מרוטשע געטאָן:

— ווער האָט געלט, וואָס רעדסטו?

— דיר, סוקע, דאַרף מען צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, ווי אַ שלאַנג.

די גויע ענטפערט ניט, מעלקט האַסטיק, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ.

אַנטעק האָט אויסגעשפּיגן, אַפּגעוואָרפן אַ לעצטן, בייזן קוק אויפן ווייב, ווי איינער רעדט: דיין צייט וועט קומען, ניט גע־זאָרגט, — און מיט שלייכנדיקע טריט אַרויס פון שטאַל.

* * *

פאַיגע איז שוין געווען דערוואַרימט. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ קליין נידעריק בענקעלע און אויסגעצויגן די אייז־קאַלטע פיס צום אָפענעם טירל פון קיך. גרויע פאַסמעס האָר האָבן זיך צעשיט איבער איר אַלט־שלאַבערדיק פּנים.

— אַנטעק, — האָט זי געזאָגט דערזעענדיק דעם גוי אַריינקומען,

— ס׳רעגנט נאָך? דיינע האָט מיך פיין אויפגענומען.

אַנטעק האָט ניט געהאַט קיין קלאָרן געדאַנק וואָס צו זאָגן, אָדער טאָן. ער האָט נאָר איינס געוואוסט: ער וועט ווייזן פאַיגען, ווער ס׳איז באַלעבאָס אצינד. אָבער דערזעענדיק פאַיגען, האָט ער ניט באַלד געפונען ס׳לשון. ער האָט תמיד געערדט צו פאַיגען און צו אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען העכער פון אים, מיט הכנעה, מיט איינגעוואַקסענער, אָרימאַנסקער שפּלדיקייט. זיין פאָטער איז געווען אַנדרעי דער שטיינהאַקער, דער אָרעמסטער און שפּלסטער פּויער אין דאָרף, אַ לוין־אַרבעטער ביי שאָטרעווען וועגן, צו אויסהעלפן אַנדערע פּויערים אין שניט־צייט. זיין מוטער האָט ניט איינמאָל געמוזט אויסבעטלען אַ שטיקל חזיר־פעטס צי אַ טראָפּ מעל ביי באַלעבאַטישע גויעס. דאָס אַלץ וואַקסט אריין אין די ביינער. ווען ער איז געווען אַ אינגל, האָט אים אַ שייגעץ צעשניטן ס׳מויל אין אַ געשלעג. קיין תענוג זיין לעבן האָט עס ניט צוגעגעבן. דאָס ווייב האָט אים אריינ־געבראַכט די שטוב ביים וואַלד און די פּאָר בהמות, וואָס ער פאַר־מאָגט.

פאַיגע האָט ווייטער גערעדט מיט אַ קרעכצעדיק קול:

— אנטעק, דיר האָב איך אויך אמאָל שלעכטס געטאָן? אז איך, אַן אַלטע אידענע, דאַרף זיך שלעפּן אין אזא דרויסן, די קינדער אַ שטיקל ברויט צו ברענגען, האָט מען ניט קיין רחמנות — מען האָט ניט מורא פאַר גאָט.

די רייד האָבן געגעבן אַנטעקן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן און מאָדנע, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין ווייבס קריוודע.

— אָ, קוק זי נאָר אָן ווי זי רעדט! — און אַז דאָס ווייב איז געקומען בעטן, אַז זי גייט אין צעריסענע שטיוול אין די בלאָטעס, האָסטו געמאַכט אַ געוואַלד, פאַרשעמט פאַר מענטשן — דו, פּאַיגע, ביסט ביי מיר אין שטוב — דו שמיר ניט מיט דער צונג.

— אַנטעק, ווי איז מיר — ווי מען רעדט עס אָן שלעכטס אויף מענטשן — איך בעט זי: ביקעבע, קומט שפּעטער. איך האָב נאָך היינט קיין פּעטשאַטעק ניט געהאַט.

— און אַז זי איז געקומען שפּעטער, האָסטו געגעבן? ליגסט ווי אַ הונט.

— וויי איז מיר — און אַז זי איז געקומען און איך האָב נאָך אַלץ קיין גרייצער לייזונג ניט אָנגעזען, האָב איך געזאָלט אָנהויבן דעם טאָג מיט באָרג? אַנטעק, די קינדער ווילן עסן — אַנטעק, וויפיל קעלישעקלעך בראָנפן האָסטו ביי מיר אויסגעטרונקען אומ־זיסט?

— אידענע פאַרשאַלטענע, און וויפיל מאָל האָסטו מיך פון שענק געוואָרפן? מיינסט, כ'האָב פאַרגעסן?

— אי, אַנטעק, וואָס געווען איז געווען. דו פאַרגעסט וויפיל מאָל איך האָב זיך אָנגענומען פאַר דיר, ווען שקצים האָבן זיך געריסן צו דיר שלאָגן?

די דערמאָנונג פון די אַלטע צייטן האָט אַנטעקן שטאַרק אויפ־געבראַכט. ער איז איצט געוואָרן אַ באַלעבאָס ווי אַנדערע און זי דערמאָנט די אַלטע צייטן...

— ווי דו שמירסט מיטן פּיסק אַז דו דאַרפסט אַנטעקס לאַסקע. גיי דיר געכטיקן צו דיינע זשידעס. — מיט בייזקייט האָט ער זי אַ שטאַרקן שטויס געטאָן.

פּאַיגע איז אוועקגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט פאַר ווייטערע קלעפּ. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז כאָטש זי האָט זיך געמוטשעט עפּעס זאָגן, האָט זי ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

די ביקעבע איז אַריין מיט אַ שעפּל מילך און אַ דערשראָקענע אַ געשריי געטאָן:

— וואָס פאַר אַן אומגליק אויף מיין קאָפּ. אַנטעק, ביסט משוגע געוואָרן? כ'האָב אייך געזאָגט, פאַיגע, איר זאָלט אייך גיין.

— איך גיי, איך גיי — האָט פאַיגע געזאָגט אויפהויבנדיק זיך.

ערשט איצט האָט זיך אַנטעק ווידער דערמאָנט אין פאַיגעס געלט. צוליב דער קריגעריי האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן דערין. ער איז געשטאַנען אַ רגע פאַרבליפט מיט אַ תמעוואַטן פּנים... ער איז צוגעלאָפן צו פאַיגען און זיך געלאַשטשעט צו איר, געגלעט זי ביי דער פּלייצע:

— פאַיגע, פאַיגע, זייט מיר מוחל, זייט ניט אין כעס, אַט משוגע געוואָרן... איר וועט דאָ שלאָפן, פאַיגע, גיב עפּעס צו עסן, ווייב! וואו וועט איר זיך שלעפּן אין אַזאַ נאַכט? זייט מיר מוחל...

* * *

אַנטעק האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע. פאַיגען האָט די ביקעבע דערלאַנגט אַ טעפּל מילך און אַ שטיק ברויט. אַנטעק האָט זיך איבערגעצלמט, אָפּגעוואָרטשעט עפּעס מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, דערנאָך זיך גענומען עסן, שאַרנדיק מיטן לעפל צוערשט אַרום די ראַנדן, ס'זאָל קיין ברעקעלע ניט בלייבן אויף דער שיסל. ער האָט געגעסן, ווי פּויערים עסן, לאַנגזאַם, סיסטעמאַטיש, ווי מען קאָסעט גראָז... אַ פּערלדיקער שוויים האָט באַזעצט זיין שטערן. ער האָט געזאָגט צו פאַיגען:

— פאַיגע, עסט בעסער גרויפּן, מילך איז גוט פאַר קינדער.

פאַיגע איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע ביים פענצטער און געקוקט ווי די ריטשקעלעך וואַסער לויפן איבער די פאַרפּאַרעטע שויבן. טרערן זיינען אַפּירגעקוואָלן פון אירע אויגן און געלאָפן איבערן פּנים...

* * *

אַנטעק האָט זיך געלייגט שלאָפן אויפן פּעקעליק, געוואַרט ביז אַלץ וועט שטיל ווערן און איבערגעטראַכט וואָס צו טאָן. שווער געווען אָנצוכאַפּן זיך אין עפּעס איין קלאָרער זאַך, אַרויספּלאָנטערן עפּעס אַ פּלאַן, עפּעס זיכערעס... אַלץ וואָס שטייט פאַר די אויגן איז פאַיגעס געלט. דאָס דרייט זיך ווי אַ פייערדיק ראָד פאַר די אויגן. אַ סך געלט. ער ציילט עס מיט זיינע פּויערישע זשעדנע

פינגער מיט ווילדער באַגערוודיקייט: פּאַפּירל נאָך פּאַפּירל, מטבע נאָך מטבע. ער גלעט זיי און פרעסט זיי און ציילט זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל... זי מוז האָבן אַ פולן טייסטער, פּאַיגע. געקומען איינקויפן אויפן ווינטער... וואו האַלט זי עס? אין בוזעם, אָדער גאָר פאַרנייט אין די קליידער? ווי־זשע וועט ער צוקומען דערצו? און אַז זי וועט אויסגעפינען מאָרגן? אין קרימינאַל קען זי אים פאַרשיקן... בעסער גוט איבערטראַכטן, אַנטעק...

אַנטעק האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַ מאַוימדיקע אומרואיקייט כאַט אים אַרום... פּלוצים גאָר אַ נייער געדאַנק... אַנטעק לאָזט זיך ניט, טרייסלט זיך אָפּ — וואָס פאַר אַ משוגעת, אַנטעק? וועסט פאַרפוילט ווערן אין קרי־מינאַל, אַנטעק... אָבער ס'לאָזט זיך ניט צודיקהאַלטן, אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט: דערהרגע זי, פּאַיגען, דערשטיק זי. וועסט זי באַגראָבן אין וואַלד און ווער וועט זיין קליגער... גיי זוך... איך וויים פון גאָרניט... זי איז ביי מיר ניט געווען... איך וויים פון גאָרניט... אָבער אַנטעק רירט זיך ניט פון אָרט... איינגעעקשנט ווי אַ באַדראָטע חיה, וואָס גראָבט זיך איין אין נאָרע ווען זי שפּירט אַ געפאַר. ער זיצט און ציטערט... אַלערליי קריוודעס פון זיין שווער, פינצטער לעבן, שוועבן אַפיר, מאָנען עפּעס... קלאָגן זיך... ער האָט זיך אַפילו דערמאָנט אָן זאָשקען, מיט די פלאַקסענע צעפּ, פאַר וועלכער דער פּאַנסקי פּאַראָבעק סטאַך האָט אים צעהאַקט די זייטן און צעבלוטיקט ווי אַ חזיר...

דער געדאַנק פון דערמאָרדן פּאַיגען לאָזט אים ניט נאָך, מיט שטייגנדיקער, פיבערישער אויפגערעגטקייט טראַכט ער דערפון... ער וועט זי פאַרגראָבן ערגעץ אין פעלד... ווער וועט וויסן, צי זי האָט גאָר געגעכטיגט ביי אים... אַ האָן וועט ניט אַ קריי טאָן... זי האָט עס כשר פאַרדינט... ווי אַ לעמעלע היינט געווען... אַנטעק טייערער און אַנטעק זיסער... אָבער אַמאָל — געזידלט, געטריבן, געוואָרפן, ערגער ווי אַ הונט. ביי אַנטעקן האָבן זיך פאַרקרומט די צעשטערקטע פינגער: דערשטיקן זי... זי וועט אַפילו קיין פּיפּס ניט טאָן. אַ גוטן דרוק ביים גאָרגל, ווי דאָס העזל וואָס ער האָט אַמאָל געכאַפּט און אים מיט איין דריי איבערגעבראָכן דעם נאַקן. ס'האָט נאָר אַ פּאָר מאָל אַ דריגע געטאָן מיט די פיסלעך...

ער האָט זיך איינגעהערט צי פּאַיגע שלאָפט, שוין אָראָפּגעשטעלט די פיס — און זיך ווידער אָפּגעהאַלטן, זיך געשראָקן, ניט געקענט

ביי זיך אָפּמאַכן... ער האָט געזען אַרעסטאַנטן אין גרויע, אַרעסטאַנטסקע קליידער אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן מיט בלאַנקענדיקע באַגנעטן, ער האָט געזען אַ פּראָצעסיע מיט פּאָנען און אַ גלח מיט מיט אַ גרויסן צלם פון פאָרנט...

ס'האָט זיך דערהערט אַ טראַסק ווי ס'הערט זיך פון אַלט האָלץ און אַנטעק איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער... אַ קאַלטער ווינט האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן. ער איז געווען זיכער אַז אימיצער האָט געעפנט די טיר... פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט, וואָלט ער ניט צוגעגאַנגען געבן אַ קוק... אפשר שטייט שוין דאָרטן אַ שד און וואַרט נאָר...

ערגעץ אין אַ שפּעטער שעה, איז ער צוגעקראָכן צום בילד פון דער „מאַטקע באָסקע" און אויף די קני געשטאַמלט אַ הייסע דערוואָרגענע תּפלה, געדאַנקט, וואָס זי האָט אים געראַטעוועט פון נסיון: . מוטער פּאַרוויטיקטע, הייליקע, פול מיט רחמים.. פאָטער, וואָס ביסט אין הימל, זאָל זיין געהייליקט דיין נאָמען... פאַרגיב אונדז אונדזערע זינד און פיר אונדז ניט צו קיין נסיון...

„מאַיראַ"*)

די שטאָט האָט זיך אויסגעפּוצט אין די נאַציאָנאַלע פּוילישע קאָלירן. שוין פון דער פרי אָן האָבן די גאַסן אָנגעהויבן געדיכט ווערן מיט טומלדיקע שטראָמען מענטשן. דער וואַרימער פרילינג־טאָג האָט לייכטער געמאַכט אַריינצופאַלן אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. אַלע ווײַלע האָט די געדיכטע מאַסע מענטשן זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס... ס'איז געוואָרן אַ געדרענגעניש, אַ שטופּעניש... „זאָל לעבן פּילסודסקי! לעבן זאָל אַ פרייַ פּוילן!" האָבן זיך קולות געריסן...

ענדלעך באַווייזן זיך די עשטע רייטער, מיט רויט־ווייסע קאָקאַרדעס אויף די לעגיאָנערישע קאַשקעטן. דער עולם גיט זיך אַ לאָז פון די טראָטואַרן, פאַרגיסט די גאַס. די עטלעכע רייטער ווערן פאַרפלייצט פון צעווילדעוועטן, הוראַ־שרייַענדיקן ערב־רב... זיי בויגן זיך אויף די העלדזער פון די פערד, זיי דריקן די הענט וואָס מען שטופּט זיי... מענטשן וויינען, שטופּן זיך בלינדערהייט — באַרוישטע, פאַרשיכורטע פּנימער פון אַלע זייטן...

אויף אַלע גאַסן אַזוי.

צוויי אידישע סטודענטן, אַקערמאַן און יאַקובאָוויטש, זייַנען אין סאַמע מיטן, אין דער גרעסטער געדיכטעניש. זיי פילן ניט אַזוי שטאַרק די גרויסע פרייד — ווייל זיי זייַנען פאָרט אידן, כאָטש אויסגעהאָדעוועט אויף דער פּוילישער ערד, אויף דער פּוילישער קולטור... כאָטש פאַר זיי, אַלס פּוילישע סטודענטן, מיינט פּוילנס זיג, אַז זיי וועלן קענען ענדיקן זייערע לימודים, באַקומען אַ פּראַקטיק. זיי גייען אַרום מיט לוסטיקע, זאָרגלאָזע פּנימער. בײַדע

---

*) די דערציילונג איז געבויט אויף די געשעעניש פון לעמבערגער פּאָגראָם נאָך דער באַפרייאונג פון לעמבערג פון דער אוקראַינישער באַלאַגערונג.

האָבן דריי גאָלדענע פּאַסיקלעך אויף די קאָלנערס פון די סטודענישע מונדירן — זיבעטער קלאַס גימנאַזיע. אויף די היטלעך האָבן זיי פּוילישע אָדלערס. זיי ריידן פּויליש.

— אינגיכן וועט מען עפענען די „בודע" — זאָגט אַקערמאַן

— מ'וועט זיך ווידער מוזן נעמען צו די ביכער.

ער זאָגט עס באַדויערנדיק — זיין פּאַטערס געשעפטן גייען גוט. ער מוז ניט אַרומלויפן, ווי יאַקובאָוויטש, אויף לעקציעס אַ גאַנצן טאָג. ער האָט ליב צו לייענען ראָמאַנען פון ווילדע פעלקער, ווייסט ניט, וואָס ער וועט טאָן ווייטער, אַז ער וועט ענדיקן די גימנאַזיע. יאַקובאָוויטש, אַ גוטער מאַטעמאַטיקער, וויל שטודירן אויף אינזשיניר.

פון אַ זייטן־גאַס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ טומל... אַ גרילץ פון מעטאַלענע רולעטן, פון זיך פאַרמאַכנדיקע געשעפטן, אַ געזאַנג, געשרייען... אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד איז געלאָפן געיאָגט פון עטלעכע שקצים. פון אַלע גאַסן איז מען געלאָפן אין גרויס איילעניש...

אַן אָפּטיילונג לעגיאָנערן האָט מאַרשירט, זינגענדיק דעם נאַציאָנאַלן הימן. די גאַס איז געשטאַנען אָן היטלען, מיט פרום־פאַרגליווערטע פּנימער. מען האָט געשעפּטשעט:

— לעמבערגער קינדער. טייערע אינגלעך.

— די פאַרטיידיקער פון לעמבערג. זיי האָבן אונדז געראַטעוועט.

— מאָירא — האָט זיך דערהערט פון מאַרשירנדיקע זעלנער.

— מאָירא, מאָירא, — האָבן שפּעטער קולות אונטערגעכאַפּט. אַזוי האָבן פּוילישע זעלנער פאַרדרייט דאָס אידישע וואָרט מורא.

אַ שויב אין אַ געשעפט איז זיך צעפלויגן אויף שטיקלעך.

— מאָירא, מאָירא, — האָבן זיך געשרייען געטראָגן פון דערווייטנס.

מען האָט געשעפּטשעט:

— ניט אומזיסט פאַרמאַכן די „זשידעס" די געשעפטן. זיי ווייסן, אַז אונדזערע וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

— מ'וועט זיי ווייזן, וואָס דאָס הייסט האַלטן מיט די אוקראַינער.

— זיי האָבן געגאָסן היים וואַסער אויף אונדזערע.

ביי ביידע סטודענטן איז שוין מער ניט געווען די יונגע מונטערע זאָרגלאָזיקייט. פאַרחושכטע, פאַרצערטע זיינען זיי אַוועק אין

שטילערע גאסן, אריין אין א שטאטישן פארק, אוועקגעזעצט זיך אויף א באנק דערשלאגענע. — — — — — — — — — — — — — — —

עטלעכע לעגיאנערן זיינען פארבייגעגאנגען.

— פארוואס זענט איר ניט אנטלאפן מיט די אוקראינער, זשידקי?

— אין פאלעסטינע, אידן!

— אין באלשעוויסטישן רוסלאנד. דארט איז די אידישע מלוכה.

די צוויי סודענטן האבן ניט געענטפערט, שטארק בלאס גע־ווארן, זיך איינגעהויקערט.

— כאמעס, — האט געזאגט אקערמאן.

יאקובאוויטש האט געשוויגן, דערנאך ארויסגעקרעכצט: — גאט, גאט.

— מען האט זיי אנגערייצט — האט געזאגט אקערמאן — דארפסט דיר ניט אזוי נעמען צום הארץ. קום, לאמיר גיין.

זיי זיינען אוועק ווייטער און ווייטער אין פארק. די שטאט איז זיי נמאס געווארן. זיי זיינען ארויס אויסער דער שטאט. דער ארום איז געווען פרילנגדיק צעשיינט, צעבליט... די סטודענטן זיינען ארומגעגאנגען פארמרה־שחורהטע, פארשעמטע. — — — — —

ווען זיי האבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטאט אריין, איז שוין געווען באלד נאכט. אן אומרו האט זיי ארומגעכאפט. די היינטיקע געשעענישן האבן זיך אויפסניי אוועקגעשטעלט פאר די אויגן. מאירא, האט געקלונגען אין די אויערן.

די גאסן האבן אויסגעזען ווי אלע מאל. בלויז א „פילסוד־טשיק" דא און דארט האט דערמאנט דעם טאג. ערשט ביים פוילישן טעאטער האבן זיי דערזען א סך זעלנער. דארט הויבט זיך אן דער אידישער קווארטאל. צווישן די זעלנער האבן זיך געשלייכט אידן, איינגעבויגענע, דערשראקענע...

— איז עפעס געשען? — האט יאקובאוויטש א פרעג געטאן ביי א פארביילויפנדיקן אידן. דער איד האט אויף אים שנעל א קוק געטאן, ניט געענטפערט, ווייטער געלאפן.

א זעלנער, אן אינטעליגענט לויטן פנים, האט זיי גוט בא־טראכט, זיי פריינטלעך אפגעשטעלט:

— איך ראט אייך פריינטלעך ניט צו גיין אהין... גייט בעסער אין שטאט אריין...

— פארוואס? — האט יאקובאוויטש א געשריי געטאן.

— ס'קענען זיין אומרוען... — האט געענטפערט טרוקן דער זעלנער, זיך אויסגעדרייט און אוועק.

— קום, שלאף ביי מיר, — האט געזאגט אקערמאן צו יאקור־באווימשן.

— וואס רעדסטו? מיינע עלטערן. — און א זיי געזונט, איז ער געלאפן אהיים.

* * *

אין הויז האט זיך געפילט די צעטומלקייט פון גאס. א שרעק האט געוויייעט איבער דער שטוב. זיין מוטער האט זיך אים שוין געקליבן זוכן. זי האט שוין איבערגעקלערט גאט ווייסט וואס... אין אזא צייט... יאקובאוויטש איז אריין אין זיין קאמערל, געווארפן זיך אויפן בעט. אזא צעטומלעניש פון געדאנקען, אזא דריקנדיקע שווערקייט...

...ער וועט זען קריגן ערגעץ א רעוואלווער... ער וועט זיך אקעגנשטעלן... ער וועט זיך ניט לאזן טרעטן ווי די לויפנדיקע, דערשראקענע אידן...

ניט קיין שרעק איז ביי אים געווען, נאר א טיפע בושה און דער־שלאגנקייט. אט איז ער געווען א מענטש ווי אלע מענטשן... און מיטאמאל הפקר... א הפקרער הונט אויף וועמען ס'איז א מצוה צו ווארפן שטיינער... ער האט אריינגעשטופט דעם קאפ אין קישן און געהעשעט און געשלאגן מיט די פויסטן... ס'זיינען אפירגע־שוואומען געלייענטע, געהערטע זאכן: שיטערהויפנס, אינקוויזיציע, כמעלניצקים צייטן, דער שמע ישראל פון אידישע קדושים...

זיינען אויגן האבן זיך אפגעשטעלט אויפן בילדל פון זיידן איבערן בעט. דער זיידע, וואס איז ניט לאנג צוריק געשטארבן, איז אים געווען זייער איינגעבאקן אין הארץ. נאכן זיידנס טויט איז ער גאנצע טעג געלעגן אויף זיין בעט, ניט געוואלט עסן, געוויינט. ער האט געקוקט אויף די שטילע, רואיקע אויגן פון זיידן... א יאוש האט געגעבערט אין הארץ. אן אומבאקאנטע שרעק...

* * *

שפעטער ביינאכט האט ער דערהערט קולות, גראבע, פרעמדע קולות...

מיט א שפרונג האט ער אויפגעריסן די טיר. אין שטוב זיינען געווען צוויי זעלנער, שקאצישע, פארגרעבטע פנימער... אויפגעשפיזטע

באיאָנעטן און לענגלעכע מעטאַלענע קעסטעלעך אַרום די גאַרטלען — האַנט־גראַנאַטן.

— צאָ סיע סטאַלאָ? (וואָס איז געשען?) — האָט ער אויס־געשריען.

— זאָג זיי — האָט זיך צו אים די מוטער אַ וואָרף געטאָן — זאָג זיי, זיי ווילן געלט... מיר האָבן ניט קיין געלט... דו קענסט זיך דאָך אויסטענהן מיט זיי... זאָג זיי.

ער האָט זיי ערשט איצט דערזען: די מוטער, אַ געלע, ווי וואקס, זיין פאָטער, און די קליינע שוועסטער מיט צעשראָקענע אויגן אין אַ ווינקל.

אים אַליין האָבן זיך די קני אַ בויג געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן.

— וואָס מאַכסטו, פאַני מאָשקו? — האָט זיך איינער פון די זעלנער מיט אַ שמייכעלע פאַרנייגט, כלומרשט מיט גרויס דרך־ארץ אַראָפּגענומען דאָס היטל — אָ, דו האָסט זיך באַהאַלטן, זשיד־קו? דו האָסט געגעסאָן היים וואַסער אויף אונדז.

דער סטודענט האָט געשוויגן.

— קום אַהער, זשידקו! — האָט דער זעלנער אַ געשריי געטאָן.

— זאָג זיי, זאָג זיי — האָט די מוטער, ווי אַ צעמישע, קרעכצנ־דיק איבערגעזאָגט — מיר האָבן ניט קיין געלט, זאָג זיי...

— יאַקובאָוויטש האָט זיך געשטאַרקט:

— וואָס ווילט איר דאָ, אין אַ פרעמד הויז, ביינאַכט?

די זעלנער זיינען פאַרוואונדערט געוואָרן:

— קוק אים אָן, דעם אידליק, ווי ער בייזערט זיך! — האָט דער ערשטער פון זיי זיך אַ ריס געטאָן.

— דו חזירשער, הינטישער בענקאַרט! — האָט זיך דער צווייטער אָנגעצונדן — איך וועל דיר ווייזן!...

די בלויע אויגלעך זיינען ביי אים דורכזיכטיק געוואָרן, פאַר־זשמורעט, ווי ביי אַ קאַץ.

ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם סטודענט מיט דעם אָנגעשטעלטן מעסער פון באַגנעט.

יאַקובאָוויטש האָט צוריקגעטראָטן אַ טריט

— ווייז אים, יאַש! — האָט דער אַנדערער זעלנער אונטער־געמייצט.

— גייט ארויס פון דאנען! איר האט קיין רעכט ניט צו באַ־פאלן מענטשן ביינאכט — האט יאקובאָוויטש, צוריקטרעטנדיק צו דער וואנט, געשריען.

— די הענט ארויף! — האט דער זעלנער שוין נאענט צו אים אַ צערייצטן ברום געטאָן.

— די הענט ארויף, זאָג איך! — האט ער איבערגעחזרט — אָדער איך לעכער דיך דורך ווי אַ הינטל.

יאקובאָוויטש האט לאנגזאם אויפגעהויבן די הענט.

דער זעלנער האט אריינגענומען די ביקס אין דער לינקער האנט און מיט דער רעכטער האט ער אָנגעכאפט דעם סטודענט ביים גארגל און אים צוגעשפארט צום וואנט.

— אויף וועמען וועסטו שרייען, אידליק?!

ביי יאקובאָוויטשן האט זיך צעעפנט ס'מויל. ער האט אָנגעהויבן בארכלען. דער זעלנער האט אים כמעט אויפגעהויבן פון דער ערד. דער סטודענט האט זיך געוואָרפן און געריסן.

— געוואלד! געוואלד! — האט זיין מוטער אָנגעהויבן שרייען מיט שארפע, אָפגעהאקטע קולות און גענומען רייסן און שלעפן דעם זעלנער, ניט אויפגעהערט ארויסלאָזן די ווילדע, ניט־מענטש־לעכע: „געוואלד! געוואלד!”

— פאניע, פאניע — האט דער פאָטער געגלעט דעם זעלנער ביי דער האנט — נעמט אלץ... ער איז אַ קינד, פאניע, פאניע... מיין איינציקער זון...

דער זעלנער האט דעם סטודענט אויפגעהערט שטיקן און אים געפאטשט אין פנים, געשלאָגן אין זייט...

— לאָז אים אָפּ יאַש, האט זיך אָנגערופן דער צווייטער זעלנער.

דער סטודענט האט אַ פאל געטאָן אויף דער פאָדלאָגע, ווי אַ שווערע זאַך. דער זעלנער האט זיך אָפּגעווישט די האנט אָן ראָק און זיך געווענדט צום אלטן יאקובאָוויטש:

— געלט גיב, די כאָלערע וועט אייך נעמען! מיר האבן ניט קיין צייט זיך צו שפּילן! גיב געלט, אָדער איך צעהרגע אייך דאָ אלעמען!

— פאנאָוויע, פאנאָוויע, רחמנות! איך האב ניט! לאָזט, לאָזט, האָם לעצטע נעמט! די ליכטאזשעס, זילבערנע בעכערלעך, גאָלדענע, קליידער, נעמט, נעמט!...

— שטיל, פשאקרעוו! — האָט דער ערשטער זעלנער א געשריי געטאָן צו דעם ווילד־שרייענדיקן קינד.

דער אַלטער יאקובאָוויטש האָט געעפנט די קאַמאָדן פאַר די זעלנער, געראַנגלט זיך מיט די שופלאָדן מיט ציטערדיקע הענט.

דער סטודענט האָט זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן און זיך צו־געשלעפט צום טיש. מיט איין שפרונג האָט ער געהאט דעם לאָמפּ פון טיש אין האַנט. געוואָרפן אויף זיין שלעגער.

קראַך! א רויטער פלאַם האָט א זעץ געטאָן. דער לאָמפּ האָט א קלאַפּ געטאָן אָן וואַנט און זיך צעפלויגן אין שטיקלעך... אין שטוב איז געוואָרן פינצטער און שטיל.

די ביידע זעלנער האָבן א שפרונג געטאָן צו דער טיר.

זיי האָבן געהאַט שאַרפע מעסערס אין די הענט. די אויגן האָבן ביי זיי געבלישטשעט מיט דעם זעלביקן מעטאַלענעם פייערל.

עטלעכע רגעס האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— גראַנאַט, יאַש.

— טאַק.

זיי האָבן געעפנט די טיר. ס'האָט זיך דערהערט א מעטאַלענער קריץ. דאָס האָט יאַש א צי געטאָן דאָס קייטל פון האַנט־גראַנאַט.

— טרעט־אָפּ! — האָט ער געזאָגט צום חבר.

זיי זיינען ארויס אין קאָרידאָר.

ווי א שטיין וואָלט א זעץ געטאָן אין דער פאָדלאָגע. א דונער־דיקע עקספּלאָזיע. עטלעכע איבערגעהאַקטע געשרייען... טראַך!... נאָך א גראַנאַט פון צווייטן זעלנער, און טראַך! נאָך איינער פון דעם באַליידיקטן יאַש.

די שטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט א געדיכטן רויך. פונקען האָבן אָנגעהויבן ארומשפרינגען. א רויטער שיין איז געפאַלן אויף די לוזשעס פליסנדיק בלוט.

— א חוצפּהדיקער זשיד — האָט געוואָרטשעט יאַש, פאַר־בייזערט, צו זיין חבר, אויף דער גאַס — א פּאַרך... האָט מיך שיר ניט צעקאַליעטשעט מיטן לאָמפּ.

— זיי אָנגעלערנט, די כאָלעריעס.

— קום, מיר וועלן זיי לערנען דרך־ארץ, די זשידעס.

— וויפיל גראנאטן האסטו?

— פינף.

— איין גראנאט איז גענוג געווען. מ'מוז שוינען אמוניציע. מיר מעגן היינט טאָן וואָס מיר ווילן... קום. אָט דאָ איז אַ וואויל הויז. קום!

ר׳ שלום דער מלמד...

אין נאָוועסעליסק, אַ דאָרף ניט ווייט פון דער רוסישער גרעניץ, האָט געלעבט אַ קינדער־מלמד. ר׳ שלום האָט ער געהייסן. אַן אָפּגעהיטער איד. על התורה ועל העבודה. דאָרפסלייט האָבן זיך צו אים אַריינגעכאַפּט פאַר אַ מנחה־מעריב, זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער צו די וואונדער־מעשׂות פון גוטע אידן, וואָס ר׳ שלום האָט דערציילט אין זיין אונטערפאַנפנדיק, שוואַך קול...

דאָס מלמדות האָט פּוקט געקלעקט אויף פּעטרעשקע צו דער יויך, ווי זיין ווייב פראַדל האָט געזאָגט. די פּאָר גילדן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן יעדן זמן זיינען געגאַנגען אויף צו מאַכן אַ קליידל, אַן אַנצוגל פאַר אַ קינד — אַ פולע שטוב געווען מיט קינדער, קיין עין הרע.

דער הויפּט־מקור פון פּרנסה איז געווען אַ געוועלבל, טאַקע אין דער זעלביקער שטוב, וואו מ׳האָט געוואוינט, און וואו מ׳האָט געקענט קריגן פון אַ קעסטעלע שוועבעלעך ביז אַ קאָלירטער פאַטשיילע פאַר אַ שיקסע...

ר׳ שלום האָט זי אָבער מיט דעם ניט אָפּגעגעבן. אַז אַ אינגל האָט געוואָלט באָנבאָנעס פאַר אַ גראַצער, האָט ר׳ שלום געפרעגט ביי פראַדלען, זיין ווייב: — וויפיל באָנבאָנעס זאָל איך אים געבן, האַ?

פראַדל, אַ ברייטע, שטאַרקע אידענע, וואָס איז תמיד אַרומגע־געגאַנגען אין שטוב אַ באָרוועסע, מיט אַ פאַרטאַלאַפּעט קלייד, האָט געפירט דאָס געשעפט, געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז. פראַדליאַ, ווי די גויאים האָבן זי גערופן, איז געגאַנגען אין דאָרף איינהאַנדלען הינער און מילכיקס, געדונגען אַ פורל צוצופירן עס אין שטאָט אַריין און געבראַכט צוריק אביסל סחורה אין געוועלבל אַריין.

ר׳ שלום, אַחוץ דעם קנעלן מיט די עטלעכע קינדער, פלעגט אַמאָל גיין פאַרנאַכט אַריינברענגען די קו פון פּאַסטוויסקע, אָדער

ארויסגעטראָגן אַ שעפּל פּאַמאַיעס. מעסטנטיילס איז ער זיך אָבער געזעסן אַן איינגעהויקערטער, געשאָקלט זיך מיט גרויס התלהבות איבער אַ ספר, געקרייזלט זיך די פּאות, אָדער מיט די פינגער צעקעמט דאָס בערדל. אַז אַ קונה איז געקומען, און פּראַדל איז גראָד ניט געווען אין שטוב, האָט ער געהייסן צוואַרטן, אָדער אומקוקן זיך אין פּאָדווירע נאָך איר...

ער איז געווען אַ דינער און אויסגעמאַגערטער, מיט אַ רויט שיטער בערדל, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די איינגעפאַלענע באַקן, פאַררויטלטע קורצזיכטיקע אויגן, אַ פאַרדבקהט תמימותדיק פּנים...

דאָס דאָרפישע לעבן איז זיך געפלאָסן שטיל, רואיק: ווי די פּלאַכע, דאָרפישע „ריקע", וואו אידן זיינען זיך געגאַנגען טובלען פריטיק פאַרנאַכט — איין טאָג גלייך צום אַנדערן... אַ זומער נאָך אַ ווינטער... אַ בעסער יאָר, און אַן ערגער יאָר... ר׳ שלום האָט זיך וועגן פּרנסה חעם קאָפּ ניט געדארט. אויסגעהערט, ווי פּראַדל קלאָגט און פאַרשעלט זיך די יאָרן (— פאַרוואָס האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַזאַ שלים־מזלניק פאַר אַ מאַן? —) האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקרעכצט: מילא אַ אידענע. מוז זיך אָפּרעדן פון הארצן... מ׳דאַרף ניט פאַרלירן דעם בטחון... ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל...

דער גרויסער גאָט אין הימל האָט טאַקע אינגאַנצן ניט פאַרלאָזן. אָבער צרות־פּרנסה האָט קיינמאָל ניט געפעלט. פּראַדלס געוועלבל איז ניט קיין בן־יחיד אין דאָרף. יעדער איד האָט אַ געוועלב. איז ניט איין טאָג געווען נאָר אַביסל גריץ און אַ פּוסנע קאַרטאָפּליע און מער בעבלעך ווי פּליש פריטיק צו־נאַכטס צו דער יויך... מילא, לעבט האָך אַ איד ניט צוליב דער קישקע, ווי אַן ערל, להבדיל...

* * *

און אַזוי וואָלט זיך געלעבט, מיט גאָטס הילף, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן אויף דער וועלט... ס׳איז שוין ניט ווייט צו ימים־נוראים, קינדער דאַרפן נייע מלבושים, פּראַדל אַליין דאַרף אַ פּאָר שיך, — פאַלט אַראָפּ, ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל: אַ מלחמה! „קירע"*) מיט פּאַניען גייען זיך שלאָגן.

---

*) אַזוי האָבן אידן גערופן דעם עסטרייכישן קייזער.

א בהלה אין דאָרף, אַז איבערקערעניש... זשאַנדאַרן יאָגן זיך נאָך רעקרוטן... גוייִעס גייען נאָך זייערע זין מיט אַ געוויין... גויאים שיכורן און רעדן פּאָליטיק... אידן צעלויפן זיך... דער פּאָרט צום ברודער קיין לעמבערג, יענער שיקט אַוועק ס׳ווייב און קינדער צו קרובים, אין אַ וויטער שטאָט... אַליין וואַרט ער נאָך... די לעצטע מינוט וועט ער נעמען ס׳פּעקל אויף די פּלייצעס. די סכנה איז דאָך גרויס, שוין, שוין, עס איז דאָך לעבן דער גרעניץ. ר׳ שלום שאָקלט זיך, קרעכצט איבער אַ ספר: אַ גזרה אויף אידן. פראָדל שרייט: — געוואַלד, די אָרימע עופהלעך נעבעך — וואָס טוט מען? איצט איז די צייט פאַר אַ ספר? געוואַלד געשריען...

און אָט הערט זיך שוין קאַנאָנען ברומען און בייִנאַכט זעט מען שוין די פייערן, וואָס די רוסישע חיילות האָבן אונטערגעלייגט. לויפט מען: גויאים און אידן באַגלייך. ר׳ שלום וואָלט אפילו ניט געלאָפן. ער טענהט ווייִנעריש: — וואָס, יענע זיינען ניט קיין מענטשן? וואָס האָבן זיי צו אים? לעבן דאָרטן ניט קיין אידן? דער השם יתברך איז אומעטום. מ׳קען פון אים עפּעס אַנטלויפן?...

אָבער פראָדל לייגט איין וועלטן.

— גזלן, מערדער, — שרייט זי — וואָס ווילסטו פון די בידנע קינדער, נעבעך? אַז נאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אַזאַ טאַטן — און זי האָט אָנגעהויבן קלאָגן און יאָמערן... געשטאַרקט אביסל פון געוויין, איז זי אויפס׳ניי געוואָרן מלא רציחה און אָנגעהויבן שעלטן: — אַלע וויסטע שווארצע חלומות צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבן — צום סוף ארויסגעלאָפן זיך אויסגיסן ס׳האַרץ פאַר די שכנים.

מילא, אַ אידענע.

איז מען געלאָפן מיט אַנדערע.

וואָס מען האָט זיך געהאַט אויסצושטיין אין די באַנען, וואָס האָבן געפירט די פּליכטלינגען, וואָלט מען געקענט דערציילן און דערציילן. גענוג צו זאָגן, אַז מען האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנום שוין דאָ אויף דער ערד... און די, וואָס האָבן פאַרדינט דעם גיהנום, האָבן שוין באַקומען זייער שכר דאָ אונטן... אַי, אַ איד ווי ר׳ שלום, וואָס פאַרדינט אודאי ניט דעם גיהנום? נו, גיי לאָד זיך מיטן רבונו־של־עולם. ר׳ שלום איז טאַקע דער מענטש דערצו...

ר׳ שלום, זיין ווייב און קינדער האָבן איצט אַ נייע היים: אין הילצערנע באַראַקן ערגעץ אין מעהרען. אַ פּאָר פּאַליצעס פון ברעטער, אָבער פּאַרט אַ מקום מנוחה. ווידער רואיק, אָן פּחד, אָן איבערקערע־נישן... כאָטש ס׳איז איצט דאָס אמתע גלות... פּראַדל האַנדלט אונטער צוביסלעך. אפילו ר׳ שלום פאַרדינט געלט. כאָטש ס׳איז אָנגעקומען מיט גרויס מי, האָט מען ר׳ שלומען געגעבן די דער־לויבעניש אַראָפּצוגיין אין שטעטל, וואו ס׳וואוינען אַ פּאָר פּאַרגוי־אישע דייטשע אידן, און לערנען מיט זייערע קינדער. איצט קען שוין ר׳ שלום מיט רעכט איבערחזרן אַז דער רבונו־של־עולם איז אומעטום און ענטפערן איעדן, וואָס קלאָגן זיך פאַר אים, אַז מען דאַרף ניט פרעגן קיין שאלות ביי זיין ליבן נאָמען.

...ווער ווייסט וואָס דאַרונטער שטעקט... מלחמות גוג ומגוג... שטייט ניט אין די ספרים?... אפשר איז שוין פאַר דער גאולה און אידן דאַרפן זיך גאָר פרייען?...

ר׳ שלום שאָקלט זיך מיט גרויס התלהבות ביים טונקעלן לעמפּל פון באַראַק איבער זיין ספרל מיט מאמרי חז״ל. קוקנדיק אויף אים און זיין בטחון ווערט אידן ווארימער אויפן האַרצן.

* * *

אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט אַריין אין באַראַק אַ פּריץ, מיט אַן אָפיצערסקע היטל, און אַ פעט פאַרשוויצט פּנים, און הויבט אָן דרשענען: — אַלע מענער ביז פינף און פערציק יאָר מוזן זיך שטעלן פאַר דער אַסענטירונגס־קאָמיסיע, וואָס וועט בודק זיין ווער פון זיי טויג זיך נאָך צו זיין אַ זעלנער... — און גיט צו פון זיין אייגענער קעשענע אַ שטיקל פּאַטריאָטישע דרשה, אַז אַלע בירגער פון אַלע אומות, וואָס אונטער „קירעס" ממשלה האָבן זיי געהאַט דעם גן־עדן אויף דער ערד, דאַרפן איצט גיין אַרויסטרייבן דעם שונא פון דעם באַדראָטן, ליבן פאָטערלאַנד. אמן.

פּראַדל איז געוועזן די איינציקע צווישן די ווייבער, וואָס איר האַרץ האָט ניט געציטערט. ר׳ שלום אַ זעלנער? מען דאַרף זיין חסר־דעה... „קירע" מעג שוין זיין ווי אויף צרות, אָבער אַזאַ זעלנער ווי ר׳ שלום דאַרף ער נאָך נישט.

גייט ר׳ שלום פאַר דער קאָמיסיע. מען באַטראַכט אים אַ לאַנגע צייט. מען הייסט אים גיין אַהין און צוריק און בויגן זיך און לויפן. צום סוף לאָזט מען אים אָפּ און מען גיט אים אַ בלוי צעטעלע.

ר׳ שלום ווייסט ניט וואָס ס׳שטייט דאָרטן. ער קומט צוריק אין באַראַק און ווייזט עס פאַר מענטשן. לאָזט זיך אויס, אַז ר׳ שלום איז „קריגסטויגלעך״.

ר׳ שלום איז טאַקע אַ דאַרער און אַן איינגעהויקערטער. די ראיה איז ביי אים אויך ניט אַזוי גוט, ער האָט עטלעכע אַנדערע מיחושימלעך — אָבער אויף „קאַנאָנען־פלייש״ איז ער אפנים נאָך גוט.

וואָס פאַראַ ווייב פראַדל איז אים געווען, האָט זיך ערשט איצט אַרויסגעוויזן. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, און די טייכן טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן, וואָלטן ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פון קייזער אַליין... איז אָבער דער קייזער זייער ווייט...

עס קומט דער טאָג: ר׳ שלום, באַלאָדן מיט פעקלעך און באַגלייט פון ווייב און קינד, גייט ווערן אַ זעלנער, טאָן זיין פליכט פאַרן פאָטערלאַנד, אַזוי ווי דער פריץ, מיטן אָפיצירסקע היטל האָט געדרשנט.

* * *

איין געדאַנק לאָזט ר׳ שלומען ניט אָפּ בשעת דעם גאַנצן וועג: ער וועט ניט שיסן קיין מענטשן. ער איז ניט קיין עשו הרשע, ער וועט ניט זיין קיין רוצח... זאָל מען אים הרגענען, פון אים פאַסן שינדן. לא תרצח! זאָל עס זיין אפילו „פאָניע״, מיט זיינע ווילדע קאָזאַקן, וואָס מאַכן פּאָגראָמען און פייניקן אידן... אין גאַנצן העגנט איז די נקמה, ניט אין בשר ודמס. ניט אין עפר ואפר...

ר׳ שלום זעט באַשיינפערלעך, ווי מען שטעלט פאַר אים אַוועק אַ מענטשן און מען זאָגט אים: שיס! ניין, ער וועט ניט שיסן. זאָל געשען, וואָס עס וויל. דינא דמלכותא, ס׳איז טאַקע אמת, אָבער קיין בלוט וועט ער ניט פאַרגיסן. יבא מה, זאָל אפילו קומען דער קייזער אַליין...

מיט אַזוינע געדאַנקען איז ר׳ שלום אָנגעקומען אין „קאַדרע״, ד. ה. אין דעם אָרט, וואו דער רעגימענט איז געשטאַנען אין „הינטערלאַנד״. מען האָט אים געגעבן אַ גרויסן, שוואַרצן „לאַנדוועהר״ מאַנטל און אַ היטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן, אַ מונדיר פון פּאַקרעווע, אַ צעריסענע, פאַרפלעקטע דעקע, וואָס האָט געשטונקען פון פערד־מיסט און אַלע זיבן זאַכן, וואָס אַ גוטער זעלנער דאַרף האָבן. ר׳ שלום איז געוואָרן אַ „קייזער און קעניגלעכער״ זעלנער.

די נייע זעלנער האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען און דער קאָמענדאַנט האָט זיי פאַרטיילט צו די פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין די אַרומיקע דערפער. ר׳ שלומען און נאָך עטלעכע אידן און רוטענער האָט מען געהייסן גיין אין אַ דאָרף, אַ פּאָר מייל פון דאַנען, צו דער קאָמפּאַניע „דע״.

— מעלדן פערזענלעך דעם ריטמייסטער! — דער קאָמענדאַנט האָט איבערגעגעבן די פּאַפּירן אַן אונטעראָפיציר, און צוגעשמייכלט מיט גרויס הנאה.

— יהודים, גיט אַכט, איר קומט צו אַ שונא ישראל — האָט אַ גרויער, אידישער קאַפּראַל שטיל אַ זאָג געטאָן צו די עטלעכע אידן, — ווער עס קען, זאָל זיך זען אַריבערפּעקלען צו דער קאָמפּאַניע „בע״. אַ אידישער ליטענאַנט, אַ דימענט.

* * *

זיין גאַנצער טיטל איז געווען: ריטמייסטער גראַף לאַיאָש פּאָן טערעטשי. פאַר מיליטערישן אומגאַנג האָט ער זיך באַנוגנט מיט דעם טיטל: הער ריטמייסטער.

דער הער ריטמייסטער איז געווען אַן איינציקער זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער אונגאַרישער פאַמיליע. זעלנעריי איז געווען זיין באַרוף. ער איז שוין דריי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער מלחמה און געהאַט אַ שיר מעדאַלן, אויך די באַרימטע „גאָלדענע״, וואָס ער האָט משמעות באַקומען פאַר אַטאַקירן אַ פיינטלעכע פּאָזיציע, ווי אויף מאַנעווערס אין פרידנס־צייטן, מיטן זעבל אין האַנט... אַ פאַרביסענער, שאַלטצער אַריסטאָקראַט. צוליב זיינע הוזאַרישע רויטע הויזן האָבן די זעלנער אים גערופן: „דער רויטער טייוול״ אפילו זיינע אָפיצירן האָבן פאַר אים געהאַט דאָס קדחת.

צו אים דאַרף דאָס קומען ר׳ שלום!

ווען מען האָט שוין די נייע רעקרוטן אויסגעלערנט די ערשטע פּאָר זאַכן, וואָס אַ זעלנער דאַרף וויסן, איז דער הער ריטמייסטער אַרויסגעקומען באַקוקן די נייע זעלנער זיינע. ער האָט אַ שטייפער געשפּאַנט פאַר די אויסגעשטרעקטע רייען און זיך אָפּט אָפּגעשטעלט פרעגן ביי אַ זעלנער אַ פּאָר שאלות. דער ריטמייסטער האָט געהאַלטן, אַז אַ קאָמענדאַנט דאַרף זיך דערנעענטערן צו זיינע זעלנער, באַקענען זיך מיט יעדן איינעם באַזונדער. זיי ווערן דערפון געטרייערע און בעסערע זעלנער...

ר׳ שלום איז אים תיכף ניט געפעלן.

— ווי שטייען זי? — האָט ער זיך אויף אים צעשריען.

ער האָט אויף זיך געוויזן, ווי אַ זעלנער דאַרף שטיין, אַריינגע־צויגן דעם בויך, אַרויסגעשטעלט די ברוסט. אָבער ר׳ שלום איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט צעשטעלט די פיס וואָס אַ זעלנער דאַרף האַלטן צוזאַמענגעדריקט און צעשפּרייט די הענט אַזוי ווי ער וואָלט געדרעדט צו אַ אידן אין דאַרף. ווען ר׳ שלום שעלט דעם ריטמייסטער אין טאַטן אַריין, וואָלט דאָס דעם הער ריטמייסטער ניט אַזוי פאַרדראָסן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַ רעווע געטאָן. פון זיין מויל האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ שטראָם קללות און זידלערייען. פון דעם טאָג אָן האָט דער ריטמייסטער ניט אָפּגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו דערקוטשן ר׳ שלומען, ממש פייניקן אים.

אַז דער ריטמייסטער איז געקומען אויפן „עגזערציר־פּלאַץ״, איז זיין ערשטע זאָרג געווען צו זען וואָס עס טוט זיין פריינט ר׳ שלום. האָט זיך ר׳ שלום ניט אויפגעפירט ווי ס׳געהערט צו זיין, האָט ער אים פאַר דער מינדסטער זאַך געהייסן פאַלן „נידער״, דאָס הייסט: וואַרפן זיך מיטן פּנים אין דער בלאָטע, אָדער לויפן מיט שווערן געפּעק אויף די פּלייצעס: „לויפשריט״, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק... אַ פּאַטש פאַר אַ צוגאָב און אַ פּאָר טעג אַרעסט אויך.

פון די קליינע „שאַרזשען״ לעקט ר׳ שלום אויך ניט קיין האָניק.

* * *

ווען די נייע זעלנער האָבן זיך אויסגעלערנט לויפן און גיין און שטיין ווי ס׳פּאַסט פאַר זעלנער, האָט מען זיי פאַרטיילט ביקסן, זיי זאָלן זיך לערנען שיסן. ווען אַן אונטעראָפיציר האָט ר׳ שלומען דערלאַנגט אַ ביקס, האָט ר׳ שלום זי ביי אים ניט געוואָלט נעמען. אַז יענער האָט אָנגעהויבן געוואַלדעווען, האָט ר׳ שלום געמרוקעט: ער וויל ניט שיסן...

— העי, לויפט נאָכן ריטמייסטער! — האָט דער אונטער־אָפיציר אַ געשריי געטאָן.

דערהערט, אַז ר׳ שלום וויל ניט נעמען די ביקס, איז דער הער ריטמייסטער געוואָרן אַזש ווייס פון רציחה, אַרויסגעכאַפּט זיין רע־וואָלווער, צוגעשטעלט אים ר׳ שלומען צו דער ברוסט און געשריען,

אז ער דערשיסט אים דאָ אויפן אָרט „ווי א הונט״, אויב ער נעמט ניט די ביקס. ר׳ שלום האָט געשטאמלט א דערשראָקענער, אָבער זיך געהאַלטן ביי זיינעם, אז ער וויל ניט שיסן קיין מענטשן, ס׳איז אַ דין פון דער תורה. מיט גרויס מי איז געלונגען עטלעכע אידישע אונטעראָפיצירן צו איבער־צייגן ר׳ שלומען, אַז ער מוז דאָך ניט שיסן קיין מענטשן, אז ער מעג זיך דערווייל לערנען. יעדער זעלנער מוז דאָך קענען שיסן, א שיינע זאַך, כ׳לעבן, א זעלנער וואָס קען ניט שיסן.

נו, האָט זיך ר׳ שלום געלערנט ווי אָנצושטעלן די ביקס, צולייגן אַן אויג און צילעווען, און אויף דעם געשריי: „פייער״, אויסשיסן. ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו שיסן קניענדיק און לויפנדיק און אויסגעשטרעקט אויף דער ערד, און ווי צו שיסן אויף א פינטעלע, אויסגעמאָלן אויף א ווייס קאַרטל. קיין גרויסער טרעפער איז ער ניט געווען.

א סך צייט אויף צו לערנען די אַלע זאַכן מיט די נייע זעלנער איז ניט געווען. אויף די פראָנטן זיינען טויזנטער זעלנער „געפאַלן״ יעדן טאָג און מען האָט באַדאַרפט „ערזאַץ״. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט די נייע זעלנער אויסגעטיילט אין „מאַרש־קאָמ־פּאַניעס״, אָפּצושיקן זיי צום פראָנט. ר׳ שלום, פאַרשטייט זיך, איז איינער פון די סאַמע ערשטע. ער האָט באַקומען א נייעם מונדיר פון פּאָקרעווע, נייע שיך, נייע וועש, א נייע ביקס. אין א פּאָר טעג אַרום וועט מען זיי אַריינזעצן אין באַן־וואַגאָנען (6 פערד, 40 מאַן) און האַידאַ צום פראָנט...

אָבער ס׳איז אַפּנים אַנדערש געווען פאַרשריבן.

ס׳איז נאַכט. אין קאַסאַרניע זיצן זעלנער נאָכן נאַכטמאָל און רויכערן. ר׳ שלומס וועטשערע איז באַשטאַנען פון א שטיקל טרוקן ברויט און א טעפּעלע שוואַרצע קאַווע — ווייל ער עסט ניט קיין טריפהנע „מענאַזש״. אַן עלטסטער צעשרייט זיך מיט א הייזעריק קול: פוצן די ביקסן. מען נעמט זיך צו דער אַרבעט.

ר׳ שלום וויל אויפמאַכן דעם שלאָס, אַרויסנעמען די פּאַטראָ־נען, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין ביקס. אָבער אַנשטאָט צו עפענען די ביקס, גיט ער ניט פאַרזיכטיק א צי ביים קורעק. עס דערהערט זיך א קנאַל, און א יונגער שייגעץ פאַלט א נעטראַפענער מיט א דורכ־געלעכערטער שלייף.

עס ווערט א שרעקלעכע בהלה. אן אלטער זעלנער, וואס האט צוגע־לייגט אן אויער צום שייגעצעס הארץ, הויבט זיך אויף, צלמט זיך: טויט.

מ'לויפט אנזאגן דעם ריטמייסטער. די זעלנער שטייען דער־שראקענע פריטשמעליעטע, קוקן אויף ר' שלומען און אויפן טויטן זעלנער. ר' שלום שטייט איבערגעבויגן איבערן טויטן שייגעץ און מאכט די ליפן און פארמאכט די אויגן, ווי ער וואלט ניט גע־וואלט זען.

דער ריטמייסטער קומט צולויפן מיט א סך אנדערע אפיצירן. ער גיט א קוק אויפן טויטן זעלנער אויף דער ערד. — אויף טויט? — פרעגט ער זיך נאך — דערשאסן אויף טויט? — דערנאך צע־שרייט ער זיך מיט הילכיקע קולות: — וואו איז דער מערדער? וואו איז דער מערדער? מער ליכט אהער! איך וויל אים אנקוקן דעם מערדער!

מען דערלאנגט דעם ריטמייסטער אן עלעקטריש לעמפל. ער שטעלט עם אויף ר' שלומען: — מערדער, — שרייט ער, — מערדער!

דער הער ריטמייסטער האט געפונען דעם ריכטיקן מערדער.

דעם אנדערן טאג האט מען ר' שלומען אפגעשיקט מיט געבונ־דענע הענט אין שפיטאל. ר' שלום האט זיך באנומען זייער שטיל, נאר מיט די ליפן געמליאסקעט און געסלינעט. אין רעפארט האט עס געהייסן אין דייטש: „צוועקס אבסערווירונג זיינעם גייסטיגען צושטאנדעס". דער ריטמייסטער האט מיט זיין אייגענער האנט צוגע־שריבן, מען זאל אכט געבן אז דער איר מאכט זיך משוגע, כדי זיך ארויסצודרייען פון פראנט.

ר' שלום איז אין א שטיקל צייט ארום צוריקגעקומען פון שפי־טאל. אין זיינע פאפירן איז געשטאנען: „אומשעדלעך — קריגס־אומפייאיק".

מען האט אים צוריקגעשיקט אהיים צום ווייב און קינדער.

אזוי האט ר' שלום, דער דארפישער מלמד, וואס האט קיין פליג אויף דער וואנט ניט געטשעפעט, דערשאסן א מענטשן, וואס וואלט געווען זייער פיין און ווערט א מעדאל — ווען ס'איז דעם שונאס א זעלנער. שלים־מזלניק וואס ער איז געווען, שיסט ער אן אייגענעם.

אויפן פוילישן וועג

(א פראַגמענט)

דער פּוילישער וועג, מיט וועלכן חיים האָט זיך אומגעקערט פון שטעטל, איז געגאַנגען איבער וועלדער — בוקעווע ביימער: גע־פּאַקטע, פעסטע, מיט טונקל־גרויע שטאַמען, ווי פון אַלטן אייזן, ווייסע בערעזעס, מיט אַראָפּהענגענדיקע, צוזאַמענגעדרייטע סטענגלעך קאָרע, אבלדיקע סמערעקעס מיט אַ סך פוילנדיקע שפּילקעס צופוסנס. ערטער־ווייז איז דער וואַלד געווען ליכטיק, מיט אַ סך זון אויף די הויכע גראָזן און בלומען — און ווידער גאַנצע שטרעקעס פינצטערע געדיכטעניש. אַ שטילע אומעטיקייט, אַן אָנזאָג אויף אָסיען, איז שוין געשטאַנען אין דער לופטן. די זון האָט נאָך דערוויל שטאַרק געבריט. חיים האָט פון זיך געווישט דעם שווייס און געטריבן אַ צערייצטער די זשומענ־דיקע, גרויסע פערד־פליגן, וואָס זיינען באַפאַלן זיינע הענט און פּנים... ער האָט אהיים געטראָגן אביסל זאַלץ, אַ שטיק זייגן־לעדער און אַ פלאַש נאַפט. ער האָט געשפּאַנט אין גרוים איילעניש, געוואָלט וואָס גיכער אַרויסקריכן פון דעם וואַלד, מיט זיין שווערער, סומנער שטיל־קייט, מיט זיין פינצטערער אומהיימלעכקייט.

זיינע געדאַנקען זיינען געווען אומעטיקע, שווערע. דאָס געמיט איז נאָך געווען פאַרקלעמט און פאַרחושכט פון פאָטערס טויט. כאָטש ס'איז שוין אוועק אַ שטיקל צייט, גריזשעט עס און בויערט. ער פילט אַ ריס אין זיך, ווי פון אַ זעץ פון אַ שאַרפער האַק, וואָס האָט אַ שניט געטאָן אין די סאַמע טיפענישן פון אים, אין די סאַמע וואָרצלען... ס'איז געווען אַזוי פּלוצים אויך. דער פאָטער, אין די בעסטע יאָרן נאָך, איז פּלוצים איינגעפאַלן, אָפּגעלעגן עטלעכע גע־ציילטע וואָכן, און אויסגעגאַנגען. ס'שוועבט אַפיר אָן אויפהער אַלץ וואָס עס איז פאַרבונדן דערמיט... ס'האָט זיך ביטער אומ־רחמנותדיק איינגעקריצט דאָקטאָר גאָטליבס וויזיט — דאָקטאָר נאָמ־ליב „דער גזלן" (ווען מ'האָט גערופן ווען ס'איז געוואָרן ערגער

און ערגער) האט לאנג געקלאפט און באטאפט און באטראכט און אינמיטן דרינען זיך ארומגעגאנגען איבער דער שטוב און זיך איידל געריבן די ליסע פאטילניצע מיט א לאנגען פינגער און צום סוף ארויפגעצויגן זיין ווארים טוכן מיצל אויף זיין נאקעטן שארבן און שוין אנטוענדיק זיך, געזאגט, ווי כלאחר יד: פארשרייבן א מעדי־צין?... א ס'וועט ניט העלפן... אלץ טויג ניט... אלץ מיט אלע־מען איז קאפוט... וואס, א מענטש איז נישט קיין פערד... א פערד, אז ס'שלעפט איבער די כוחות פאלט עס אויך אוועק פאר דער צייט...

חיים איז דער עלטסטער זון אין שטוב. אויף אים ליגט אצינד דער עול. דאס דארף איז אויפגערודערט נאך דער מלחמה... דער איד איז מיטן לעבן ניט זיכער. מען הערט פון ביינאכטיקע אנפאלן. מען הערט פון אידן, וואס מען האט דערהרגעט אדער בארויבט אין וועג...

פאר חיימס אויגן, וואס קערט זיך איצט צוריק פון שטעטל, ליגט דאס דארף א בייז און לויערדיקס ,פול מיט אימה. די מוטער שרייט: אנטלויפן כל זמן ס'איז נאך צייט. לויף! וואוהין? פארט אן איינענע שטוב און א שטיקל פרנסה...

ער דערמאנט זיך מיט כעס אן שאיע שאר, וואס האט דאס גרויסע געשעפט אין מארק...

זיצט זיך דער גביר מיט זיין שיינער באלעבאטישער בארד הינטערן קאנטאר, לאזט ניט אפ קיין אויג, מען זאל חלילה עפעס א ברעקעלע ניט צונעמען. קאמאנדעוועט מיט די בנים, וואס האר־רעווען ווי די רוחות. דערזעט ער עפעס וואס געפעלט אים ניט, גיבן זיך זיינע שווארצע אויגאנעם א צעפלאקער און ער שפארט זיך שוין אפשטופענדיק אלעמען אין א זייט...

ווען שאיע שאר האט אים היינט דערזען, ווי ער ווארט אימיצער זאל אים אנגיסן די פלאש נאפט, האט ער אויף אים א געשריי געטאן: — וואס שטייסטו דארט ווי אן אויסגעמאלענער? דארפסט מ'זאל דיך באדינען? קענסט שוין אליין ניט אנגיסן אביסל נאפט? — ווען חיים האט זיך א כאפ געטאן פאמפען פון גרויסן פאס און האט איבערגענאסען, האט שאיע זיך גרילציק צעשריען: — דארפישער שמעגעגע, דו... ט'האסטו מיינע פארדינסטן... — דערנאך האט חיים עטלעכע מאל זיך גענומען ריידן צו שאיען (אפשר האט ער א קונה אויפן הויז? וואס איז אייער עצה, ר' שאיע?) האט

שאיע געפלאמט מיט די אויגן און געוואָרפן מיט די הענט ווי מען טרייבט א זלידנע פליג: — לאָמיך צורו, זעסט, אז כ'האָב ניט קיין צייט...

דער רויטער, געשטופלטער איציק, ווען ער האָט דערנאָך געטראָפן ביי דער סטאַראָסטווע, איציק דער גרויפן־הענדלערקעס זון, וואָס גייט איבער דערפער האנדלען, האָט ווידער צעשלאָגן אלע זיינע פלענער: — גיי שוין, ביסט משוגע? זיצסט מיט א זיכער שטיקל ברויט... זוכסט זיך נאַפּאַשטשעס... איך גיב דיר ניט קיין מעשׂענעם גראַצער פאַר די אלע שיינע באַלעבאַטים... מ'וואָלט אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט... ווי דו קוקסט מיך אָן, איך וואָלט גענומען א דאָרפישע שיקסע און א רוח זיי אין די געדערים...

חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ער האָט שוין חרטה געהאַט וואָס ער איז ניט געגאַנגען מיטן שטראָם. פאָרט לעבעדיקער, כאָטש דער וועג איז לענגער. און אפשר אמאָל א פור...

ער האָט ווידער גענומען טראַכטן פון פאָטער... די מאַמע, די שוועסטער, זייריידן שוין פון פאָטער, ווי ער וואָלט שוין פון תמיד אָן געווען א טויטער, ניט ווי דאָס וואָלט מיט א קורצער צייט צוריק געשען... חיימען דאַכט זיך א סך מאָל אויס ווען ער זיצט אין שטוב, אז דער טאַטע וועט זיך באַווייזן אָדער ער וועט זיך אויף אים אָנשטויסן אין וועג... איז דער אויפגעהויפטער ליימענער גרוב דאָרט אין שטעטלשן בית־עולם דער סוף? ווי אָפט זעט ער אים פאַר זיך, מיטן צעקאַרבטן פנים, מיטן געדיכטן אויסוואוקס פון באָרד, מיט דער בייטש אין האַנט אויפן פערד און וועגעלע, אָדער ביי דער אַרבעט אין גאָרטן, אין די פאַרקאַשערטע פאָלעס, די באָרד פאַרשמירט מיט שטויב און שטרוי...

מען האָט קוים ביי אים געפועלט, ער זאָל זיך אַוועקלייגן. ווען ער האָט זיך שוין געמוזט אַוועקלייגן, איז אָן אָנטועכץ. ער איז געלעגן מיטן פנים צו דער סטעליע, מיט אָפענע אויגן, די באָרד, מיט א סך גרויע פעדים, האָט געסטאַרטשעט אַרויף ווי א טרוקן בעזימל. עס האָט אויסגעזען אז עפּעס א געדאַנק מאַטערט אים, אָדער אז ער וויל זיך עפּעס דערמאָנען... חיים האָט א סך מאָל געפּרואווט פאַרשטיין דעם טאַטנס בליקן, וואָס האָבן אויף אים גע־רוט... א פאָר שעה פאַרן טויט האָט ער זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל אַראָפּ פונם בעט. מען האָט אים געהאָלפן. ער איז זיך איבער־געגאַנגען א פאָר מאָל איבער דער שטוב, אויפגעעפנט די טיר אין

הויף, געמאַכט אַ פּאָר וואַקלדיקע טריט איבערן שוועל, זיך אַרומ־געקוקט מיט אַזוינע אָפּגעפרעמדטע, דערשטוינטע אויגן...

(און דערנאָך דער טויטער אויף דער ערד — איז דאָס אַמאָל געווען דער לעבעדיקער טאַטע? — און דאָס אַריינלייגן אין אָרון און דאָס אַראָפּלאָזן אין דער ערד און דאָס פאַרשיטן מיט ערד: אַזוינע גרוילעכע, קאָשמאַריקע, ניט באַגרייפלעכע זאַכן, פון וועלכע דאָס יונגע לעבן שוידערט אויף און טרייסלט זיך אָפּ אין אימהדיקן שטויגען).

חיימס געדאַנקען האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אַ גאָר פריער געשעעניש פון זיינע קינדער־יאָרן: זיין ערשטע נסיעה מיטן טאַטן פאַרטאָג נאָך בראַנפן אין שטאָט אַריין. דער זכרון האָט עס באַ־האַלטן פריש־שמעקעדיק, ווי אַן אתרוגל אין אַן אויסגעבעט פּוש־קעלע... די פרימאָרגנדיקע פינצטערניש, דער ציטער, וואָס ער האָט געכאַפּט, ביז ער איז געזעסן אַן איינגעטוליעטער אין אַ בונדע אויפן וואָגן... דאָס קלאַפּן פון די גלעזערנע בוטליעס אין די שטרויענע קיישעלעך, דאָס הירזשען פון די פערד — אַנדערש און העכער ווי געוויינלעך, דוכט זיך, דאָס גאַנצע שלאָפעדיקע דאָרף מוז זיך אויפ־וועקן דערפון... די שווערע פינצטערניש נאָכדעם ווי ס'לעשט זיך אויס דער לאָמפּ. די פור גיט זיך סקריפּעדיק אַ לאָז אין וועג. די אַלע שטיבער, די פּאָסט, די סטאַנציע — אַזוינע אַנדערע נייע, ניט צו דערקענען. ס'נעמט אַ צייט ביז די אויגן געוואוינען זיך צו דער פינצטערניש און מען דערזעט די פרימאָרגנדיקע שוואַרצע וועלט וואָס אַנטלויפט פאַר די צעיאָגטע פערד. דער וואָגן הוקעט איבער די שטיינער פון שטראָס, דעם גוים געשרייען צו די פערד קומען אויס ווי ער וואָלט געשריען ניט אויף די פערד נאָר צו פאַרטרייבן די נאַכטיקע באַשעפענישן וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן אַרום דער פור...

חיים געדענקט די מחייהדיקע וואַרימקייט פון זיצן איינגעטוליעט לעבן אַ טאַטן, מיט דער באָרד וואָס ער שטופּט אין פּנים אַריין און פרעגט: — ס'איז דיר וואַרים, חיים? — חיים געדענקט אויך די זון וואָס האָט זיך פּלוצים באַוויזן, אַ גרויסע, אַ צעגליטע... דאָס איז פאַר חיימען גאָר עפּעס געווען אַ נס, אַ גרויסער נס... ס'איז ביי אים געווען דאָס געפיל אַז ניט די זון אַליין האָט עפּעס אויפגעטאָן, נאָר וואָס ער, חיים, אויך, ווי ער וואָלט עפּעס געווען אַ שותף מיט איר...

* * *

דער וואַלד איז געבליבן פון הינטן. פעלדער מיט ברוינעם האָבער ליגן פון ביידע זייטן וועג. די פעלדער זיינען בערגלדיק, מיט גריבער און גרויסע שטיינער. דער האָבער פאַרדעקט די אַלע ניט גלייכקייטן פון דער ערד, דראַפּעט זיך אויף בערגלעך, פאַלט אין די גרי־בער, מיידט אוים די שטיינער, לויפט ביז צו דער נעפּלדיקער ליניע פון האָריזאָנט.

חיים האָט זיך געוואונדערט, וואָס מ'האָט געלאָזט דעם האָבער אַזוי לאַנג שטיין. ער שיט זיך שוין. ער האָט דערזען אויף אַ מעזשע, אַ צעקנאָדערטן, ווילדן באַרנבוים. פון אינדערפרי אָן האָט ער אין מויל ניט געהאַט. ער האָט אוועקגעלייגט די פעקלעך אויפן וועג, באַוואָרפן דעם בוים מיט שטיינער און אָנגעשטופּט מיט די אָראָפּגעפאַלענע באַרלעך די קעשענעס. אָפּגייענדיק נאָך אַ שטיקל וועג, האָט ער דערזען אַז עס קומען אים אַנטקעגן דריי פּוילישע זעלנער. אין זיינע פים האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ מאַסע אייזן. אונטער זיין פּנים איז זיך פאַרקראָכן אַ בלאַסקייט. מיט אויפגעצאַונגענער רואיקייט איז ער זיי אַנטקעגנגעגאַנגען. ער איז פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע, אָפּטרעטנדיק זיי דעם וועג. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט:

— קום אַהער!

חיים דערזעט פאַר זיך אַ שפּעטיש שנצדיק פּנים.

— ווער האָט דיר דערלויבט צו רייסן פרעמדע באַרן?

— ז'זיינען דאָך ווילדע. ס'זיינען דאָך קיינעמס נישט, — חיים שמייכלט. דאָס זאָל הייסן, ער פאַרשטייט אַז זיי טרייבן קאַטאָ־וועס, — נאַט, זאָגט ער, — אונטערטראָגנדיק עטלעכע באַרן, — איר ווילט? זיי זיינען ניט שלעכט.

דער צווייטער זעלנער, מיט אַ בייז, האַרט פּנים, פון אַ גרויס־שטאָטישן גאַסן־יונג, פרעגט בייז־חוזקדיק:

— און וואָס טראָגסטו, מאָישעק?

— וואָס איך טראָג? זעט, אַ פלעשל נאַפט טראָג איך.

— נאַפט — רופט זיך אָפּ דער ערשטער זעלנער, מיטן שנצישן פּנים — ווייז נאָר, אפשר זאָגסטו ליגן.

דער דריטער זעלנער, אַ קליין פּויערל, מיט רויטלעכע, דינע וואָנצן, שטייט אָן אַ זייט, קוקט זיך צו.

חיים דערלאַנגט די פלאַש נאַפט.

— נאַפט — זאָגט דער זעלנער — ס'שטינקט, אַ כאָליערע...

די פלאַש פאַלט כלומרשט צופעליק פון זיין האַנט. די נאַפט גיסט זיך, פאַרפעצט די בלאַטעס.

חיים שוויצט. אפשר זאָל ער לויפן. ניין, ס׳איז ערגער. גזלנים. חיים האָט אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט נאָך געכאַפּט ווי דער בייז־פּנימדיקער יונג האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויגנלעפּל צו זיין חבר. איידער זיין מוח האָט עס נאָך פאַררעגעסטרירט, האָט ער שוין דערהערט:

— קוק נאָר — האָט צו אים געזאָגט דער זעלנער, ווייזנדיק אויפן פעלד.

חיים האָט זיך מעכאַניש אויסגעדרייט צו זען.

ער האָט באַקומען אַ זעץ איבערן קאָפּ. פאַר די אויגן האָבן אַ שפּרונג געטאָן פייערדיקע פונקען. איבערן גאַנצן לייב זיינען געפאַלן קלעפּ. אַפּנים, יעדער האָט צוגעלייגט אַ האַנט. איין האַנט האָט אים געהאַלטן שטאַרק. ער האָט שוין ניט געקענט אַנטלויפן. אויף זיין שטאַרקן רים האָט ער באַקומען אַ זעץ פון אַ קאָלבע. „זיי וועלן מיך דערהרגענען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך געקאַרטשעט, געשטאַרקט, אָפּגעוואָרט די געלעגנהייט אַרויסצורייסן זיך... ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ בויג געטאָן, אַרויסגעריסן און גענומען לויפן. די זעלנער האָבן אים נאָכגעשריען און נאָכגעוואָרפן שטיינער.

ווי אַ קינד, וואָס מסרט אימיצן צו ,איז ער אַריינגעפאַלן אין הויז און אויסגעשריען:

מאַמע, זעלנער האָבן מיך צעשלאָגן!

גראָסמאַנס מערכה

גראָסמאַן, אַ סטודענט פון קראָקער אוניווערסיטעט, האָט נאָכ־דעם ווי פוילן איז באַפרייט געוואָרן, געוואָרן אַ זעלבסשטענדיקע מדינה, אָנגענומען, אַ שטעלע אַלס פּוילישער לערער אין אַ קליינעם שטעטל אין קרוין־פּוילן. די באַלעבאַטים האָבן איצט איינ־געזען, אַז מ'דאַרף לערנען די קינדער פּויליש, און נאָך משניות און גמרא, האָבן די קינדער געלערנט רעדן און שרייבן פּויליש.

די ערשטע זאַך, וואָס גראָסמאַן האָט אויפגעטאָן, ווען ער איז נאָר אַריבערגעקומען אין שטעטל, איז געווען אויסצוזוכן זיך אַ דירה ביי אַ גוי. ס'איז ריינער, האָט ער געזאָגט, און צו מיטאָג, ווען די גאַס איז געווען פול מיט אידן, איז ער אַריין צום גוי ראָזאַלסקי עסן מיטאָג. אין שטעטל איז געוואָרן אַ געוואַלד. די באַלעבאַטים פון חדר, און סתם אידן, האָבן זיך געטומלט, אַז ס'איז אַ חילול־השם, אַז ס'איז אַ הימל־געשריי... אַ לערער פון קינדער... מ'דאַרף אים עוקר מן השורש זיין... אָבער אַזוי ווי אַ לערער איז שווער צו קריגן, און אַ קאָנטראַקט האָט מען מיט אים געמאַכט און זיין מלאכה האָט ער געטאָן, האָט זיך ס'שטעטל געראַשט און געטומלט אַ צייט; אידן אין שולכל האָבן געוואָרפן מיט די הענט און געשפּרונגען זיך אין די פּנימער; מ'האָט געשיקט חשובע באַלע־באַטים איבעררעדן מיט דעם „אפּיקורס", דעם „עם הארץ שוטה", ווי מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן, אָבער ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

דער פּוילישער לערער גראָסמאַן האָט געטענהט, אַז ס'איז ביי אים אַ פּרינציפּ־זאַך און געהאַלטן הרשות פון אויפקלערונג און קולטור.

די „אויפקלערונג און קולטור", מיט וועלכער ער האָט געוואָלט באַגליקן דאָס שטעטל, האָט ער באַלד אויפגעגעבן, אָבער ביי ראָ־זאַלסקין האָט ער ווייטער געגעסן.

אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז אַ סך יונגעלייטלעך האָבן זיך בגנבה אַריינגעכאַפּט צו ראָזאַלסקין ביינאַכט, פּאַרקוקט זיך אויפן פּוילישן לערער.

* * *

אין שטעטל איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פּוילישע קאַוואַלע־ריע. אויב אַ פּשוטער זעלנער איז געווען דעמאָלט געגליכן צו אַ קייסער, ווער־זשע האָט זיך געקענט גלייכן צו אַ קאַוואַלעריסט, מיטן לאַנגן זעבל און שפּאָרן און רויטע פּאַסן אויף די הויזן? אַז עט־לעכע זעלנער זיינען געגאַנגען איבער דער גאַס, קלאַפּנדיק מיט די לאַנגע זעבלען איבער די שטיינער, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, האָט זיך די גאַס אידן געבויגן פאַר זיי און אָפּגעראַמט דעם וועג. אַז מען איז שוין געקומען הינטער זיי, האָט מען זיך געטאַפּט צו מען איז אַרויס אַ גאַנצער. אַמאָל האָט מען באַדאַרפט אויפהויבן ס'היטל, וואָס אַ זעלנער האָט פאַר שפּאַס אַראָפּגעוואָרפן אין בלאָטע, אָדער האַלטן זיך ביי דער באָרד, וואָס איז געווען אַביסל אויסגעריסן.

גראָסמאַן האָט זיי, די פּוילישע זעלנער, געקוקט גלייך אין די אויגן און ניט אָפּגעטראָטן דעם וועג ביים אויסמיידן. אָבער אַזוי ווי ראָזאַלסקי איז געווען געפּאַקט מיט זיי צו מיטאָג, פלעגט ער קומען שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן לידיק, אָפּצועסן רואיקער. אַזוי האָט ער געזאָגט.

איינמאָל איז ער אָבער געקומען, ווען אַלע טישן זיינען באַ־זעצט געווען מיט הויכע, ברייט־פּלייציקע קאַוואַלעריסטן. פון דעם פאַררויכערטן צימער האָבן אַרויסגעשיינט זייערע רויטע פּנימער און מיט זילבער באַפּוצטע קאָלנערס און אַרבל.

גראָסמאַן האָט געוואָלט קומען שפּעטער, אָבער דער באַלעבאָס ראָזאַלסקי האָט אים מיט אַ זיס שמייכעלע פאַרהאַלטן און אים צוגעשטעלט אַ בענקל צווישן צוויי זעלנער.

דער פּוילישער לערער, דער סטודענט פון דעם עלטסטן פּוילישן אוניווערסיטעט, האָט זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּוילישע צייטונג פון קראָקע און אָנגעהויבן לעזן. באַלד אָבער האָט ער דערהערט אַ שושקען זיך און אַ האַרטער שטיוול האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיין פוס.

— פּשעפּראַשעם פּאַנאַ (זייט מוחל הער) — האָט אים זיין אַקעגנאַיבערדיקער שכן אָנגעקוקט פרעך מיט אַ שמייכל.

און גראָסמאַן האָט באַמקערט אַנדערע בליקן: בייזע, פּרעבע, שפּאָטישע, פאַראַכטנדיקע. און אַרום טיש האָט מען אָנגעהויבן צו רײַדן פון אידן. דאָס וואָרט „זשיד" איז אַרומגעפלויגן אין קליינעם צימער, געזשומעט איבערן פּנים. ער האָט זיך פאַרטיפט בלומרשט אין זײַן צײַטונג און געבעטן גאָט, דער מיטאָג זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן. פּאַן ראָזאַלסקי איז אַרומגעלאָפן מיט די טעלער אַ צערויטל־טער און אַ פאַרשוויצטער... גראָסמאַן האָט געמוזט לאַנג וואַרטן אויף זײַן האָזענעם געבראָטנס און זויערע סמעטענע, וואָס דער באַלעבאָס האָט שוין, ניט פרעגנדיק גראָסמאַנען, געבראַכט. אָבער היינט האָט עס אים גאָר ניט געשמעקט. דאָס וואָרט „זשיד" האָט אַלץ שטאַרקער געשלאָגן אין זײַנע אויערן. איינמאָל האָט ער זיך אַפילו געשטאַרקט און אַ קוק געטאָן שאַרף אײַנעם, וואָס האָט גערעדט, אין די אויגן. ער האָט אָבער זײַן בליק באַלד אַראָפּגעלאָזן און גענומען שנעל עסן. אַוועקגיין, האָט געהייסן אַנטלויפן. „כאַמעס"... ניט מאַכן זיך גאָרנישט אויס זיי... פאַראַכטן מיט די געדאַנקען...

ביי אַלע טישן האָט מען שוין פון גאָרניט ניט גערעדט, נאָר ווי די זשידעס האָבן פאַרראַטן פּוילן... ווי זיי זויגן דאָס פּוילישע בלוט און מאַכן אַ תּל פון פּוילן...

גראָסמאַן האָט זיך געוואָרגן. זײַן פּנים האָט געברענט. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט כּוח ניט אויפצושטיין און וואַרפן אַ טעלער אין פּנים אַריין.

„פּאַן יעש טרעפנע כאַזער?" (עסט טריפה חזיר) האָט זיך אָנגערופן זײַן שכן פון לינקס.

גראָסמאַן האָט אים אַן אָנגעצונדענער אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן. אין צימער איז שטיל געוואָרן.

גראָסמאַן האָט געפילט, אַז ער דאַרף דעם זעלנער אַ פּאַטש טאָן אין פרעכן כאַמסקען פּרצוף, אַ גוטן זעץ מיטן גאַנצן כּוח. דאָס איז דער איינציקער ענטפער. אַזוי דאַרף ער טאָן. זאָל זײַן דערנאָך וואָס עס וויל.

ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. ער האָט זיך נאָר אויפגעהויבן אָן אַן ענטפער און לאַנגזאַם, מיט אַ פאַראַכטנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, מיט ווירדע (אַזוי האָט ער זיך דערנאָך געטרייסט) צוגעגאַנגען צום הענגער, אָנגעטאָן זײַן מאַנטל און דורכשטופּנדיק זיך צווישן געפּאַקטע טישן, מיט „פּשעפּראַשעמס", אַז ער האָט אימיצן אַ שטויס געטאָן, איז ער צו צו דער טיר, באַגלייט מיט געלעכטער און באַליי־

דיקנדיקע בליקן. ער האָט געוואָלט אַ זעץ טאָן מיט דער טיר, ער האָט זי אָבער שטיל הינטער זיך פאַרמאַכט.

„זשידעק אוציעק" (דער איד איז אַנטלאָפן). „זשיד", „פּאַרך", מיט די געשרייען, וואָס זיינען אים נאָכגעלאָפן און געשלאָגן ווי בייטשן, איז ער אַרויס אויף דער קילער גאַס.

* * *

פינף טעג האָט ער זיך געקויפט וואורשט און געגעסן מיט טרוקן ברויט ביי זיך אין צימער. צו לייבלס רעסטאָראַציע, די איינ־ציקע אין שטעטל, אַ חוץ דער גויאישער פון ראָזאַלסקין, האָט ער זיך געשעמט צו גיין.

צום סוף האָט ער באַין ברירה געמוזט אהין גיין עסן, אריין אַ פאַרשעמטער, ניט קוקנדיק קיינעם אין די אויגן, געזעצט זיך ביים ערשטן טישל ביי דער טיר און אַ געשריי געטאָן צום באַלעבאָס אין וויסן פאַרטוך: „גיט עפּעס אַ מיטאָג".

„ אָה, פּאַני גראָסמאַן, איר עסט שוין ניט ביי ראָזאַלסקין", האָט זיך צו אים אָנגערופן יודל אהרנס, אַ יונג סוחרל, מיט אַ צוגעשוירן בערדל, וואָס האָט געשמאַק געקייעט אַ שטיקל קישקע און זיך אָפּגעווישט די פאַרפעצטע וואָנסעס מיט אַ קויטיק סערוועטל.

„ניין", האָט גראָסמאַן אַ מרוקע געטאָן, ניט אויפהויבנדיק די אויגן.

„נמאס געוואָרן די גויאישע מאכלים? פּאָלגט מיך, נעמט אַ שטיקל קישקע, וועט איר פילן אַ טעם"...

גראָסמאַן האָט זיך פאַרקרימט, זעענדיק ווי איהל עסט זשערנע און באַלעקט זיך מיט דער צונג.

„און אז מ'האָט ביי אייך זיך געבעטן", האָט יענער ניט אָפּ־געלאָזן, „אַז איר זאָל ניט עסן ביים גוי, אַז ס'איז אַ חילול־השם... בפרט נאָך, אַז איר זייט אַ לערער, אפילו אַ פּוילישער לערער... אַז ס'איז אַ מיאוסע זאַך פאַר די קינדער. האָט איר דווקא געוואָלט עסן ביים גוי... וואָס־זשע איז עפּעס איצט, פלוצים אַ פרומער איד גע־וואָרן?"...

"אָה, מיט פּוילישע זעלנער"... האָט זיך ניט ווילנדיק אַרויס־געריסן ביי גראָסמאַנען, און פאַרשעמט וואָס ער האָט זיך אַרויסגע־רעדט, האָט ער אַרויסגענומען פון מאַנטל־קעשענע אַ פּוילישע צייטונג און אָנגעהויבן לייענען.

יודל האָט אים אָנגעקוקט און א כיטרע שמייכל האָט א שיין גע־טאָן אויף זיין פּנים. ער האָט זיך גוט איבערגעווישט די ליפּן און באַחד אין פּאַרפּלעקטן סערווועטל, געהייסן זיך דערלאַנגען א הייס גלאָז טיי און אָנגעהויבן אונטערברומען א יום־טובדיקן ניגון און צימבלען מיטן גאָפּל אין טעלער — ובכן תּן פּחדך...

דער פּוילישער לערער גראָסמאַן האָט געפילט יענעמס אויגן אויף זיך און נישט געוואָלט באַגעגענען זיך מיט זיי. דאַכט זיך, ער ווייסט וואָס האָט אים געטראָפן ביי ראָזאַלסקין און ער שמייכלט מיט נקמה. די באַליידיקונג שטעלט זיך ווידער לעבעדיק פאַר זיינע אויגן. אַלע מוזן שוין וויסן. די זעלנער, אָדער ראָזאַלסקי אליין, האָבן געמוזט דערציילן. אַז לייבל דערלאַנגט אים די געהאַקטע לעבער־לעך און ווישט אָפּ דעם טיש פאַר אים מיט זיין שמוציקן פאַרטוך, דאַכט זיך אים, אַז זיין שמייכל זאָגט: מ'ווייסט ,אַזוי אַזוי...

ער שעמט זיך, גראָסמאַן. די בושה וועט מיט אים בלייבן אויפן גאַנצן לעבן. ער וועט שוין נישט האָבן דעם שטאָלץ און רעספּעקט צו זיך ווי אַמאָל. ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן איראָפּייער און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די פאַרהאָוועטע, אָנגעשראָקענע קליינשטעטלדיקע אידן, האָט זיך ארויסגעוויזן א טרוס, געלאָזט זיך אַרויסוואַרפן... ווייל, וואָס אַנדערש איז עס געווען?... כאָטש מען האָט אים נישט אַרויסגעוואָרפן, אָבער נאָך ערגער...

וואָלט מען אים מיט כוח אַרויסגעוואָרפן, וואָלט ער זיך גע־קענט זאָגן, אַז קעגן פיזישן כוח פון א גרעסערער צאָל האָט ער זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן, אָבער... ער איז אַנטלאָפן, אַנטלאָפן ווי א טרוס מיט דעם „זשיד פאַרך אין זיינע אויערן, ער האָט געשוויגן... געשוויגן ווי א טרוס, געשוויגן אויס מורא. „טרוס, טרוס!" שרייט ער צו זיך. און אַזוי די פינף טעג, זינט דאָס איז געשען...

ער האָט זיך אַפילו געשעמט צו גיין אין שולע. די קינדער מוזן שוין אויך וויסן וואָס ס'איז געשען. און וואָס איז געשען?... דאַכט זיך, אַזוי ווייניק — און דאָך ווייסט ער, אַז דער ריס אין זיין נשמה וועט שוין בלייבן אויף זיין גאַנץ לעבן.

אַנטלאָפּענע

איך האָב געגראָבן די ערשטע, יונגע קאַרטאָפליעס אין אונזער גאָרטן, פאַרזיכטיק מיט דער מאָטיקע אויפגעשלאָגן די ערד אַרום די קאַרטאָפליעס, ווען ס'האָט זיך דערהערט צום ערשטן מאָל דאָס ברומען פון האַרמאַטן אין אונזער דאָרף. ס'האָט געקלונגען, ווי אימיצער וואָלט אַ זעץ געטאָן אין אַ גרויסן גלאָק און דער גלאָק האָט זיך צעהוידעט... עטלעכע מאָל אַזוי. ס'האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. ווען איך בין אַרויסגעלאָפן אויפן דאָרפישן שטראָז זיינען שוין דאָרט געשטאַנען רעדלעך פּויערים און פּויערטעס, מיט צעטומלטע פּנימער.

— פון וואַנען קומט עס?... שוין ניט ווייט, אפשר... וואו זיינען זיי?... — אַ זשאַנדאַר איז אין גרויס איילעניש געלאָפן צו דער באַן־סטאַנציע, ניט געוואָלט ענטפערן אַ וואָרט, געטריבן פון זיך...

— גייט אַהיים, ס'איז גאָרניט. ס'איז נאָך ווייט...

דעם צווייטן טאָג האָבן זיך באַוויזן עסטרייכישע זעלנער אין דאָרף, אין אָפּגעריסענע, פאַרבלאָטיקטע מונדירן. עטלעכע זיינען געווען פאַרבאַנדאַזשירט און אויסגעשמירט מיט בלוט... אַז מען האָט געפרעגט אויף פּדי רוסן, האָבן זיי געוויזן מיט די פינגער הינטער זיך אין די וועלדער. — וועלן זיי אַהער קומען? — זיי האָבן געצויגן מיט די אַקסלען.

אַ האַלב דאָרף איז שוין געווען געפּאַקט אויף די פורן, גרייט צו אַנטלויפן. וואו לויפט מען? די באָבע האָט געהאַט אַ שוואָגער אין לעמבערג, פעטער מעכל, האָבן מיר אים אַלע גערופן. מעכל'ס ווייב, שרה, איז געווען דער באָבעס שוועסטער. זי פלעגט קומען צו אונז אין דאָרף יעדן זומער און אָוועקפירן אַ פולע פור מיט קרויט, בולבעס, מערן, פּעטרישקעס. פעטער מעכל האָט געהאַט אַן אייגן הויז אויף דער זשיעלאָנע גאַס. ער וועט דאָך אונדז ניט אַרויסוואַרפן, האָט די מאַמע געזאָגט צו דער באָבען. די באָבע האָט געגאָסן מיט טרערן: — אוי, אוי, דער משוגענער...

פּעטער מעכל איז געווען באַקאַנט אין לעמבערג אַלס „דער משוגענער מעכל”. פאַרוואָס, האָט מיר די מאַמע דערציילט אַזאַ מעשה :

ער האָט אַמאָל געהאַט אַ ציגעלניע אין סעכעוו, לעבן לעמבערג. געהאַלטן עטלעכע בהמות און די ווייבער פון די אַרבעטער פלעגן ביי אים נעמען מילך. האָט זיך דעם קאַוואַלס ווייב אַמאָל שטאַרק צע־ווערטלט מיט זיין ווייב, שרה, פאַרוואָס זי גיסט צו וואַסער צו דער מילך... די גויע איז אַריין אין כעס, אויפגעהויבן דאָס קלייד און זיך געהייסן ק... ווער דאַרף אָנקומען ? מעכל. ניט קיין סך געטראַכט, לאָזט ער דער גויע אַראָפּ אַ פּאַטש. אַ האַנט האָט ער געהאַט ווי אַ גוי — אַז די גויע האָט אויסגעשפּיגין אַ פּאָר ציין. ווען מעכל האָט דעם צווייטן טאָג געגעסן אָנבייסן, איז אַריין דער קאַוואַל, און, ניט אויסריידינק קיין וואָרט, האָט ער אים דערלאַנגט מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אַ נס וואָס מעכל האָט באַצייטנס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַביסל, אַניט וואָלט ער אים זיכער דעם קאָפּ צעפּלעטש. אַזוי איז ער נאָר אָפּגעקומען מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ. אָבער איין נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעהויבן געוואַלדעווען און זיך געוואָרפן ווערגן שרהן. מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט... מעכלען האָט מען אָפּגעפירט קיין קולפּאַרקיוו, אין משוגעים־הויז. נאָך פינף יאָר, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אַ געהיילטן. ער האָט נאָך אַ סך מאָל געקראָגן משוגענע אָנפאַלן... ער האָט פאַרקויפט די ציגעלניע און אָנגעהויבן בויען הייזער. (וועגן מעכלען זיינען אַרומגעגאַנגען אַ סך מעשהלעך. אַזוי האָט מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ שטיקל פלאַץ אינמיטן שטאָט און מעקלער האָבן אים אָפּגעשלאָגן די טירן. האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז מ׳וועט אים ברענגען אַ פולן צילינדער־הוט מיט גאָלדענע רענדלעך, וועט דער פלאַץ זיין זייערער. האָט מען אים געבראַכט אַ צילינדער־הוט פול מיט רענדלעך).

איצט איז ער געווען אַלט, מער ניט געהאַנדלט, געלעבט פון גרייטן. מען האָט גערעדט, אַז ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אָבער ער פלעגט נאָר קלאָגן, אַז ער וועט נאָך מוזן גיין אין די הייזער אויף דער עלטער. מיט שרהן איז נעווען געוואָלדן און געשרייען איבער יעדן גרייצער, וואָס זי פלעגט פון אים אַרויסקרינגן. מיט אַ צעראַטן טאָרבעלע איז ער אַליין געגאַנגען אין מאַרק אַריין איינ־קויפן, אַרומגעריסן זיך מיט די פּשעקופקעס, געוואַלדעוועט, אַז מען

בארויבט אים... מען האט זיך אפגעשטעלט אים נאכקוקן, ווען מען האט אים געזען גיין אין זיין אפגעריבענעם געוואנטיקן אויבערראק, מיטן גרינעם קאשקעט, פאררוקט ביז איבער די שווער באברעמטע מטושטשע אויגן...

ווען מיר זיינען אריינגעקומען צו פעטער מעכלען, פארמאטערטע, אויסגעהונגערטע, ניט אויסגעשלאפענע, מיט די פעק אויף די פלייצעס, איז ער געזעסן ביים טיש, אין א קויטיק העמד, די אשיק־צעשויבערטע האר — צעוואָרפן איבערן שטערן און איבערן קארק, און געגעסן אנבייסן. שרה האט זיך געפארעט ביי דער קיך.

— א גוטן מארגן אייך, — האט די באבע א זאג געטאן.

פעטער מעכל האט אויף אונדז געוואָרפן א ווילדן קוק, ווי איינער וואס איז פלוצים באפאלן געווארן פון רויבערס. אויסדרייענדיק דעם קאפ צו שרהן, האט ער א געשריי געטאן: — אט האסטו זיי! — און צו אונדז: — וואס טוט איר דא?

— וואס רעדסטו, מעכל, ווייסט דען ניט וואס ס׳טוט זיך? — האט די באבע וויינענדיק געזאגט.

— זעצט אייך, זעצט אייך, — שרה האט אונדז צוגעטראגן בענקלעך, — ווען זענט איר געקומען? די רוסן זיינען שוין אריין צו אייך? באלד דערלאנג איך אייך הייסע קאווע.

— מעכל ,האב גאט אין הארצן, — האט די באבע געזאגט, — אזא אומגליק, אאז אומגליק... קוים מיטן לעבן אוועק... אלץ איבער־געלאזט...

מעכל האט זיך שוין אויף אונדז מער ניט אומגעקוקט, זיך ווייטער גענומען צום עסן, אין גרוים געאיילעכץ געשטאפט א פול מויל.

נאכן עסן האט שרה אריינגערופן מעכלען אין דער צווייטער שטוב. ס׳האבן זיך באלד דערטראגן געשרייען און געוואלדן. מעכל איז ארויסגעלאפן, א פארפלאמטער, מיט ווילדע אויגן, געכאפט דעם אויבערראק און דעם קאשקעט און אין טיר שוין א געשריי געטאן: — איך וויל גארנישט וויסן. איך וויל זיי נישט קענען, הערסט? — א ריס געטאן די טיר און אוועק. שרה האט אריינגערופן די באבע און זיך מיט איר לאנג געסודעט. איך האב געהערט ווי די באבע האט געכליפעט. איך בין אוועק אין גאס. פארנאכט, האט אודנז שרה אנגעוויזן א קליין שטיבל לעבן די טרעפ. דאס אלץ וואס זי האט ליידיק. און מעכל טאר דערפון אויך ניט וויסן... — הערט קינדער,

— האָט שׂרה אונדז געבעטן, — קומט ניט אַריין, ווען דער פֿעטער איז אין הויז. ער איז נערוועז, מען טאָר אים ניט אויפֿרעגן...

* * *

דאָס קליינע לענגלאַכע שטיבל האָט געהאַט איין קליין פֿענצטערל צום הויף, אָבער מען האָט עס ניט געקענט עפֿענען. געווען דאָרט אַ קיך צום קאָכן און אַן אײַזערן בעטל — אַפּנים, אַ דירה פֿאַרן סטרוזש. מיר האָבן געקראָגן אַ פּאָר מאַטראַצן, אַוועקגעלייגט זיי אויף דער ערד... אין אָנהויב האָט אונדז שׂרה פֿאַרזאָרגט מיט אַביסל קאַרטאָפֿליעס, שכנים האָבן געהאָלפֿן, אָבער דערנאָך איז געווען אַלץ ווייניקער... מ׳האָט געהונגערט. איך געדענק, אַז כ׳האָב ניט געהאַט וואָס צו עסן טעג נאָכאַנאַנד. און דער אַפּעטיט ביי אַ יונגן בחור איז ריזיק. איינמאָל האָב איך געקראָגן ערגעץ אַ ברויטל, האָבן איך עס אויפֿן וועג שטיק נאָך שטיק געריסן און געשלונגען, פֿאַרטיק געוואָרן דערמיט אויפֿן וועג. און די פֿענצטער פֿון די אויסשטעלונגען, און די מאַרקן, זיינען געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט כּל־טוב... רוסישע סוחרים האָבן אָנגעבראַכט סחורה פֿון רוסלאַנד (די רוסן זיינען דערוויל אַריין קיין לעמבערג) און די פֿענצטער פֿון די רעסטאָראַנען זיינען געווען פֿאַרלייגט מיט די טייערסטע פֿליישן, פֿיש, קאַוויאַרן, וויינען... אַ סך מאָל בין איך געשטאַנען פֿאַר די אויסשטעלונגען פֿון די פֿענצ־טער, ווי צוגעקלעפּט... נאָך אַ ווייל, אַ פֿאַרשעמטער, מיט אַ געלעכ־טער אַוועק.

האַלבע נעכט פֿלעג איך פֿאַרברענגען, אַרומלויפֿנדיק איבער די גאַסן. די העל־באַלויכטענע גאַסן, דער געדרענג פֿון מענטשן, האָבן מיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין עלנט און הונגער... מיט נייגער, געמישט מיט קנאה, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אַריינקוקן אין רעס־טאָראַנען, אין קאַפֿע־הייזער, וואו עלעגאַנטע הערן און דאַמען האָבן פֿאַרבראַכט ביי פֿולע טישן... אין מיין פֿאַנטאַזיע האָבן זיך געטראָגן בילדער פֿון גוטע מאָלצייטן, אינטערעסאַנטע באַגעגענישן, ליבע־אַוואַנ־טורעס... ווילדע, אינגלשע פֿאַנטאַזיעס, קאָשמאַרן ממש, וואָס האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט, פֿון וועלכע איך האָב זיך ניט געקענט באַפֿרייען...

איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, ווי איך וועל אַריין איין נאַכט צו פֿעטער מעכלען מיט אַ מעסער און שטילערהייט, קאַלטבלוטיק אים זאָגן: — איך וויל פֿינף הונדערט רובל. איך

ווארט איין מינוט. עס וועט זיין א מצוה צו באפרייען די וועלט פון אזא נפש ווי דו... — דער גערזאנק האט מיך פארפאלגט ווי א משוגעת. איך האב פארפירט גאנצע שמועסן מיט מעבלען... אלע מאל האט זיך עס אנדערש אויסגעלאזן... דער הונגער האט צערודערט מיינע נערוון.

שרה פלעגט דער באבען אריינברענגען יעדן טאג א טעפל געקעכץ. דער שמעקעדיקער ריח פון גוטן געקעכץ האט מיר פארכאפט דעם אטעם. איך פלעג זיך אבער צווינגען ניט אוועקצוגיין, כדי צו באזינגען מיין שוואכן ווילן. מיט א געפיל פון הערא‌איזם פלעג איך זיך זעצן אומישנע מיט א ביכל ביים טיש בשעת די באבע האט געגעסן. די באבע פלעגט זיך טיילן מיטן קליינעם קינד אדער מיט דער מאמען. איך פלעג ניט וועלן נעמען ווען זי האט מיר געוואלט געבן. איך האב אבער ניט געקענט באהערשן מיינע נערוון... ס'האט מיך אויפגערייצט, וואס זי עסט אזוי זשעדנע, וואס זי כלעפטשעט אזוי, אז מען קען הערן איבער דער גאנצער שטוב. ניט איין מאל האב איך אויף איר אנגעשריען. איינמאל בין איך אזוי בייז געווארן, אז כ'האב א זעץ געטאן מיטן פויסט אין טיש, אז דאס שיסעלע זופ האט זיך איבערגעקערט. אז איך האב דערזען דאס צעשראקענע, געפלעפטע פנים, ווי זי האט מיט די אלטע, אדערדיקע הענט געוואלט א כאפ טאן דאס שיסעלע, האב איך דערפילט אזא גרוים. א שטיקל צייט האב איך קיינעם ניט געקענט קוקן אין די אויגן אריין. איך האב עס ניט געקענט פארגעסן. ס'האט זיך מיר אלעמאל געשטעלט פאר די אויגן און געמוטשעט, געגריזשעט...

אבער די געשיכטע מיט די פינף רובל איז מיר אמשטארקסטן געבליבן אין זכרון. איינמאל איז די מאמע אהיים געקומען א פארמאטערטע, א פארפרוירענע פון א גאנצן טאג שטיין אין דרויסן אין דער קעלט, מיט דער בשורה, אז זי האט געקראגן פינף רובל שטיצע פון הילפס-קאמיטעט. ווי זי האט נאר אפגעלייגט די שאל, האט זי ארויסגעשלעפט דאס צעקנייטשטע פינף-רובלדיקע פאפירל פון בוזעם און מיר עס געגעבן צו באהאלטן. אזא גרויסע מטבע האט זי זיך ניט געטרויט צו האלטן. זי פלעגט תמיד פארלירן געלט, — פון פינף רובל האבן מיר געקענט לעבן א גאנצע וואך.

די מאמע איז ארומגעלאפן איבערן שטיבל, א דערפרוירענע, געקלאפט מיט איין האנט אין דער אנדערער, געדובעט אויף די פינגער און געטופעט מיט די פיס אין פאדלאגע. דער נאכט-לאמפ

האָט געקאָפּטשעט. די שוועסטער האָט קוים מיט צרות געמאַכט דעם אויוון, אָנגעמאַכט אַ שטוב רויך און דערלאַנגט דער מאַמען אַ טעפּל הייסע ציקאָריע. די מאַמע האָט זיך ניט געזעצט, נאָר מיטן טעפּל צווישן די דלאָניעס אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב... אויסגעטרונקען, האָט זי געבעטן, מען זאָל איר העלפן אויסטאָן די גרויסע, מנגערשע שיך, וואָס זי האָט געטראָגן, און געלייגט זיך אין בעט אַריין. „מער־צישעם מאָרגן", — האָט זי געזאָגט אויסטוענדיק זיך — „וועל איך קויפן אַ פּערטל בולבעס. אַז ס'איז דאָ אַ בולבע אין שטוב, הונגערט מען שוין נישט". די שוועסטער האָט זיך דערנאָך גענומען מאַכן פּלעצלעך פון ראַזעווע מעל אויף דער הייסער קיך. די אינגערע שוועסטער, וועלכע האָט געלעזן אַ ביכל ביים טיש, האָט זיך אָנגע־הויבן קריגן מיט דער עלטערער שוועסטער, פאַרוואָס זי נעמט צו דעם לאָמפּ, אַז זי קען זיך פּאָרען ביי דער קיך, ווען דער לאָמפּ איז אויפן טיש. די מאַמע האָט זיך געבעטן, קרעכצנדיק, אַז ס'זאָל זיין שטיל — ס'דראָזשעט זי, און אַלע ביינער טוען איר ווי. דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי פאַרדריקט ביים האַרצן, אַז ניט וואַרטנדיק אויף אַ טעפּל קאַווע און פּלעצל, כאָטש איך האָב גאָרנישט אין מויל געהאַט אַ גאַנצן טאָג, האָב איך געכאַפּט מיין מאַנטל און אַרויס אין גאַס.

אַרויסגעלאָפן אין גאַס, בין איך געוועזן אַזוי צערייצט און נער־וועז, אַז כ'האָב זיך געלאָזט לויפן, שטופּן זיך צווישן מענטשן, גלייך ווי מ'וואָלט מיר נאָכגעיאָגט.

אַרומלויפנדיק אַזוי אַ שטיקל צייט, האָב איך דערפילט, אַז דער הונגער רייסט מיר די געדערים.

— איך האָב פינף רובל, — האָב איך זיך דערמאָנט, — אַזוי, — האָב איך זיך געענטפערט, — האָסט פינף רובל!... און ווען דו פגרסט דאָ אויפן אָרט, וועסטו ניט רירן אַ קאָפּיקע. ס'איז ניט דיינס. אַ וואָך דאַרף מען לעבען דערפון.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ וואורשט־געשעפט. דער ריח פון פלייש האָט מיך שיר ניט געבראַכט צו חלשות. אפשר זאָל איך אַריין אין געשעפט און קויפן אַ שטיקל ברויט מיט וואורשט פאַר צען קאָפּיקעס. — ניין! ניין! ניין! דו ביסט נישט קראַנק צו הונגערן. ווילסט דיר לאָזן וואוילגיין פאַר דעם געלט, וואָס די מאַמע האָט אויסגעבעטלט שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג אין פראָסט, און דו ביסט געזעסן און געלייענט אַ ראָמאַן אין אַ וואַרימער שטוב. ניין! ניין! ניין!

מיט פאַרביילטע פויסטן, מיט פאַראַכטונג צו דער וועלט, האָב איך זיך געשטופּט צווישן די מענטשן, געקוקט זיי אין די אויגן מיט שנאה און גרויס הנאה געהאַט, אַז איך האָב איינעם אַ גוטן זעץ געטאָן מיט אַן עלנבויגן.

2

אין אַמעריקע

האָטעל עלמספאָרד

ניין אַזייגער אינדערפרי איז אַ גרויסע, גלאַנציקע מאַשין צוגעפאָרן צו איינעם פון די לוקסוסדיקע האָטעלן אין דער מעריב־זייט פון צענטראַל פּאַרק. די עלמספאָרד — האָט געשיינט דער נאָמען, אויסגעמאָלן מיט גלאַנציקע, גאָלדענע אותיות אויפן טויער. אַ ברייטפּליציקער טיר־היטער, איינגעקרעמפּעוועט אין אַ טונקל־גרינעם מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, איז צוגעלאָפן, אַרויפגעכאַפּט אויפן וועג אַ גאָטספאַרכטיקע מינע אויף זיין איריש, רויט פּנים. דערזעענדיק, וואָס פאַראַ מין וואָגן דאָס איז, זיינע זיינען אויגן געוואָרן קאַלעמוטנע. — וואַרט צו, איך לויף שוין נאָכן מענעדזשער, — האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

דער מענעדזשער — אַ לאַנגער דזשענטלמאַן, מיט אַ שרונט אינמיטן קאָפּ, אויסגעליינט ווי מיט אַ ווירע, האָט עפּעס שטילערהייט געזאָגט צו די צוויי מענער אין דער מאַשין. דער טיר־היטער האָט פאַר זיי ברייט געעפנט די, מיט מעשענע פיגורן און בלומען באַצירטע, שווערע טיר. זיי זיינען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אַריינגעגאַנגען אין אַ טונקל צימער. דער מענעדזשער האָט אַרויפגעצויגן איינעם פון די אַראָפּגעלאָזענע ראָלעטן און געבליבן שטיין מיטן פּנים צום פענצטער.

אויף אַן עלעגנאַט בעט פון ליכטיק־געלן האָלץ איז געלעגן אַ מת, אַ יונגע פרוי, אין אַ לאַנג־שוואַרץ קלייד, אירע דאַרע, איידעלע הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. דאָס קליינע, איינגעשרונקענע פּנים, מיט די אָפּגעשאַרטע ליפּן און אַ פול מויל געזונטע ציין, האָט געקוקט מיט אַן אומהיימלעך חוזקדיקן, ניט מענטשלעכן גרימאַס. פון דער נאָענט האָט מען אָבער געקענט זען אַרום די אויגן פּיין און שרעק און, דאַכט זיך, עפּעס אַ פאַרוואונדערונג.

די צוויי מענער, וואָס דער מענעדזשער האָט אַרויפגעבראַכט, זיינען צוגעגאַנגען צו דער טויטער און זי באַקוקט מיט קאַלטן

נייגער. דער קלענערער פון די צווײ, מיט שאַרפן אויגן און אַ שפּי־ציקער גאָמבע, האָט געפרעגט: — איז זי געשטאָרבן מיט אַ נאַטיר־לעכן טויט? — דער מענעדזשער ביים פענצטער האָט געענטפערט אַ קורצן ניין. אַ!... זיין חבר — קאַלטע רציחה אויף זיין בלאַס, קייל־עכדיק פּנים און אין זיינע טיף־זיצנדיקע קליינע אויגן — האָט געזאָגט: — זי האָט געמוזט זיין אַ בראַדווייער שמעטערלינג...
אַ מצוה אויף זיי... — דער מענעדזשער האָט זיך צעשריען: —
וואָס האָט איר זיך אוועקגעשטעלט רעדן? טוט אייער אַרבעט און גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — די צווײ יונגען האָבן זיך אָנגעקוקט מיט באַליידיקטע בליקן. זיי האָבן ניט זייער איידל אַריבערגעטראָגן די טויטע פרוי אויף אַ טראָג־ברעטל, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיט־געבראַכט. דער מענעדזשער איז זיי נאָכגעגאַנגען, אַ בלאַסער מיט אַ שוויצנדיקן שטערן, באַגלייט זיי ביז צו דער מאַשין.

ווען די צווײ מענער האָבן אַריינגערוקט זייער משא אין מאַשין, און די מאַשין איז אוועק, איז דער דזשענטלמעניש׳ער מענעדזשער צוריק אַריין אין האָטעל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער איז צעשטערט געוואָרן די ציכטיק־דרימלענ־דיקע, יום־טובדיקע שטילקייט פון רייכן האָטעל. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. די טייערע דיוואַנען האָבן געגלאַנצט די טריט, די וואַזן און סטאַטועז האָבן געבלאַנקט. די באַמונדירטע דינער האָבן אויסגעזען פאַרנומען, זייערע פּנימער אויסגעלייזדיקט פון עפּעס אייגנס. דער בוכהאַלטער פון האָטעל, דער אַלטער מעקאַרטור, איז געזעסן ווי תמיד אויף זיין בענקל, זיין ליסער קאָפּ איבערן גרויסן קאָנטע־בוך, און דאָס טעלעפאָן־מיידל ביים „סוויטש־באָרד" האָט גערעדט אין טעלעפאָן.

דער מענעדזשער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מעקאַרטורן, מיט זיין זיידן טיכעלע זיך געווישט זיין פאַרשוויצטן שטערן, און געזאָגט:
— נו, גאָט צו דאַנקען, איבערגעקומען. מים פּיקענס! — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום טעלעפאָן־מיידל — אַלע אָנפרעגן וועל איך אַליין ענטפערן. פאַרשטאַנען?

— יעס, סער — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

— יאָ, מעקאַרטור, — האָט געזאָגט דער מענעדזשער, — דעם חשבון האָט איר געמאַכט? וויפיל איז זי אונדז שולדיק געבליבן?

מעקאַרטור האָט אויפגעהויבן זיין ליסן קאָפּ פון דיקן קאָנטע־בוך.

— איך האָב אייך איבערגעלאָזט דעם חשבון. אַן ערך דריי הונדערט דאָלער.

דער מענעדזשער זעט אויס, גלייך ווי מען וואָלט אים אַ שפּילקע אַריינגעשטאָכן אין פלייש אַריין.

— פאַרוואָס האָט איר פריער ניט געזאָגט? — האָט ער זיך צעשריען אויף מעקאַרטורן.

אין אַלטן בוך־האַלטערס אויגן האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ נקמהדיק פּיערל. ער האָט געענטפערט העזהדיק:

— איך האָב אייך ניט איינמאָל געזאָגט, אַז זי צאָלט ניט די בילס.

דער מענעדזשער איז בלאַס און צעקרומט.

— דער אַלטער וועט משוגע ווערן.

מען האָט דעם בוך־האַלטער ניט געדאַרפט אַריינלייגן קיין פינ־גער אין מויל אַריין. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אויפן מענעדזשער ציטערט אַזוי די הויט. דער אַלטער בעילין, דער אייגנ־טימער פון האָטעל, האָט פיינט צו פאַרלירן געלט. זיינע אייגענע קינדער קומט אָן שווער פון אים עפּעס אַרויסצוקריגן. דער סקאַנדאַל און געלט נאָך דערצו...

מעקאַרטורס אויגן האָבן זיך פון גרויסער הנאה באַהאַלטן אין די טיפע שוואַרצע קנייטשן.

דער מענעדזשער האָט זיך צוגעבויגן נעענטער צום בוך־האַל־טער: — זאָגט נאָר, מעקאַרטור, מוז ער וויסן?

— מען קען ניט באַהאַלטן, — האָט געענטפערט מעקאַרטור, — דער אַקאַונטענט וועט אים זאָגן. מען מוז אָפּשרייבן פון די ביכער.

דער מענעדזשער: — גאָד דעם, פאַרוואָס האָט איר דאָס מיר פריער ניט געזאָגט.

דער בוכהאַלטער: — איך האָב אייך ניט איינמאָל געזאָגט.

דער מענעדזשער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין מעקאַרטורן, מען האָט געקענט מיינען: אָט געשעט עפּעס... אָבער ס'איז דערפון גאָרניט געוואָרן. דער מענעדזשער האָט געוואוסט, אַז דער באַלעבאָס האַלט שטאָל און אייזן מיטן בוכהאַלטער, וואָס שטייט שוין דאָ דרייסיק יאָר אויפן פּלאַץ.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן פון טאָן:

— אָלרייט, מעקאַרטור, — האָט ער געזאָגט, — מיר'ן שוין זען, וואָס מען קען טאָן. איך וועל רעדן מיט מיסטער בעילינען. —

ער איז געשטאַנען אַ ווייל, כלומרשט פאַרטראַכט — איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט צוגעלאַזענער, — זי האָט גענומען גענוג סם צו פאַרסמען אַ פערד. וואָס זאָגט איר ניט דערצו? — ער האָט זיך אויסגעדרייט צום טעלעפאָן־מיידל: — איך וועל זיין אין מיין אָפיס אויב אימיצער דאַרף מיך.

דער אַלטער מעקאַרטור איז אַראָפגעשפּרונגען פון זיין בענ־קעלע, אויף וועלכן ער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן איינגעהויקערט איבער זיינע ביכער, ווי אַ שוסטער איבער אַ פּאָר שיך, זיך איבער־געלאָפן עטלעכע מאָל איבער זיין פאַרדאַמטן שטייג, און זיך אָפּגעש־שטעלט פאַר זיין פריינדין, דער טעלעפאָניסטקע:

— איך האָב אים ניט געזאָגט. אזא טויגעניכטס. איך זאָג אים און זאָג אים... מיסטער ווענגלער, זאָג איך אים, דער ביל ווערט אַלץ גרעסער. אָלרייט, מעקאַרטור, זאָרגט זיך ניט, איך וועל שוין אַכט געבן. ער וועט אַכט געבן. איצט האָט ער טענות, פאַרוואָס איך האָב אים ניט געזאָגט...

דער טעלעפאָניסטקע האָט באַשעפטיקט אַן אַנדער ענין:

— און איר באַ־פרענד, דער קוירנעל, האָט ניט געוואָלט באַ־צאָלן? — האָט זי געפרעגט. נייגער האָט געבראַנט אין אירע צע־שיינטע אויגן.

— ווער, דער קוירנעל? — האָט געזאָגט מעקאַרטור שאַרף, — ער האָט שוין געהאַט גענוג. ער האָט שוין לאַנג אָנגעזאָגט, אַז ער וועט ניט צאָלן. און איך גיב אים גערעכט.

— טאַקע? — האָט דאָס מיידל געפרעגט אַ פאַרצערטע.

מיט דעם קליינעם צוגעפּאַרבטן פּנימל, מיט די קינסטלעך צוגע־קרויזטע האָר, און די מעטאַלענע טרובקעס איבער די אויערן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט.

אַ קנעפּל אויפן „סוויטש־באָרד” האָט זיך אָנגעצונדן רויט, אַ סימן אימיצער רופט. דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט אַריינגערעדט אין דער טרובקע מיט גרויס ערנסט: — יעסס־סער און אַזוי עטלעכע מאָל יעס־סער און יעס־סער. מעקאַרטור האָט זיך אָנגעשטייפט און געלוישט... ער האָט שוין דערשפּירט, אַז דאָס רעדט זי מיטן באָס, דעם אַלטן בעילין. דאָס סיגאַרעטל, וואָס ער האָט אַליין פאַר־דרייט און זיך געגרייט אַרויסצוציִין רויכערן, האָט ער צוריק אַריינגע־וואָרפן אין שופלאָד. אַ קשיה אויף דעם אַלטן בעילינען. ער איז ניט קיין פוילער. ער קען זיך אָקאָרשט באַווייזן. דאָס טעלעפאָן־מיידל

האָט אים מיט אַ וואונק אָנגעוויזן אויפן טעלעפאָן אויף זיין טיש. דער בוך־האַלטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און פאַרזיכטיק אַראָפּגענומען דאָס טרייבל און צוגעלייגט עס צום אויער... זיך איינגעהערט אין דעם לאַנגן, היציקן שמועס צווישן אַלטן בעילין און דעם מענעדזשער. בשעת־מעשה האָט ער אַריינגעקוקט דער טע־לעפאָניסטקע אין די אויגן און צו איר געוואונקען און געדריקט צום אויער דאָס טרייבל ניט צו פאַרלירן חלילה דאָס מינדסטע וואָרט...

אי, האָט זיך דעם אַלטן מעקאַרטורס האַרץ געקוויקט מיט די מוראַדיקע באַסאָווע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון בעילינען צום מענעדזשער! ווי אַנדערש ס'איז איצט דעם מענעדזשערס קול! שוין ניט די קורצע, טרוקענע קאָמאַנדע. איצט צעטומלט בעטנדיק... דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט זיך אַלע ווײַלע אַרומגעקוקט אַ דערשראָ־קענע, מיט אירע שיינענדיקע אויגעלעך, און געשמייכלט מיט אירע נעפאַרבטע ליפּעלעך צום אַלטן בוך־האַלטער.

* * *

דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט דערנאָך געזאָגט: — איך בין פאַר־בייגעגאַנגען די טיר, האָב איך זי געהערט זינגען. אַ גאָלדענע שטים. איך קען ניט גלויבן. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך פאַר איר ווידער גערופן די קאָנצערט־ביוראָ. עטלעכע מאָל אַ טאָג האָט זי גערופן. וואָס זי האָט געזאָגט, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, זי האָט גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך, געפרעגט אין איר משונהדיקן אַקצענט: „איז דים די דירעקטאָר ספּיק?" זי האָט גערעדט אַזוי גיך־כאַפּנדיק און אַריינגעשריען אין טעלעפאָן, אַז איך בין זיכער, אַז מען האָט זי דאָרט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט אַ לאַנגע צייט ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס רערל, כאָטש מען האָט שוין דאָרט אויפגעהאַנגען...

מעקאַרטור האָט געזאָגט:

— איך האָב באַלד געזען, אַז זי איז ניט אודנזער קלאָס קאָס־טימער. איך האָב עס געזאָגט אונדזער מענעדזשער. אָבער אַזאַ חכם... איך וועל שוין אַכט געבן. ער וועט אַכט געבן. איצט רעדט ער... אַזאַ טויגעניכטס...

* * *

נאָך עלף אַזייגער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די איינוואוינער פון האָטעל. אַנבייסן האָבן שוין פּאָר זיי אינדערפרי אַרויפגעטראָגן

די קעלנערס אויף זילבערנע טאַצן, באַדעקט מיט ווייסע סערוועט־קעלעך. מיטאָג ווערט פאַר זיי פון אינדערדפרי אָן פיבעריש צוגעגרייט פון שוויצנדיקע קעכערס, וואַרט מען אין די ווייכע פאָטעלן פון דער „לאָבי". מען הערט זיך צו צו דער „ריידיאָ". מען זיצט גלאַט אַזוי.

דאָס רוב שטענדיקע איינוואוינער זיינען אַלטע דאַמען און הערן, וואָס טוען שוין גאָרנישט, (אויב זיי האָבן פריער עפּעס געטאָן) אויך עטלעכע דערפאָלגרייכע קינסטלער, זינגער, מוזיקער, וועמען עס לאָקט דאָ די שטילקייט און די לוקסוסדיקע, הויך־אַריסטאָקראַטישע פירעכץ...

די רייכע לייט קומען צוגיין מיט אַ זיכערן גאַנג, מיט שטרענגע אָנגעבלאָזענע פּנימער, אין וועלכע עס האָט זיך איינגעזאַפּט דער באַוואוסטזיין, אַז די אַלע משרתים, אַז די גאַנצע פּראַכט און לוקסוסדיקייט איז פאַר זייערטוועגן, זיי צו גענעלן... מען קען זען, אַז זיי זיינען צוגעוואוינט, אַז אַנדערע זאָלן זיי אונטערטראָגן, דערלאַנגען — פון שענסטן און בעסטן. די מענער זיינען אַזוינע רואיקע, די דאַמע חוצפּהדיק, אָנגעבלאָזן — כאָטש גיב זיי דאָס טעלערל פון הימל... אפילו אויף די שוין גאָר עלטערע דאַמען און הערן זעט מען ניט אַזוי בולט די סימנים פון עלטער. פון וואוילן און גוטן לעבן זיינען זיי פיין פּרעזערווירט. די פיינע וואָלענע און זיידענע שטראָפן, די שמירעכצן און מאַסאַזשן און פּאַרפומען פאַרדעקן די פאַלדן, די צעקנייטשטקייט, באַהאַלטן דעם ריח פון פוילעניש...

עס גייט אַוועק אַ סדרה גוט־מאָרגנס, וואָס מעקאַרטור גיט אָפּ יעדן גאַסט באַזונדער. גוט מאָרגנינג, מעדעם, גוט מאָרנינג, סער, גוט מאָרנינג. אַ טייל געסט שטעלן זיך אָפּ כאַפּן אַ שמועס מיטן בוקקיפּער (בוך־האַלטער). מעקאַרטור, מיט זיין צוגעוועלקט פּנים, פון אַלטן, באַגלויבטן משרת, איז דאָ זייער אָנגעלייגט ביי יעדן. גוט מאָרנינג, מיסטער דזשאָנס. גוט מאָרנינג, מאַדאַם. גוט מאָרנינג.

דאָס אַלטע פּאָרל, די גאַרדינערס, קומען אָן געאָרעמט, ווי אַלע מאָל, מיט ראַטשערדיקע טריט און זעצן זיך אַוועק אָפּרוען אויף דער נאָענטסטער סאָפּקע. ער לייגט אַוועק די הענט אויף די דאַרע פּיס און זיצט אָנגעבויגן און סאָפּעט. שוין ניטאָ קיין איין האָר ביי אים אויפן קאָפּ. דאָס פּנים איז רויט, פאַרלאָפּן, און די אויגן, מטושטעשע. זי איז אָן אויסגעבויגענע, מיט אַ קיילעכדיק, ווייס פּנימל, מיט אַ נעבעכדיק שמייכעלע אויף די ליפּן, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: לאָזט נאָך אביסעלע לעבן, כ'בעט אייך.

עס קומט מיט מיליטערישע טריט, מאַיאָר סמיט, דאָס פּנים אָפּגעבראָנזט, די האָר קורץ געשניטן. ער ענטפערט מיט אַ מרוק אויף מעקאַרטורס גוט־מאָרגן און גייט ווייטער. עס קומען, זיך האַלטנדיק ביי די הענט, די שוועסטער קורטיס, צוויי אַלטע מוידן, אָנגעטאָן אין אַלטמאָדישע טונקעלע קליידלעך, פאַרקנעפּלטע און פאַרשנורעוועטע פון קאָפּ ביז די פיס, מיט פאַרגעלטע און צוגע־שטויבטע פּנימער. זיי שטעלן זיך אָפּ אָפּנעמען פּאָסט. זיי האָבן שטענדיק אַ מאַסע פּאָסט. גוט מאָרנינג, גוט מאָרנינג.

די גרוי־האָריקע, שלאַנקע, מיידליש־אויסזעענדיקע מיסעס באַר־נעט, שטעלט זיך אָפּ באַצאָלן איר חשבון. מסתמא איז איר שוין מעקאַרטור דערגאַנגען די יאָרן מיט דערמאָנונג־בריוולעך. זי איז אַ שרעקלעך־באַשעפּטיקטע, די מיסעס באַרנעט. זי פאַלט אַריין אין האָטעל מיט אַ מאַסע פּעקלעך און דערציילט יעדן: איך בין אַזוי פאַרנומען, האָסט גאָר ניט קיין באַגריף, יו העוו נאָ איידיע. זי גיט מעקאַרטורן אַ וואָרף דעם טשעק און הייסט זיך געבן אַ באַשטעטיקונג, צו ווייזן מעקאַרטורן, אַז זי ווייסט ווי אַרומצוגיין מיט מענטשן, וואָס פאַרדינען עס, גיט זי דער טעלעפאָניסטקע אַ זיס שמייכעלע און פרעגט זיך ביי איר נאָך: טייערינקע, ווי פילסטו היינט? היינט איז אין איר צוגעלאָזנקייט אַ ספּעציעלער מיין: זי וויל אויסגעפינען וויפיל עס לאָזט זיך וועגן זעלבסטמאָרד, פון וועלכן כמעט אַלע געסט אין האָטעל האָבן שוין געוואוסט.

מעקאַרטור נעמט דעם אָוועקגעוואָרפענעם טשעק מיט אַ העפ־לעכן „טהענק יו, מעדעם", ציט אַרויף די אויבערשטע ליפּ, עס זאָל אַרויסקומען אַ שמייכל און באַטראַכט זי בשעת־מעשה מיט זיינע קריטישע אויגעלעך...

אַלס גוטער קאַטאָליק, האַלט מעקאַרטור ניט שטאַרק פון דער מיסעס באַרנעטס זינדיקע דרכים... זי מיינט — האָט ער ניט איינמאָל געגעבן צו פאַרשטיין דער טעלעפאָניסטקע — אַז זי וועט זיך אויף יענער וועלט אויך אויסדרייען פון צאָלן... דאָרט ווערט אָבער אַלץ פאַרשריבן פונקט ווי ביי אים... אפילו מיט אַ סטעמפּ וויל זי מיך באַשווינדלען... אַי, זיינען זיי קאַרג, די רייכע...

* * *

ביי דער טיר פון עס־זאַל שטייט דער דזשענטלמעניש‏ער מע־נעדזשער און בויגט ביים אָנקומען פון יעדן גאַסט טיף זיין קאָפּ

מיטן גלייכן שרונט. ער זעט אוים ווי ער וואָלט ערשט ארוים פון באָד. ער גלאַנצט פון קאָפּ ביז די פים. א שמייכל ליגט צוגעקלעפּט צו זיינע ליפּן.

דער עס־זאַל איז אַ גערוימער מיט אַ סך פענצטער. ארום די טישן, באדעקט מיט טייערע ווייס־בלאַנקנדיקע טישטעכער און באַפּוצטע מיט לאַנג־האַלדזיקע פלאַקאָנען מיט בלומען, האָבן זיך ארומגעדרייט קעלנער, אין שוואַרצע אָנצוגן, מיט ווייסע ברוסט־אויסשניטן. זיי גייען אוים זילבערוואַרג, סערוועטקעס, גלעזער א. אז. וו.

זיי זיינען אַלע אַלטע מענטשן, גרויע אָדער מיט שטיקער נאַקעטע שאַרבנס, מיט אָפּגעטעמפּטע, נאָכגעלאָזטע פּנימער, וואָס זאָגן עדות אויף אַ לעבן פאַרבראַכט ביי קעלנעריי. זייערע אויגן האָבן אַ קוק פון אַלטע, מיד־געוואָרענע הינט. דער עלטסטער קעלנער שטעלט אַלעמאָל אריין דעם קאָפּ אין קיך, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ דין טירל פון עס־צימער — זען ווי עס האַלט דאָרטן...

די קיך איז טונקל, פאַרפּאַרעט. די קעכערס און באַהעלפערס יאָגן זיך ארום די קעסלען און טעפּ: ביי אַ לאַנגן טיש שטעלט מען צוזאַמען די פּאַרטיקע צובייסנס, קאָמפּאָטן, סאַלאַדס. עס איז שפּעט און עס הערשט דאָרטן אַן איילעניש און אַ יאָגעניש...

די פיין־מאָנירטע דאַמען באַגריסן זיך מיט העפלעכע אויסגעשרייען, מיט אויסגעשטודירטע שמייכלען... די סענסאַציע איז אין דער לופטן.

— האָסט שוין געהערט?

— ווייסט שוין, טייערינקע?

— אָ, מאַי דיר, איך האָב מיט איר ערשט נעכטן גערעדט.

— איך האָב שיר ניט געחלשט! ס'איז פּשוט שרעקלעך. ס'איז אַן אַבסאָלוטער סקאַנדאַל.

אָבער די פראַגע אויף יעדנס ליפּן און אין יעדנס אויגן איז די זעלביקע, וואָס די טעלעפאָניסטקע האָט געפרעגט:

— נו, און דער קוירנעל?

איין דאַמעלע האָט געמיינט אַז דער קוירנעל איז געווען דער זינגערינס מאַן.

— כאַ־כאַ־כאַ, — צעלאַכט זיך אַ דזשענטלמאַן.

אַ קרייזל רינגלט ארום די מיסעס באַרנעט. פּנימער פרומע, שטרענג־געוואָרענע, האָבן זיך צוגעבויגן און הערן זיך איין מיט דער גרעסטער כוונה צום זינדיק־ראָמאַנטישן שטיקל געשיכטע, וואָס האָט

זיך אָפּגעשפּילט אונטער זייערע נעזער, בשעת זיי האָבן זיך אַזוי ניט אינטערעסאַנט געלאַנגווייליקט.

לויט מיסעס באַרנעט האָט עס אויסגעזען אַזוי:

ווען די זינגערין איז אַהער אָנגעקומען פון אונגאַרן, האָט זי געהאַט אַ נאָמען. זי האָט געזונגען אין עטלעכע אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט און געקומען מיט אַ היבשער רעפּוטאַציע...

דאָ האָט זי געהאַט אַ פּאָר ריסייטלס, געזונגען מיט קלענערע אָפּערע־קאָמפּאַניעס, אָבער דערנאָך איז זי אַרויסגעפאַלן — און ניט געקענט מער געפינען קיין פּלאַץ פאַר זיך... נו, און דער קוירנעל? דער קוירנעל האָט געהאַט באַקאַנטשאַפטן אין אַרטיסטישע קרייזן. זיין ווייב, איז דאַכט זיך, געווען אַן אַקטריסע... איצט האָט ער געלעבט אַ טאָג, זיך געלאָזט וואוילגיין... האָט ער איר געהאַלטן אין איין צוזאָגן אַ שטעלע... צי ער האָט זי אָפּגענאַרט מיט צוזאָגן, צי ער האָט טאַקע ניט געקענט גאָרניט אויפטאָן, ווער ווייסט!...

די טעלעפאָניסטקע האָט איר געזאָגט, דערציילט מיסעס באַר־נעט, אַז זי האָט געהאַלטן אין איין רופן סאָסייעטיס און אָרגאַני־זאַציעס... „פור טינג". דער קוירנעל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן אירע בילס, האָט מען איר געהייסן אַרויסציִען זיך. נעכטן ביינאַכט האָט זי אַ דינסט־מיידל געפונען אַ טויטע אויף איר בעט... „פור טינג"...

* * *

אין האָטעל האָט געוואוינט און געהאַט זיין אָפיס דאָקטאָר ראָבערטסאָן. ער איז געווען אַ טעאָזאָף און אַ „גייסטיקער רופא". דאַמען האָבן זיך מיט אים מיינסטנס געעצהט, אָפּגעזעסן מיט אים שעהן־לאַנג. ער האָט אויך אָפּגעהאַלטן מיטינגען דאָ אין האָטעל, וואָס האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם באַזוכער. זיין אויסזען איז געווען זייער אימפּאָנירנדיק: אַ הויכער, שטאַרקער מאַן, אַ קאָפּ שיינע, געדיכטע, גרוי־זילבערנע האָר; אַרויסשטאַרטשנדיקע, מוסרנ־דיקע אויגן, אַ קרעפטיק פּנים.

ער האָט ניט נאָר געקענט שיין רעדן, נאָר אויך זייער שיין שווייגן, ווען ער האָט עס געהאַלטן פאַר נויטיק. ער האָט דעמאָלט אויסגעשפּילט מיטן פּנים אַלערליי געפילן. די אויסגעשפּרייטע הענט און זיינע פיין־געשניצטע פולע ליפּן האָבן שטאַרק געהאָלפן...

ער איז איצט אָנגעקומען ,מיט די ענערגישע טריט זייגע, מיט א טאַבליצע אין האַנט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מעקאַרטורן:

— א טרויעריקע און אויסערגעווייגלעך־שאַקירנדיקע פּאַסי־רונג, — האָט ער געזאָגט. זיין געזונט, רויטלעך פּנים פאַרשאַרפט, קאָנצענטרירט.

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך וועל זען, אַז די אָרימע שוועסטער זאָל האָבן אַלץ, אַלץ, וואָס מיר קענען טאָן פאַר איר אויף דער וועלט. אַלץ...

ער האָט געבעטן מעקאַרטורן, ער זאָל הייסן ארויסשטעלן די טאַבליצע מיט דעם אָנזאָג פון היינטיקן מיטינג פיר אזייגער... דאָס איז אַ ספּעציעלער מיטינג, גערופן פאַרן אָנדענק פון דער אָרימער שוועסטער... אום צו קריגן מיטלען פאַר איר לויה... ער איז געוואָר געוואָרן פון מענעדזשער, אַז דער „טשעפּל" רופט און רופט... ווייל וויסן וואָס עס וועט זיין מכוח הוצאות... זאָל די טעלעפאָניסטקע אָפּרופן דעם באָס, מיסטער בעילין, פאַר אזייגער פיר און אים דערמאָנען צו קומען צום מיטינג... מיסטער בעילין האָט צוגעזאָגט צו קומען... מען דאַרף אים נאָר דערמאָנען...

מעקאַרטור האָט אָראָפּגעשלונגען אַ שמייכל פאַר זיין באַלעבאָס צרות — אַ צוגאָב צו די 300 דאָלער...

דאָקטאָר ראָבערטסאָן איז אוועק מיט גרוים ווירדע, וואָס האָט אַראָפּגעגלאַנצט פון זיין שטאָלצן גאַנג און זיינע שיינע, גרויע האָר.

מעקאַרטור, נאָכקוקנדיק אים, מיט דער טאַבליצע אין האַנט, האָט ווידער ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן. מעקאַרטור האָט גרויס דרך־ארץ פאַר גייסטלעכע, אָבער איז דען דאָקטאָר ראָבערטסאָן אַ גייסטלעכער? אפשר איז ער גאָר אַ שווינדלער, וואָס נאַרט אויס געלט ביי רייכע לײדים? און ווער ווייסט? מעקאַרטור האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ ספּעקולירנדיק־שפּאָטיש בליקעלע פון זיינע פאַר־קוועטשטע אויגן...

* * *

עס איז שוין כמעט קיינער ניט געווען אין עס־צימער, די קעלנערס האָבן זיך ארומגעדרייט פאַרשלאָפענע, ווען ס'איז אריינגע־קומען עמן מיטאָג, די באַרימטע רוסישע סאָפּראַנאָ, מאַדאַם לאַדונעץ. זי איז געקומען פון שטאָט, אין טייערן סויבעלנעם פוטער, מיט צוויי יונגעלייט ביי די זייטן: ביל קינגמאַן, פון קאָנצערט־ביוראָ,

און איר אַקאָמפּאַניסט, דעם יונגן מוזיקער, וולאַדימיר מאַנקין. וולאַדימיר מאַנקין און מאַדאַם לאַדונעץ האָבן געוואוינט דאָ אין האָטעל. די צוויי יונגעלייט האָבן מאַדאַם לאַדונעץ אָפּגעגעבן דעם כבוד, וואָס עס קומט אַזאַ באַרימטער קינסטלערין. זיי האָבן איר געהאָלפן ביים אויסקלייבן וואָס צו עסן און צוגערעדט צו עסן, אַזוי ווי מאַדאַם לאַדונעץ וואָלט געווען אַ שעמעוודיקע און זיך געלאָזט פאַרטיילן מיט עפּעס גוטס...

מאַדאַם לאַדונעץ איז געווען אַ דיקע, באַלייבטע פרוי, מיט אַ געפּאַלדעוועטן האַלדז, און אַ קליין קין־ביינדל, וואָס האָט זיך ברוגז אַרויסגעשטופּט פון אירע פּוכקע, שוין גוט גערונצלטע פּנים. אירע קליינע קיילעכדיקע אויגן האָבן פאַרנעפּלט געגליט, איינגעקשנטע, אין זיך צוריקגעקערטע, ניט צופרידענע...

נאָכדעם ווי מאַדאַם לאַדונעץ האָט אביסל געזעטיקט איר הונ־גער, האָט זי דערציילט ביל קינגמאַנען פונם קאָנצערט־ביוראָ וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון דער זינגערין, פון וועלכן זי האָט געהערט אין שטאָט. דער בלאָנדער יונגערמאַן האָט זי אויסגעהערט מיט ערנסטער סימפּאַטיע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט צי זי איז געווען אַ גוטע זינגערין. מאַדאַם לאַדונעץ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן: און אז אַ גוטע? ווער, פאַרשטייט זיך? מען שאַצט דען אָפּ אמתע קונסט? ווער פאַרלאַנגט עס? ווען זי נעמט זיך צו דזשעז — דאָ האָט מאַדאַם לאַדונעץ געגעבן אַן אימיטאַציע פון אַ דזשעז־לידל — וואָלט זי געווען אַ סוקסעס... אָט נעמט... איר ווייסט וועמען איך מיין... דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: זי איז מסתמא ניט גע־ווען קיין ערשט־קלאַסיקע זינגערין... זי האָט גערעדט הויך און זשעסטיקולירט מיט די הענט.

דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר, וולאַדימיר מאַנקין, איז געזעסן פאַר־טראַכט. זיינע אומרואיקע, געקוויילטע אויגן האָבן זיך געפייכט פאַרצערטע. דער אידעאַליסט, האָט אים מאַדאַם לאַדונעץ גערופן. דער טויט פון דער זינגערין האָט אים שטאַרק באַרירט. ער אַליין האָט איצט איבערגעלעבט אַ קריזיס־צייט.

איר טויט האָט אים אַ זעץ געטאָן ווי מיט אַ וואָרענונג: היט זיך!

מאַדאַם לאַדונעץ האָט דערפילט זיין שטימונג, מיט ווארימקייט געפרעגט: — דו פילסט אַזוי שלעכט, וולאַדימיר?

מאַנקין האָט זי אָנגעקוקט, ניט געענטפערט.

מאדאם לאדונעץ האָט געזאָגט אַ דערצאָרנטע: — דאָס איז אַ בייז און הארט לאַנד, אַן אומפאַרשעמט לאַנד. איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אין אונדזער דאָרף אין די בערג.

* * *

איבערן פוסטנדיקן מיטינג־זאַל זיצן איינגעניורעטע אין די ווייכע שטולן, דאַמען און הערן — דרימלען. פון דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט קומט אַ דין־געצווינגע׳ע, שטילע מוזיק, ווי פאַר אַ קראַנקען. אין עטלעכע גרופּקעס גייט אָן אַ געשעפּטשעטע קאָנווערזאַציע. עטלעכע דאַמען שטריקן, צווישן זיי איז די שטאַרקע פאַרערערין פון דאָקטאָר ראָבערטסאָן, די מאַדאַם זאַמפּיץ, די פרוי פון אַ געשטאָרבענעם באַן־דירעקטאָר: אַ געפּאַקט ווייבל, מיט אַן ענערגיש־פאַרביסן מויל. זי מאַכט איצט אַ גרויסן וואָלענעם טיש־צודעק, כאָטש זי ווייסט ניט וואָס זי וועט מיט דעם טאָן... זי טוט איר ארבעט שנעל און געניט, אָבער מעכאַניש, דערציילט בשעת־מעשה איר שכנטע אַ לאַנגע פאַר־פלאָנטערטע פאַמיליען־געשיכטע. אַלעמאָל בלייבט זי שטיין מיט די שפּיזלעך אין דער לופטן ביי אַ וויכטיקן פונקט. פון דער געשיכטע, קוקט אָן די שכנטע פאַרשנדיק צי יענע האָט עס געכאַפּט...

דער מאָדערנער עלעקטרישער זייגער, אַ קוואַדראַטיק ברעטל, צעטיילט אויף צוועלף פאַסיקלעך: שעהן (מיט קבצנישע מינוטן עסקט ער זיך ניט) ריירט זיך ניט פון אָרט. די צייט איז אַזוי קריכנדיק, אָפּגעשוואַכט... ס׳איז ניט די צעברויזטע צייט פון שטאָט, וואָס טרייבט מענטשן אונטער ווי מיט בייטשן... ס׳איז ניט די צייט פון די אַרבעטער פון די וועב־מאַשינען, וואָס יאָגן זיך פון מאַשין צו מאַשין... ס׳איז ניט די צייט פון די אַרבעטער ביים „קאָנוועיער״, וואָס זעצן זיך אויס פון די כוחות נאָכצויאָגן דער מאַשין, וואָס לויפט גיך, גיך, ניט מיד ווערנדיק... און ניט די צייט פון ניט אויסגעשלאָפענע... ניט דערקאָרמעטע קינדער, וואָס מאַמעס טאָרן און וועקן אין חושכדיקע פרימאָרגנס, ווען סירעענס פון פאַבריקן שרייען און פייפן...

די צייט איז דאָ אַ פוכקע פריצע אין זיידענע טופליעס, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרטראַכטע, פאַרגעסן וואָס זי האָט געוואָלט טאָן, אי, וואָס אַזוינס האָט זי געוואָלט טאָן?...

* * *

ארום פיר אזייגער האָט אַ באַדינער ארויסגעבראַכט אַ האַרפּע אויף דער בינע, נאָך אים איז ארויסגעקומען אַ בלאָנדע, דינע פרוי, זיך באַשיידן צוגעזעצט לעבן דער האַרפּע, געפונען די פּאַסיקע פּאָזיציע און געדולדיק געוואַרט. דער עולם האָט זיך צורעכט געמאַכט, געדרייט די קעפּ...

אביסל שפּעטער האָט דאָקטאָר ראָבערטסאָן ארויסגעשפּרייזט אויף דער בינע, ארומגעקוקט זיך אויפן עולם, זיך געשושקעט מיט דער פרוי ביי דער האַרפּע און פאַרשוואונדן הינטער אַ פאָרהאַנג. פון דאָרטן האָט ער זיך צוגעקוקט ווי מען קומט זיך צוזאַמען. ווען עס איז שוין געווען אַ נישקשהדיקער עולם האָט ער ווידער זיך באַוויזן אויף דער בינע, אַ קוק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע, ווי אַ קאַפּעלמייסטער פאַרן אָנהויבן פון אַ קאָנצערט. ער האָט אפילו אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ קאַפּעלמייסטער, און געזאָגט:

— מיינע פריינט, ווי געוויינלעך, וועלן מיר אָנהויבן מיט מוזיק. דאָס וועט אונדז העלפן אריינקומען אין דער געהויבענער שטימונג פון גייסטיקער אויפנאַמס־פעיאיקייט... לאָמיר זיך איינהערן, טייערע פריינט, צו די געטלעכע האַרמאָניעס פון מוזיק... זאָלן אונדזערע נשמות זוכן זייער האַרמאָניע, טראָגן זיך צו זייערע נאַטירלעכע, זעלישע וואוינונגען...

ער האָט אַ בויג געטאָן זיין שיינעם קאָפּ צו דער פרוי ביי דער האַרפּע, וואָס האָט שוין געהאַלטן די פינגער אויסגעשפּרייט איבער די סטרונעס... עס האָבן זיך צעטרילערט טענער פון דער האַרפּע: מילדע, לאַשטשענדיקע...

נאָך דער מוזיק האָט דאָקטאָר ראָבערטסאָן געזאָגט:

— און איצט, מיינע פריינט, לאָמיר, ווי מיר טוען עס געוויינלעך, זיצן אַ פּאָר מינוט אין שטיל־שווייגעניש. לאָמיר האָבן פּערפעקטע שטילקייט... היינט טרויערן מיר נאָך אַ שוועסטער, וואָס איז געווען מיט אונדז און איז איצט ווייט, ווייט פון אונדז... אונדזערע הערצער זיינען פול מיט טרויער... און ניט ווייל דער טויט שרעקט אונדז... ניין, מיר האָבן ניט קיין מורא פאַרן טויט. דער טויט איז לעבן אין אַ פיינערער, איידלערער פאָרם... נאָר צוליב די טרויעריקע אומשטענדן...

ער האָט פלוצים אָפּגעהאַקט: — לאָמיר שווייגן.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אַראָפּגעלאָזן נידעריק זיין שיינעם קאָפּ זילבער־גרויע האָר.

זיינע צוהערער האָבן אים נאָכגעטאָן...

די בלאָנדע, שלאַנקע פרוי, ביי דער האַרפע, האָט אויך אַראָפּ־געלאָזט איר קעפּל אויף די סטרונעס. אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען טיף־פאַרדאַגהט, פאַרטראַכט, צעשראָקן...

וואָס האָט זיך איבערגעטראַכט אין די אַלע איינגעבויגענע קעפּ, אין דער פּלוצימדיקער שטילקייט?

אַ גרויסע טרייסט, אַז מען דאַרף פאַרן טויט ניט מורא האָבן איז עס אודאי ניט... טרויעריק... טרויעריק... אַי, ווילט זיך ניט פאַרלאָזן אַזיפיל וואוילטאָג...

די שטילקייט האָט איבערגעריסן דאָקטאָר ראָבערטסאָן מיט אַן אויסגעשריי, וואָס האָט אודאי געמוזט שאָקירן די אַלע, פון דער שטילקייט אויפגעוואַכטע מענטשן... ער האָט אָנגעהויבן זיין לאַנגע, קלינגענדיקע דרשה מיט דעם באַקאַנטן ציטאַט: פון וואַנען קומען מיר און וואוהין גייען מיר? ער האָט געבראַכט אין משך פון זיין דרשה אַ סך ציטאַטן פון פילאָזאָפן און גרויסע מענטשן, וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן לעבן און טויט... ער האָט זיך בפרט אָפּגעשטעלט אַ סך אויף דער הינדושער פילאָזאָפיע און דער גלייכ־גילטיקייט צו יסורים, וואָס זי לערנט... זיינע רייד זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט: נשמה, גייסט, טיפעניש, גלייכגילטיקייט, גליק...

ער האָט נאָר צום סוף מיט אַ פּאָר קורצע ווערטער דערמאָנט וועגן דער טרויעריקער געשעעניש... זאָל יעדער צוקומען און אָפּ־געבן זיין בייסטייערונג. ער איז זיכער, אַז קיינער וועט זיך ניט אָפּזאָגן...

אינמיטן דער דרשה איז אַריינגעקומען דער אייגנטימער פון האָטעל מיסטער בעילין. ער האָט אונטערגעהונקען און זיך אָנ־געשפּאַרט אָן אַ שטעקן.

ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער יענקי, מיט אַ פאַרגליווערט, געפּאַלדרעוועט פּנים, און אַ מויל אין דער פאָרם פון אַ פּאַדקאָווע. ער איז אַריינגעקומען מיטן מענעדזשער. אַביסל שפּעטער האָט זיך דער מוזיקער וולאַדימיר מאַנקין, וואָס האָט זיך אומגעדולדיק געדרייט אויף זיין געזעס, מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און אַרויסגעגאַנגען פון זאַל.

* * *

וולאַדימיר מאַנקין איז אַרומגעלאָפן אין אויפגעשטורעמטער איי־בער זיין צימער. אין זיין מוח זיינען אַרומגעשפּרונגען דעם דאָק־

טאָרם וואוילקלינגענדיקע פּאַרפּוצטע ווערטער (פּוי, ווי ביליקער פּאַר־פּום) ער האָט געחוזקט: זע, פאַר וועמען ער האָט עס אַרויסגעפּירט אַלע גרויסע מענטשן פון דער גאָרער וועלט! פאַר די צעפּוילטע, אַלטע דאַמעלעך און הערן, פאַר די אַלע רייכע טויגעניכטסן, וואָס ווייסן ניט ווי צו פּטרן די צייט צווישן איין מאָלצייט און אַן אַנדערן... כדי, אַרויסצוקריגן אַ נדבה פון זיי... ער האָט זיך געראַנגלט מיט ווייטיק און יאוש... קונסט, שיינקייט, דאָס הויכע קעניגרייך פון מוזיק, זיינען געווען באַשפּיגן, פאַרשמוצט... ניין, ער וועט ניט דערלאָזן די צעפּוילטקייט דאָ זאָל אים אַרומכאַפּן... ער וועט קעמפן, קעמפן... ער האָט זיך געפילט שטאַרק, אומבאַזיגבאַר מיט דעם גלויבן פון יוגנט...

די זינגערין האָט פאַרפולט זיינע געדאַנקען... ער האָט זיך מיט איר עטלעכע מאָל געטראָפן. עס איז ביי אים פאַרבליבן אין זכרון דער פלאַקער פון אירע אויגן ווען זי האָט גערעדט... ס'איז געווען אַזוי ווי אירע ווערטער וואָלטן אַ שלאָג געטאָן פון אונטערערדישע קוואַלן. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס בילדל, וואָס זי האָט אים געוויזן: אַ דאַר, קליין אונגאַריש מיידל, מיט אַראָפּפאַלנדיקע צעפּ, מיט גרויסע, צעשיינטע אויגן, פול מיט פרייד און נייגער פאַרן לעבן. זי האָט אים דערציילט פון רחבתדיקע אונגאַרישע פּלעינען, וואו ס'זינגט דער ווינט, טאַנצנדיק איבערן סטעפּ... פון די צעוואָרפענע דערפער און וויינגערטנער און שאָף און פּאַסטוכעס און וואַנדערנדיקע ציגיינער... אין איר בלוט איז אַריין די מוזיק פון די דאָרפישע פּאַסטוכעס, ציגיינערישע פידעלעך... זינגען איז פאַר איר געווען לעבן... וואָס איז נאָך אַזוי גוט, האָט זי געזאָגט, ווי אַרויסזינגען אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער ברוסט. ווען זי האָט פאַר אים געזונגען, האָט ער געטראַכט, אַז זי גיט זיך אינגאַנצן, איבט ניט אויס דעם נויטיקן קאָנטראָל פון קינסטלער...

זי האָט געהאַט אַ שווערן קאַמף... זי איז געווען פון אָרימען שטאַנד... און אין פּריציש האַלב־פעאָדאַלן אונגאַרן האָט זי זיך געמוזט שווער ראַנגלען... אָבער צום סוף איז זי אַרויפגעשוואָמען... ער האָט זי מקנא געווען, ווען זי האָט אים דערציילט פון אירע ערשטע טריאומפן... דעם אומבאַשרייבלעך־זיסן שיכרות, ווען ענטוזיאַסטישע קולות האָבן זי פאַרפלייצט מיט זייער: בראַוואָ, בראַוואָ. ער האָט מקנא געווען די ניט־געקינצלטע פּשטות פון אירע

געפילן ... ביי אים איז אלץ אזוי פארלייגט געוועזן מיט א צעפלאָנ־טערטן אינטעלעקטועלן שפינוועב ...

דערנאָך איז געקומען די מלחמה און דערנאָך האָט זיך איבערן פארבלוטיקטן און פארהונגערטן לאנד צו איר דערטראָגן דער לאָקנ־דיקער רוף פון אַמעריקע, דעם וואונדערלעכן פרייען לאנד אמעריקע... אָבער דאָ איז אויף איר גורל אויסגעפאלן צו דערפילן אין דער גאַנצער גרויזאַמקייט די ברוטאַלע אַמעריקע, וואָס פאַרגעטערט דעם דאָלאַר און סוקסעס ... דער יונגער מאַנקין, וועמענס קראַפט איז געווען אין פולן וואקסן, און וועלכער האָט געפילט אַז ער נויטיקט זיך ניט אין דער דרויסנדיקער וועלט און איר אָנערקענונג, איז געווען איבערצייגט, אַז די זינגערין האָט אויסגעקליבן דעם טויט, ניט ווייל זי איז ניט געווען קיין סוקסעס, נאָר צוליב דעם דערנידע־ריקטן, פארלעצטן שטאָלץ, ווייל זי האָט ניט געקענט פארטראָגן פון ניט זיין קיין סוקסעס דאָ ...

ער האָט געטראַכט פון איר טויט ... טויט? ער איז געבליבן דאָ שטיין ווי פאר א מויער ... ער האָט ניט פאַרשטאַנען ... דער טויט האָט פאר אים ניט עקזיסטירט ... ער איז דערגאַנגען צו אים מיטן שכל און געצויגן מיט די אַקסלען — אומבאַגרייפלעך ... ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן טרויער אין צאַרטן, ליבנדיקן מיטלייד — זי האָט געמוזט זייער ליידן ... ער האָט זיך געזעצט צו דער פיאַנע און געשפילט.

* * *

זעקס אַזייגער. די גרויסע קאַנדעליאַברעס שפיגלען זיך אין די באַגילטע ווענט. אַ פייערלעכע שטילקייט. די עלעווייטער־גלעקלעך האַלטן אין איין קלינגען. אין גרויסן עס־זאַל ווערן געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען צום „דינער". אין זייערע צימערן פוצן זיך די דאַמען און הערן.

מיט פיקענס, די קליינע טעלעפאָניסטקע, כאָטש זי האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַפאַרבט די ליפעלעך און אָנגעפודערט אויף דאָס ניי דאָס פּנים, זעט אויס מיד. זי האָט אויסגעצויגן די פיסלעך און איינגעניורעט דעם קאָפּ — ווי אַ מיד קעצל. זי האָט אראָפּגענומען פאַר אַ מינוט דאָס מעטאַלענע בענדל מיט די טרובקעס, וואָס ליגט איר שווער אויפן קאָפּ, און קוקט זיך אום. די נאַכט־טעלעפאָניסט־קע, וואָס דאַרף פאַרנעמען איר אָרט, קומט תמיד שפּעט ...

מעקאַרטור, דער אַלטער בוכהאַלטער, האָט איבערגעלאָזט זיין שטיג און זיין הויך־שוסטעריש בענקל און זוינגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט גרויס הנאה, אַ סיגאַרעטל. ביי דער אַרבעט טאָר ער ניט רויכערן, האָט ער זיך געפונען אַ גוטן פּלאַץ וואו אויסצושטרעקן די פיס און רויכערן אומגעשטערט. לעבן „טאָילעט" איז דאָ אַ קעמערל, אַ דריי־עקיק פינצטער ווינקל, פאַרלייגט מיט קענדלעך, שמאַטעס, אַלטער ביכער. דאָרטן האָט מעקאַרטור אריינגעשטופּט אַן אַלטן צעבראָכענעם שטול און כאַפּט זיך פון צייט צו צייט אריין אָפּרוען. די פיס העכער פון קאָפּ זיצט ער איצט און רויכערט אַ סיגאַרעטל און דער איירישער טיר־היטער, מיטן רויטן פּנים, שטייט אין טיר און רעדט מיט אים.

דער טיר־היטער האָט גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט צו זיין לאַנדסמאַן. אַז ער רעדט צו אים שיינט אויף זיין פּראָסט, גוטמוטיק פּנים. ער איז אַ רעדעוודיקער און דאָ האָט ער אַ דזשאָב, וואו מען דאַרף שטיין אַ גאַנצן טאָג ווי אַ סלופּ. ער וואַרט שוין מיט אומגעדולד, ער זאָל זיך קענען אומקערן אַהיים. אַז ער וועט אַהיימקומען, וועט ער זיך שלאָגן מיט די קינדער, גוטמוטיק אַרומרייסן מיטן ווייב...

— אַי, — זאָגט ער, — מיסטער מעקאַרטור, וואָס מאַכט איר, געהאַט אַ שווערן טאָג, איאָ? געהאַט צרות מיט דער... איך אַליין, אַז איך האָב היינט דערזען דעם טויטן־וואָגן, איז מיר איינגעפאַלן דאָס האַרץ... — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן פילאָזאָפיש: — וועל... שטאַרבן מוזן מיר אַלע... אָבער מיט די אייגענע הענט... אַ זינד...

מעקאַרטור האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג: — העלאָו, דזשאָן, — מער רעדט ער נישט, נאָר שאָקלט מיטן קאָפּ, הויבט אויף אַן אויגנדעקל פון די פאַרקוועטשטע אויגן און מרוטשעט עפּעס...

דזשאָן רעדט און רעדט: מיסטער מעקאַרטור, מיסטער מעקאַרטור... ער האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדער טעמע, די באַרימטע „קידנעפּינג־קייס".

— וואָס דענקט איר, מיסטער מעקאַרטור? איז ער שולדיק? עס איז קיין שום צווייפל ניט. איך זאָג, ער פאַרדינט כשר דעם טויט. אַי, וועט ער זיך בראָטן, דער „בעסטעד", ווי אַ „סטעיק", אויפן עלעקטרישן שטול...

צוויי ברידער

משה גארפיין האָט אויפגעהאנגען אַ שלאָס אויף זיין בוטשער־סטאָר און איז אַוועק אַהיים. ער איז געווען אויפגערעגט און צערייצט, מער ווי געוויינלעך. דעם סאָפּער האָט ער געשלונגען אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צוצוקרעכצן און אונטערצוברומען, ווי זיין שטייגער איז געווען. אָפּגעגעסן, האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך דעם טעלער, מיט רוגזה, ווי איינער רעדט: זע נאָר מיינע סעודות, מ׳שטיינס געזאָגט — און איז אַריין אין שלאָפצימער און זיך גענומען אָנטאָן זיין יום־טובדיקן גראַנאַטענעם אָנצוג.

די קינדער אַרום טיש, כאָטש שוין צוגעוואוינט צום פאָטערס מאַנירן, זיינען געבליבן ווי אָפּגעבריטע.

זיין ווייב, אַ דאַר, איינגעשרונקען ווייבל, האָט ניט געקענט איינהאַלטן איר נייגער, זי האָט אַריינגעשטופּט דעם גרויען קאָפּ אין שלאָפצימער און מיט איר דינטשיק קולכל הכנעהדיק געזאָגט:

— משה, די טיי איז אויפן טיש... וואוהין קלייבסטו זיך אין אַזאַ איילעניש?

— וואָס איז? ווילסט מיטגיין? ס׳פעלט טאַקע אַ מחותנתטע צו דער חתונה...

דער בוטשער, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט אַ גאַנצן טאָג מיט טומלדיקע ווייבער, האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס חלושדיקע, אַלט־געוואָרענע ווייב זיינס אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אָפּגעדרייט ווען זי האָט גערעדט... און האָט אויסגעמיטן צו ריידן צו איר...

ער איז געשטאַנען איצט פאַרן שפּיגל און זיך געריסן מיטן קאָלנער. ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר כוסות, ווי ער פלעגט עס טאָן ביים עסן, און דאָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין און פאַרגאָסן דאָס פּנים מיט אַ גליאיק רויט.

— ער וועט ענטפערן ווי אַ מענטש, דער משוגענער? — איז דאָס ווייב, אַ פאַרשעמטע, צוריק אַריין אין קיך, וואו מען האָט אין

וואָכן־טעג גענעסן די מאַלציטן. די קינדער האָבן זיך איצט נאָך מער פאַרשעמט. איעדער האָט רעאַגירט אויף זיין שטייגער, בען, דער עלטסטער זון, וואָס האָט שטודירט אויף אַן אַקאַונטענט, האָט זיך פאַרקרומט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ צייטונג. דער אינגערער, ווען וועמען משה האָט געטענהט אַז „נאָר די באָל ליגט אים אין קאָפּ" האָט אינגלדיק, אַן חכמות, אַ לאַך געטאָן. די טאָכטער האָט אויף איר ווייבעריש־יאַדעדיקן שטייגער אַראָפּגעצויגן די מויל־ווינקלעך און בורטשענדיק געמוסרט די מוטער...

— בען!

דאָס האָט דער פאָטער גערופן דעם עלטסטן זון.

— יאָ, וואָס איז? — האָט בען אַן אַנגעבלאָזענער זיך אָפּגערופן.

— קום, טו זיך אָן. מיר גייען צו אָנקל סעמען.

אַהאָ. די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט.

אָנקל סעם איז געווען דער „מיליאָנער" פון דער משפחה. צו אים גייט מען, ווי מען גייט צו אַ גוטן אידן. מ'דאַרף אַ מצבה, אַ חופּה־שטעלן, אַן אָרימע קרובה אַראָפּברענגען — גייט מען צום „מיליאָנער". ער איז ניט געווען פון די געבערם. וואָס ער האָט ניט געזשאַלעוועט — איז מוסר־רייד און עצות. ער האָט תמיד אָנגעוויזן אויף זיך ווי אויף אַ מוסטער — „אַ סעלף־מייד מען" — אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פּעדלען מיט לימענעס אויף דער איסט־סייד. משה גאַרפיין איז זעלטן געגאַנגען צום ברודער. דער „שטאָלצער פאַרך" האָט געטענהט: ווייל ער איז אַן עושר און איך אַ קבצן, דאַרף ער צו מיר קומען.

דערפאַר די גרויסע איבערראַשונג.

דער קאַלטער בען, דער צוקונפטיקער אַקאַונטענט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטן פון אַלעמען, ניט געמישט זיך, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער אַלגעמיינער נייגעריקייט:

— וואָס עפּעס דער פּלוצימדיקער וויזיט? — האָט ער אַריינגעשריען צום פאָטער.

— ס'איז זיין זעכציק־יאָריקער געבורטסטאָג. די קינדער געבן אים אַ פּאַרטי — האָט צוריקגעשריען משה.

די וואַזשנע נייעס האָט אויפגעטרייסלט דעם בוטשערס ווייב ביז גאָר... זי איז שוין ווידער געשטאַנען אין טיר פון שלאָפצימער, איר קול איז איצט געווען צערודערט, ווייגעריש.

— ווען איך האָב אַ ליטיש קלייד, וואָלט איך אויך געגאַנגען... וואונטש אים אַלדאָס גוטס... זאָג אים, כאָטש ער איז אַן עושר, דאַרף ער זיך ניט שעמען מיט דער אָרימער משפחה.

— מזל טוב דיר, ברײַנע. נאַ דיר. וואָס האָסטו געוואָלט? ער זאָל זיך קומען צעקושן מיט דיר?

משה גאַרפיינס איינציק מיידל, וואָס האָט זיך געפילט באַליידיקט, פאַרוואָס די רייכע קוזינעס האָבן זיך געהאַלטן שטאָלץ קעגן איר, האָט זיך איצט אַריינגעמישט:

— וואָס דאַרפסטו זיי, מאַמע? ווען מען לאַדט מיך אפילו איין, גיי איך אויך ניט.

— נאַ דיר אַ נייעם פאַטש צום גוט־שבת — האָט משה גאַר־פיין אַ געשריי געטאָן.

די קליינע אָדערלעך אויף זיין פנים זיינען געוועזן רויט־אָנגעשוואָלן, אַז ס'איז געווען אַ וואונדער ווי זיי קענען האַלטן אַזויפיל בלוט.

בען, מיט זיין קאַלטן פנים — איך מיש זיך ניט מיט אייך — האָט זיך איצט אָנגערופן צום פאָטער:

— וואָס שרייסטו אַזוי?

דאָס האָט דעם בוטשער איינגעשטילט. פאַר אים האָט משה גאַרפיין דרך־ארץ געהאַט. אַ קאָלעדזש־באָי און ער פאַרדינט שוין היינט אַזויפיל וויפיל ער. נו, גייסט? האָט ער געפרעגט.

בען האָט זיך געקווענקלט צי ער זאָל גיין. ס'וואָלט זיך געפּאַסט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן. ס'וואָלט ניט געשאַדט, ווען ער ווייזט דעם פאָטער אַז מיט אים קאָמאַנדעוועט מען ניט. אָבער... ס'האָט גע־צויגן צו דעם רייכן הויז... (ער איז דאָרטן איין מאָל־צוויי מאָל געווען). די רייכקייט און גלאַנץ פון יענעם רייכן לעבן... דער אַמעריקאַנער חלום — סוקסעס! גרויסע סאַליעס, ווי אין אַ פּאַלאַץ — באַדינטע — די יום־טובדיקייט, די קאָלירטע לעמפּלעך אין די ווינקלעך... דאָס אַלץ האָט אַ מאָדנעם רייץ. פוסטע מיידן, האָט ער געטראַכט וועגן די רייכע קוזינעס... ווייל דער פאָטער האָט געלט, שפּילן זיי די ראָליע פון גרויסע דאַמען... ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ס'רעדט פון אים די קנאה... זיי זיינען טאַקע זיי און ער איז טאַקע ער, דער איסט־סיידער בחור... אָט האָט ער, דאָ לעצטנס אָנגעטראָפן דעם מיליאָנערס טעכטער ביי אַ חתונה ביי משפחה, אַרומגערינגלט מיט בחורים און מיידלעך... ער איז צוגעגאַנגען פול

מיט זיכערקייט (ער רעדט א בעסערן ענגליש פון זיי) און דערנאָך געשטאַנען ווי א נאַר... ער האָט טאַקע מער אין מיגדסטן פינגער... מאָט מאָני טאַקס, און דאָטאַל... ער האָט זיך אויך גענומען אַנטאָן זיין זונטיקדיקן אַנצוג.

* * *

פאָטער און זון זיינען געזעסן איינער לעבן אַנדערן אין סאָבוועי. משה, איינגעהויקערט אין א ווינקל, מיט א צעקנייטשטן שטערן, ניט זעענדיק גאָרנישט, נאָר זיינע אייגענע געדאַנקען; בען, אַן אויסגעשטרעקטער, האָט געהאַלטן אַן אויג אויפן קנייטש פון זיינע הויזן און זיינע גלאַנציקע שיך. ס'וואָלט געווען שווער צו זאָגן, אַז זיי זיינען פאָטער און זון. זיי האָבן אויסגעזען ווי פרעמדע.

משה גאַרפיין האָט היינט א גאַנצן טאָג געטראַכט פון איין זאַך: בעטן ביים ברידער א הלוואה. ווי דערווידער דאָס איז אים, איז אָבער קיין אַנדער וועג ניטאָ. דאָס מעסער איז אים ממש געלעגן אויפן האַלז. ניט קוקנדיק אויף זיין וויסט מזל, האָט דער שוואַרצער יאָר אונטערגעטראָגן אַן עסק מיט סטאַקס. משה גאַרפיין האָט געזען אַז מענטשן פאַרדינען געלט, ניט אַריינלייגנדיק קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, האָט ער אויך געוואָלט פאַרזוכן... טאָמער וועט זיך פאָרט זיין מזל א דריי טאָן. איז ער אַזוי פאַרקראַכן, אַז ס'האַלט דערביי מען זאָל אים אַרויסנעמען די זאַכן פון געשעפט... ער האָט שוין אַנגעליען, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט... אַזא אומגליק... ווייניק צרות געהאַט... מען גראָבט זיך אַליין א פריען קבר... דער איינציקער אויסוועג: לייען א פאָר הונדערט דאָלער... א ניט, כאָטש אַנטלויף פון שטאָט... סעם מוז אים לייען. ס'איז דאָס ערשטע מאָל. ער וועט אים אָפּגעבן, ער דאַרף ניט זיינס, נאָר א טובה... ער זאָל נאָר אויסהאַלטן נאָך א שטיקל צייט, סטאַקס וועלן זיך ווידער א הויב טאָן...

דער „מיליאָנער" האָט געוואוינט אויף ריווערסייד־דרייוו, כאָטש ער האָט געהאַט אייגענע הייזער אין די בראָנקס. די טעכטער האָבן אַנדערש ניט געוואָלט. אַז די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט (די משפחה האָט גערעדט, אַז זי האָט געקראָגן א מתנה פופציק טויזנט דאָלער און א שיינע היים) האָט די חתונה געמוזט זיין אין ריץ־קאַרלטאָן האָטעל. אַנדערש האָט זי ניט געוואָלט חתונה האָבן. „פּאַ פּאַנסקו, פּשאַקרעוו", האָט דערויף געזאָגט סרול, דער ליץ פון

דער משפחה, און אַ פּיף געטאָן אויף זיין היימישן שטייגער דורך די ציין, „וואָס דען, ווי מיר, קבצנים, אין קלינטאָן האָל?"

* * *

עס איז זייער שווער געווען צו עפענען דעם טויער. אַן אייזערנער טויער, ווי צוגעפּאַסט פאַר אַ מיליאָנערס אַ דירה. צוויי טיר־היטער, אין מונדירן, שטאָלצע ווי גענעראַלן, האָבן זיי באַקוקט פון קאָפּ ביז פוס, ווען זיי זיינען אַריין... דער וועסטיבול איז געווען פאַרשפּרייט מיט טייערע דיוואַנעס און באַלויכטן מיט קרישטאָלנע ענגלייכטער.

מיט אַ הערשערישער באַוועגונג, האָט זיי איינער פון די גענעראַלסקע טיר־היטער אָנגעוויזן דעם עלעוויטער. ביים פאָטער און זון זיינען די פּנימער געווען אָנגעצויגן, ווי באַדעקט מיט אַ הייטל... אַ דינסטמיידל, מיט אַ ווייסן באַנד אַרום קאָפּ, האָט זיי געעפנט די טיר און ביי זיי צוגענומען די היטלען און די מאַנטלען.

די סאַליע, וואוהין זיי זיינען אַריין, איז געווען אַ גרויסע, מיט קאַנדעליאַברעס און קאָלירטע לעמפּלעך אַרום די ווענט, פּליושענע גרויסע שטולן און זאָפעס, מיט ווייכע קישנס, און אַ גרויסער פּיאַנע אין אַ זייט. אין דיווינקלעך — עטלעכע גרויסע בראָנזענע פיגורן, ווי לעבעדיקע מענטשן.

פאָטער און זון האָבן זיך דערפילט היימישער, ווען זיי האָבן דערזען באַקאַנטע פּנימער פון משפּחה. עטלעכע אָרימע קרובים זיינען געזעסן, פאַרלוירענע, אין די גרויסע שטולן, אין וועלכע מען איז אַריינגעזונקען. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט משה גאַרפיין, זיינען לעבעדיקער געוואָרן, גלייך ווי זיי וואָלטן געפילט: דער מיליאָנערס ברודער מעג זיין אַ קבצן, מעגן מיר דאָך אוודאי...

סרול, דער ליץ, איז שוין אויך דאָ געווען. ער האָט ליב געהאַט אַזוינע זאַכן. אָן אים האָט מען זיך ניט געקענט באַגיין.

ער איז צוגעלאָפן צו משהן, אונטערגעטראָגן די בשורה: — די גרויסע לייט עסן סאַפּער.

דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַן אָנצוהערעניש: זעסט, כאָטש ביסט טאַקע דעם מיליאָנערס ברודער, אָבער צום טיש האָט מען דיך אויך ניט איינגעלאַדן... אויס גרום הנאה האָט סרולס ברייטע אונטערשטע ליפּ אונטערגעשפּרונגען, אויפדעקנדיק אַ גרויסן לאָך אין זיינע געלע ציין, און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן לוסטיק אַרומ־

געטאַנצט פון איינעם צום אַנדערן, ווי איינער רעדט: ווען איר פֿאַרשטייט אַזוי גוט ווי איך... ווער ס'האָט געלט, איך האָב שכל...

מיט משה גאַרפּיינען האָט מען זיך אָבער היינט ניט געטאָרט זאַטשעפּען.

— לאָזן זיי עסן געזונטערהייט... זיי עסן עפּעס דיינס?

דער אופן ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן, האָט דערמאָנט סרולן אַז משה גאַרפּיין קען אים פון דער היים, ווען ער איז נאָך געווען דער אויסוואורף, דער קאַרטאָשניק... אין משהס צעפּלאָמטן קוק האָט ער געזען די שאלה: העי, דו, שייגעץ איינער, דרך־ארץ!... ס'פּנים איז ביי אים געוואָרן תמעוואַטע, ווי ס'פּלעגט ווערן, ווען אַ בכבודיקער איד פּלעגט אין שטעטל אים מוסרן פאַר זיין אויפפירעכץ.

משה גאַרפּיין איז צו צו דער שוועסטער, אַן אָרימער אלמנה, וואָס האָט געטראָגן געשענקטע קליידער פון דער רייכער שוועגערין.

— העלאָ, וואָס מאַכסטו, חנה?

— וואָס מאַכסטו, משה, פאַרוואָס איז עפּעס שיינדל ניט געקומען? די קינדער וואָס מאַכן?

משה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייכן שטול לעבן איר, דערפילט זיך אַביסל באַשיצט לעבן דער שטילער גוטער חנה. אין קאָפּ האָבן זיך באַלד אויפגעריסן די געדאַנקען פון דער הלואה...

בען האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דעם גרויסן זאַל און געוואונדערט זיך, וואָס די קרובים זיצן דאָ אַזוי שטיל... ווען זיי פּלעגן קומען צו זיי אין הויז, האָבן זיך די קולות געטראָגן אין די הימלען...

סרול דער ליץ האָט עס אויפגעכאַפּט. ער האָט דערזען אַ געלעגנהייט פאַר אַביסל חוזק. ער איז צוגעגאַנגען צו בענען, נאָכגעפרעגט זיך ווי ער האַלט אין זיין שטודירעכץ... ווען ווערט ער אַ פּאַרטיקער דאָקטאָר?... ע, וועסט אויך אַמאָל האָבן אַזוינע שטיבער?...

בען האָט געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, ניט זיכער געווען צי סרול מיינט עס ערנסט, צי ער מאַכט פון אים חוזק...

— אָבער דו וועסט אונז אפילו ניט איינלאַדן — האָט סרול פאַרהאַקט דעם שמועס און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אָפּגעגאָסן בענען מיט אַ בייז־גנביש געלעכטערל.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין ווייב, אַ נידעריק ווייבל, מיט אַ שוואַרץ היטעלע מיט אַ פעדער, וואָס האָט צוגעהאַלטן אַ אינגל

ביי דער האַנט און אים שטילערהייט געמוסרט, ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן ביי דער משפחה פון די בראָנקס — אַ מאַמע, מיט אויס־געפּוצטע יונגען, מיט הויכע אָנגעפּאַרבטע אַמעריקאַנער מיידן, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ קרייזל פאַר זיך, זיך געהאַלטן אָפּגעווייטערט. סרול האָט אַ טראַכט געטאָן: נייע מיוחסים — און זיך אָפּגעשטעלט ביי ר' שאַיע טאַנצמאַן, וואָס האָט זיך אויך אָנגעקערט מיט די גאַרפּיינס, אַ איד מיט אַ ווייסער באָרד און אַ נאַריש, פאַרטערט שמייכעלע... ער איז געזעסן אַן איינגעהויקערטער, לעבן ווייב, וועלכע האָט געמאָסטן אַלץ און אַלעמען מיט ניט־פאַרגינערישע בייזע בליקן.

ס'האָט שוין אַפּנים געהאַלטן דערביי אַז דער בעל־שמחה זאָל זיך באַווייזן. דערווייל האָט זיך באַוויזן דער גבאי זיינער, בעריש „קנאַק", מען האָט אים אויך גערופן: דער ט־לעקער. אַ מגשומ־דיקער פאַרשוין, מיט אַ ברייטער פעטער גאָמבע, וואָס האָט גערעדט מיט גאַנצע שטראָמען ווערטער און געאַרבעט דערביי מעשים מיט די הענט און ניט געלאָזט אַן אַנדערן אַרויסרעדן אַ וואָרט. ער האָט פאַרזאָרגט דעם מיליאָנערס אַלע קליינע געשעפטלעך, צעטיילט די קליינע נדבות און גמילות־חסדימלעך. ווען ער האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט און געהאַט געלט און איינענע געשעפטן און אפילו דעם מיליאָנער געליען געלט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרן מילי־אָנער ווי אַ שעפעלע, געלוישט אויף יעדן וואָרט, געקוקט אין מויל אַריין... אַזאַ טבע, האָט משפחה געזאָגט.

ווען ס'איז ביי אים געשטאָרבן דאָס ווייב, איז ער באַלד אַוועק אין היימישן שטעטל און זיך אַראָפּגעבראַכט אַ יונג מיידל, בלוט און מילך, יחוס אויך. ער איז געוואָרן איינגער און תקיפדיקער.

ער איז איצט אַרומגעלאָפן צווישן דער משפחה — אויסגעפינען, וואָס דעם מיליאָנער צוצוטראָגן.

פאַר משה גאַרפּיינען האָט ער עפּעס אַמאָל געטאָן מיטן מויל און זיך גיך אָפּגעטראָגן. משהס אָנגעצונדענער בליק האָט אים געמוזט אַ ברי טאָן.

ער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט לעבן סרולן. מיט סרולן האָט ער זיך געפילט גאַר היימיש, ווי צוויי חברים. און סרול איז צו אים אויך געווען מילד און ווייך... זיין אונטערשטע ליפּ האָט אויפגעהערט שפּאָטיש אַרומטאַנצן... ער האָט רעדנדיק צו אים אַמאָל אײנגלדיק

אַ לאַך געטאָן. ס'איז אַפּירגעקומען דער אַמאָליקער קליינשטעטלדיקער וואוילער יונג.

* * *

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון עס־צימער. מענער אין „טאַקסידאָס", פרויען אין אָוונט־קליידער, מיט נאַקעטע אָרעמס און פּלייצעס, האָבן זיך אויפגעהויבן פון די טישן. דער „מיליאָנער", סעם גאַרפיין, און זיין פרוי, זיינען אַרומגערינגלט פון געסט אריין, אין סאַלאָן, וואו די משפחה און איינגעלאַדענע געסט האָבן געוואַרט.

סעם גאַרפיין, אַ ברייט־פּלייציקער שטאַרק־געבויטער מאַן, מיטן פּאַדערשטן טייל פון שאַרבן גאַנץ גלאַט, אָן אַ האָר, זיין פּנים — פּירעקיק און צוזאַמענגעפּרעסט. איצט האָט עס געשיינט רויטלעך פון דער סעודה. דאָס געוויינלעך צוזאַמענגעשרויפט מויל איז זיך לויז צעפאַלן מיט אַ פרום־גוטמוטיק שמייכעלע, אָבער די אויגן זיינען געבליבן די זעלבע וואַכעדיקע אויגן, ניכטערע, אַריינדרינגנדיקע און אָפּמעסטנדיקע. ס'האָט אין זיי איצט געברענט אַ טונקעלער שיין פון שטאָלץ און באַוואוסטזיניקער קראַפט.

דאָס ווייב זיינס איז געווען העכער פון אים. זי האָט געמוזט אוודאי וועגן איבער צוויי הונדערט פונט. אויב אין סעם גאַרפיינען האָט מען געקענט לייכט זען דעם אַרויפגעקומענעם גביר, איז זי געווען די געבוירענע שטאָלצע אַריסטאָקראַטקע. זי איז געבוירן און אויפגעכאָוועט געוואָרן אין רייכטום. אין קוק פון אירע אויגן איז געלעגן מיטלייד און גרינגשעצונג. די אָרימע קרובים איז ניט גוט געוואָרן, אַז זי האָט זיי אָנגעקוקט. דער מיליאָנער האָט יעדן דער־לאַנגט זיין גראָבע האַנט, מיט די קורצע פינגער. מען האָט זיך געשטופּט צו אים, געדריקט אים די האַנט און אָנגעווינטשעוועט. ער האָט דאָס אַלץ גענומען רואיק, קאַלט. זיין פּנים האָט זיך ניט געביטן, ניט ווייכער געוואָרן, ווי ער וואָלט געוואוסט וואָס פאַר אַ ווערט דאָס אַלץ האָט... ער האָט דאַנקענדיק און שמייכלענדיק גע־האַלטן קאָפּ, פאַרבראַכט מיט יעדן אַזויפיל, וויפיל ס'איז איינעם געקומען.

דאָס ווייב ביי זיין זייט האָט מיט אַ מיוחסדיקן גרימאַס אויף איר בלאַסן אויסגעבאַליעטן פּנים לייטזעליק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויף די אָרימע קרובים האָט זי געקוקט ווי זי וואָלט געפרעגט: איר ווייסט וואָס דאָס קאָסט אָפּ אַביסל...

ס'זיינען געקומען אַלץ נייע מענטשן. באַדינער האָבן זיך גע־שטופּט דורך דעם געדיכטן עולם, מיט טאַצן מיט געטראַנקען און צובייסנס... אימיצער האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע. אין אַ ווינקל האָט זיך יונגוואַרג אויסגעזעצט אין אַ גרויסן קרייז, מ'האָט זיך דאָרט אָפּנים שטאַרק משמח געווען... הילכיקע צעברוויזטע קולות און געלעכטער האָבן פון דאָרט געקלונגען אָן אויפהער...

מיט בענען, דעם צוקונפטיקן אַקאַונטענט, איז געשען דאָס זעלבע וואָס תמיד ביי אַזוינע געלעגנהייטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די לוסטיקע קרייזלעך פון דער רייכער זייט פון משפחה, אָבער ער איז געבליבן אין דער זייט... אַן אייגענער אָבער פּאָרט ניט קיין איינגענער. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער איז געקומען.

משה גאַרפּיין האָט געפּלאָמט, געוואָרן אַלץ נערוועזער, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט... זיינע אויגן האָבן זיך געטונקלט מיט די שווערע געדאַנקען. ער האָט זיך אַלץ ניט געקענט באַשלים... פּאַסט זיך ביי אַזאַ געלעגנהייט? אַ שמחה פאַרשטערן? און אפשר איז דאָס גראָד אַ גוטע צייט, ווען ער איז גוט אויפגעלייגט... ער מוז עפּעס טאָן מיט דער באַנק. מ'קען עס לענגער ניט לאָזן. ס'וועט קומען צו אַן אומגליק. מ'וועט אים אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס... שטופּנדיק זיך דורכן זאַל, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן זיין ברודער, אים אָוועקגערופן און תיכף אַרויסגעפּלאַצט:

— סעם, איך דאַרף ביי דיר אַ טובה... וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך באַלעסטיק דיך ביי אַזאַ געלעגנהייט... איך האָב צו דיר אַ בקשה. עס האָט זיך אַזוי אַ דריי געטאָן... מוזסט מיר אַרויסהעלפן...

סעם דעם מיליאָנערס פּנים איז כהרף עין פאַרפרוירן געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיזט ווי ביי אַ מענטשן בשעת אַ סכנה... צו געבן זיך אַביסל צייט אַ טראַכט צו טאָן, האָט ער ברוגזלעך געזאָגט:

— וואָס־זשע עפּעס איצט? קום אַריבער, וועלן מיר רעדן...
משה האָט ווייטער געשטורעמט:

— סעם, איך מוז האָבן פינף הונדערט דאָלער. איכ'ל דיר געבן אַ נאָוט אויף דריי חדשים. ניט מער. ס'איז אַ לעבנס־זאַך.

— פינף הונדערט דאָלער? וואָס דאַרפסטו פונף הונדערט דאָלער?

דאָס איז גלאַט געווען גערעדט. סעם האָט געהאַט געניטע אינ־

פֿאַרמאַציע פון בעריש „קנאַק” וועגן משהם מסחר מיט טאַקס. משפּחה האָט אים אויך צוגעטראָגן די נייעס. ער אַליין האָט ניט געהאַלטן פון סטאַק פאַר קבצנים... ער האָט שוין אויך אַריינגעבראַכט אַ היבש ביסל געלט און איז געווען אַש להבה קעגן די ביזנעס. און ווער? אַ קבצן, וואָס האָט אַ משפּחה צו פאַרזאָרגן... בעסער איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וועט ער מער ניט פּרובירן, אַ ניט, וועט ער זיך נאָך ווייטער אַריינטרייבן.

באַפעסטיקט מיט די גוטע מאָראַלע כונות, איז שוין ביי אים איצט געווען באַשלאָסן אָפּצוזאָגן אים תיכּף אויפן אָרט.

— סאָרי, בראַדער — האָט ער געזאָגט — איך האָב געהאַט גרויסע עקספּענסעס. איך קען ניט.

— וואָס, סעם? האָסט מיר מורא צו לייען, איך וועל ביי דיר דאָס געלט ניט צונעמען. דו קענסט מיך...

וואָס מער משה האָט געפּלאָקערט, איז סעם געוואָרן מער קאַלט און פרעמד.

— סאָרי, בראַדער, כ'האָב איצט ניט.

— נו, אפשר אין אַ פּאָר טעג?

— סאָרי, בראַדער.

משה, וואָס איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פון אָפּזאָג, איז אונטער די ווייטערדיקע „סאָרי, בראַדער” געקומען צו זיך, פאַרשטאַנען אַז ס'איז אַן עברה יעדעס וואָרט, אַז ער האָט אומזיסט זיך דערנידעריקט. דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן צונטער־רויט, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ניט געפונען קיין ווערטער... ער האָט געקוקט מיט אַרויסגעקוואָלענע אויגן אויף סעמען. סעם האָט אים געלאָזט שטיין, אַוועק מיט אַ שטרענג פאַרהאַקט מויל...

בענען איז בעסער געגאַנגען. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל —אַ רייך מיידל פון די הויכע פענצטער... און דאָס מיידל האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ זייט און זיך מיט אים אויף אַ ווייכן שטול אַוועקגעזעצט און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד... אין אירע בליקן איז געווען אַזאַ וואַרימקייט... ביים קאַלטן בענען האָט זיך צעוואַרימט ס'בלוט... ער האָט זיך צערעדט, אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס אויפן האַרצן: ער דאַרף נאָך צוויי יאָר, ער זאָל קענען עפענען אַן אָפיס. און מיט די ריכטיקע פאַרבינדונגען און אַביסל געלט... ער פילט, ער האָט „די סטאַף אין הים”, מען זאָל אים נאָר לאָזן... פינף יאָר און ער וועט זיין אויבנאָן...

זינד

טאָם האָט געשפּאַנט גיך, כמעט געלאָפן. צוגעקומען צו דער זיבעציקסטער גאַס, האָט ער נערוועז אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ צעקנייטשט פּאַפּירל, וואו ער האָט געהאַט פאַרשריבן אַן אַדרעס. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט דערזען אַ שיינענדיקע, מעשענע טאַבליצע, מיט אויסגעקריצטע גרויסע אותיות: דר. פריד.

טאָם איז געבליבן שטיין און געקוויינקלט זיך:

...אפשר זאָל ער נאָך צוואַרטן... ווער ווייסט, וואָס דאָקטוירים קענען אים נאָך איינרעדן כדי געלט אויסצוזויגן... אפשר האָט ער זיך נאָר אויפגערעגט, צום טייוול, און רעדט זיך איין אַ זשאַבע אין בויך...

זינט דעם פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ קראַנקער און דערזען אויף זיך די סימנים פון אָנשטעקונג, דוכט זיך טאָמען, אַז ס'זיינען אַריבער ניט עטלעכע טעג, נאָר יאָרן, אַ גאַנצע מאַסע יאָרן. ער איז ניט געווען זיכער און האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרטן אַ פּאָר טעג, אפשר וועט זיך אַרויסווייזן אַז ס'איז גאָרנישט. עטלעכע טעג זיינען אַריבער אין שוועבעניש צווישן שרעק און האָפענונג. און נעכטן ביינאַכט די זיכערקייט, די אימהדיקע זיכערקייט, אַז ער איז פאַרמשפּט צום טויט, צום שרעקלעכן, מיאוסן, לאַנגזאַמען טויט...

ער האָט באַשלאָסן, אַז אויב ס'איז אמת (ווייל ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט) וועט ער ניט וואַרטן. ער האָט פאַרשפּילט. פאַרפאַלן. אַ קויל אין קאָפּ און פאַרטיק. נאָר זי צוערשט. די וואָס האָט דאָס אומגליק אויף אים געבראַכט. קודם זי און דערנאָך זיך. און אַן עק.

נאָר כאָטש ער האָט עס אַזוי פּשוט אָפּגעפּטרט, האָט ער ניט געקענט שלאָפן. טאָם האָט ניט געוואוסט אַז אַ נאַכט קען נאָר דויערן אַזוי לאַנג. ער האָט זיך געדריקט די שלייפן, געשריען, געקרעכצט, צו פאַרשטיקן די שרעקעדיקע קאָשמאַרן, וואָס האָבן אים געפּייניקט. ער האָט מיט ביידע הענט זיך געהאַקט אין שיידל: שטיל זאָל זיין,

שטיל! ער וויל ניט קלערן (עלען, מיין עלען!) אָ, ער וויל ניט טראַכטן. ניט טראַכטן! אינדערפרי וועט ער אַוועק צום דאָקטאָר און אויב יאָ, אַ קויל אין קאָפּ, קודם איר און דערנאָך זיך — אין פּאַרטיק!

אָבער אין דער אמתן האָט ער מורא געהאַט פאַר דער זיכערקייט. דער פּחד און די שרעק איז נאָך אַלץ בעסער געווען פאַר דעם זי־כערן פסק. ער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט, געזוכט תירוצים. אפשר זאָל ער נאָך צוואַרטן. אפשר צו אַ פּראָפעסאָר. ניין, ניין. דער דאָקטאָר איז אַ באַקאַנטער. ער איז ניט קיין שווינדלער. זאָל אַמאָל נעמען אַן עק. יאָ אָדער ניין. זאָל נעמען אַן עק.

מיט גיכע טריט איז ער צוריקגעגאַנגען צום דאָקטאָרס טיר און צוגעדריקט דעם עלעקטרישן קנאָפּ מיט אַ גיכער באַוועגונג.

— דער דאָקטאָר איז דאָ? — האָט ער געפרעגט ביים מיידל מיטן ווייסן פאַרטוך.

— איר מוזט וואַרטן. פיר פּאַציענטן זיינען געקומען פאַר אייך. זיצט, פּליעז.

אַז מאַם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול, האָט ער געפילט ווי די פיס בויגן זיך אונטער אים און אַ טעמפּער ווייטיק אין קאָפּ האָט אים געשטאָכן אַזש אין די אויגן.

אויב יאָ, איז קודם זי און דערנאָך זיך און פאַרטיק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין שטול. ווי גוט וואָלט געווען אויסצושלאָפן זיך.

— ס'איז אייער ריי — האָט אים דאָס ווייס־באַפאַרטוכטע מיידל געוויזן אויפן דאָקטאָרס טיר.

— דאָקטאָר, איך... — האָט מאַם אָנגעהויבן שטאַמלענדיק.

— וואָס איז אייער נאָמען? וואו וווינט איר? וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט רואיק.

אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אויף אַ קאַרטל, האָט ער זיך אָנגעלענט אין שטול און אָנגעקוקט מאַמען.

— נו יונגערמאַן, וואָס איז מיט אייך?

— דאָקטאָר, איך בין געווען ביי אַ מיידל... שוין צוויי וואָכן... מ'האָט מיך פאַרשלעפּט. איך גיי קיינמאָל ניט. נאָר, איר ווייסט דאָך, חברה... און איך גלויב אַז איך האָב מיך אָנגע־שטעקט. סאיז זייער שלעכט.

דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעצויגן די ברעמען.

— נו, באַרואיקט אייך. זעצט זיך דאָרט, וועלן מיר זען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַנידערגעזעצט צוריק ביי זיין שרייב־טיש און געשריבן אויף דעם קאַרטל.

— נו, דאָקטאָר, — האָט טאָם געזאָגט, אַנטוּוענדיק זיך אַ כּוח.

— איך גלויב, אַז ס׳איז אייך גאָרניט. איר זייט אויפגערעגט. דאָס איז זייער שעדלעך. מיר׳ן נעמען אַ בלוט־פּראָבע. אַט צוליב פאָרזיכטיקייט.

— איר גלויבט אַלזאָ אַז ס׳איז מיר גאָרניט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט. נעמט דאָס צום רייניקן ס׳בלוט. קומט צוריק אין אַ פּאָר טעג, וועלן מיר זען.

— אָבער איר מיינט?

— ניין, ניין. ס׳וועט אייך גאָרניט ניט זיין.

דער דאָקטאָר האָט צוגענומען די פּאָר קאָלער און איז געשטאַנען מיט טאָמען פאַר דער טיר און אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— נו, נו, ניט געזאָרגט, יונגערמאַן. ס׳וועט אייך גאָרניט ניט זיין. אַזאַ יונג ווי איר קען ניט האָבן זיינס אַ מיידל?

— מען האָט מיך פאַרשלעפּט, דאָקטאָר... אַ מיידל, דאָקטאָר... איר וואָלט זי באַדאַרפט זען. איך בין כּמעט פאַרלאָבט. איז מיר גאָרניט, דאָקטאָר?

— גאָרניט, גאָרניט. קומט אריין נעקסטן מיטוואָך.

טאָם איז געשטאַנען אויף דער זוניקער גאַס, ווי פאַרחלשט. אָבער באַלד האָט אים דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט געוואָלט לאַכן. אַזאַ נאַר! צום טייוול, ער וועט קיינמאָל מער ניט גיין צו זיי. צום טייוול, ניט קלערן מער דערפון. פאַרגעסן און אַן עק.

אַ נייער שטראָם פון פריידיקער עמאָציע האָט איב פאַרפלייצט אויף דער דערמאָנונג פון זיין מיידל, פון וועלכער ער האָט גאָר מורא געהאַט צו טראַכטן ביז אַצינד. מיין טייערע, מיין זיסע, מיין עלען, מיינע! ער וועט זי אָפּרופן היינט אָוונט. ניין, ער וועט אַרויף און זי אַראָפּנעמען פון שאָפּ. ער וועט פאַרברענגען היינט דעם גאַנצן טאָג מיט איר און דעם אָוונט וועלן זיי גיין צו אַ „שאָו״. אַ, עלען, דאָס טייערע מיידל! אַי, וועט זי איבערראַשט זיין. עלען, קום, איך האָב באַקומען אַ ירושה פון אַ מיליאָן דאָלער, וועט ער זאָגן צו איר. כי, כי, כי. בלוט פּראָבע! אויסצווויגן נאָך אַביסל געלט, צום טייוול!...

טאָם האָט זיך אָנגעשטויסן אָן וואַזאָנעס בלומען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אַ בלומען־געשעפט. פון פענצטער האָט אים אָנגעקוקט אַ מאַנעקין אין אַ ווייסן כלה־קלייד און שלייער. כי, כי, כי, ווי וועט דאָס עלען אויסזען אין דעם?

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טאָם באַקומען אַ בריוו פון דעם דר. פריוד, אַז דער בלוט־אַנאַליז איז געקומען פון געזונט־דעפּאַרטמענט און ער זאָל תיכף אַריבערקומען. טאָם האָט געזאָגט אויפן קול: וואָס איז דאָס? און האָט זיך געענטפערט: עט, ס'איז גאָרניט. אודאי גאָרניט.

פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט איז ער צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר.

— איר האָט מיר געשריבן, דאָקטאָר, אַז מיין בלוט־אַנאַליז איז געקומען. נו, אַלץ אָלרייט?

— זעצט אייך, ווי הייסט איר? וועלן מיר זען.

דער דאָקטאָר האָט לאַנג געהאַלטן דעם קאָפּ אין די פּאַפּירן, דערנאָך פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף טאָמען.

— איר וועט מוזן נעמען אַ שטיקל צייט איינשפּריצונגען. צוויי מאָל אַ וואָך. וואַרט, איך וועל אייך זאָגן, ווען איר קענט קומען: דינסטיק און פרייטיק, גוט?

— וואָס? ס'איז מיר עפּעס? — טאָם האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב.

— זייט ניט קיין באָבעצע. באַרואיקט אייך. ס'איז ניט נעפּערלעך. איר וועט אייך מוזן שטרענג אָפּהיטן.

— האָב איך מיך אָנגעשטעקט? — האָט טאָם אַרויסגעשטאַמלט.

— אָ, איר זייט אַ שטאַרקער יונג. איר וועט עס לייכט איבערקומען. ניט רויכערן, ניט טרינקען. קיינע פרויען. איר זייט דאָך ניט פאַרהייראַט, וואָס?

— ניין.

— איר טאָרט ניט חתונה האָבן ביז איר וועט זיין פולקאָם אויסגעקורירט. ניט געזאָרגט, אָט, נעמט דאָס דריי מאָל אַ טאָג און קומט מאָרגן. נו, נו — דער דאָקטאָר האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — ס'וועט אייך גאָרניט ניט זיין. ס'וועט זיין אָלרייט. גודבאַי.

טאָם האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים אַז ער איז געבליבן שטיין אויפן שוועל הינטער דער טיר.

האָט ער זיך אָנגעשטעקט! דער גאַנצער באַדייט דערפון האָט פֿאַמעלעך אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין אים; זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט דערפֿילט אַ ציטער איבערן רוקן און שיידל. האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט דער שרעקלעכער קרענק! ווי ער וואָלט ווייטער ניט געקענט זויסשטיין דאָס באַוואוסטזיין דערפון, איז ער אַראָפּגעפֿלויגן פֿון די שטיגן, אַ ריס געטאָן די טיר, אַז דאָס גלאָז האָט אַזש אַ בראָזג געטאָן און אָנגעהויבן לויפֿן. ס'איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז, ער האָט אויפֿגעריסן דעם קאָלנער, אַראָפּגערוקט דאָס היטל און געלאָפֿן.

אָן אומזיסט לויפֿן.

איינער נאָכן אַנדערן זיינען אָפּירגעשפּרונגען די געדאַנקען אונטער זיין שיידל, געזשומעט ווי פֿליגען: קריפּל, אָנגעשטעקט אויפֿן גאַנצן לעבן. עלען. עלען. אינוואַליד. קריפּל. זיין מוח האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ סטויג היי פֿון פֿונקען פֿון אַ שרפֿה. דאָס גאַנצע לייב, אַלע איברים האָבן אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ גרויסן געשריי. דאָס שרעקלעכע אומגליק איז אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן מיט אַזאַ אימפּעטיקער פּלוצימדיקייט... גאָט, גאָט, פֿאַרוואָס איז ער געגאַנגען, פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?...

ער האָט דערזען, אַז ער איז צוגעלאָפֿן כמעט ביז צום ברעג פֿון איסט־ריווער. ער איז צוגעגאַנגען צום ווערפֿט און זיך איינגעקוקט אין קוויטיקן, פֿעטן וואַסער. אַריינוואַרפֿן זיך און פֿאַרטיק, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער איז צוריקגעטראָטן אַ פּאָר טריט.

לאָמיר קלערן, האָט ער זיך געזאָגט. ס'איז אָבער ניט גוט געווען צו קלערן (און טאָם איז ניט געוואוינט געווען דערצו). אַ געוויין איז אים באַפֿאַלן. ער האָט לאַנג געוויינט און געקרעכצט: פֿאַרוואָס האָט ער עס געטאָן, פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס?

צוריקקומענדיק, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער כעס. נאָר די סוקע... די... די... בלויז זי איז שולדיק. ער האָט געזוכט ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל זיך קענען מיט איר אָפּרעכענען. ווי האָט ער געקענט וויסן? אַזאַ... אַזאַ...

ער האָט פֿאַרביילט די פֿויסטן. און זי מיינט, אַז זי מעג אַזוי אָנשטעקן מענטשן? אומשולדיקע מענטשן! זי האָט געטראָפֿן איצט אויף אירען. ער וועט זי דערהרגענען. מיט די הענט דערשטיקן. זאָל מען אים דערנאָך פֿאַרמשפּטן... ער וועט זיך אַליין פֿון פֿענצ־

מער ארויסוואַרפן. כאַ, כאַ, כאַ. וואו וואוינט זי, די לידי? ער וועט איר באַצאָלן. ער וועט איר שוין פאַר אַלץ באַצאָלן...

אויפן וועג האָט טאָם פלוצים פאַר זיך דערזען זיין מיידל עלענס אויגן. אַ, ברען, ווי מ'וואָלט אים באַגאָסן מיט אַ ברענענדיקער פליסיקייט...

* * *

אַן אַלטע נעגערטע האָט געעפנט די טיר, ווען טאָם האָט אָנגעקלונגען.

— איז דאָ די בלאָנדע, די הויכע?

—אָ , דו מיינסט קייט?

— יאָ, קייט.

— יעס, סער. זי איז דאָ. ווענסט אָבער מוזן אַביסל צוואַווארטן. אַ דזשענטלמאַן איז ביי איר איצט. קענסט וואַרטן דאָ אין פאָרצימער.

— אימיצער איז דאָ ביי איר?

— יעס, סער. זי וועט באַלד זיין פריי.

זאָל ער אים אפשר דעם נאָר? עט...

פון דער שטילקייט און פון דער גרויסער אויפרעגונג איז טאָם געווען ווי באַטויבט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק און זיך געריבן דעם קאָפּ.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן אַכט. אינגאַנצן צוויי שעה, זינט ער איז אַוועק פון דער אַרבעט און איז אַריין צום דאָקטאָר?... ס'האָט זיך אַזוי מונטער געאַרבעט היינט... ימים פון יאָרן, דאַכט זיך טאָמען, זיינען פאַרביי פון דעמאָלט אָן... ער פילט זיך עפּעס אַזוי אַנדערש... ניט ער... ער פילט זיך אַ גאַנץ אַנדער באַשעפעניש. זיין גאַנץ ביזאיצטיק לעבן ליגט ווי אַ חלום הינטער אים... און פאַר אים, שוואַרץ, אימהדיק... סאַ'יז אים אַזוי שווער, אַזוי שווער...

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און דער מענטש וואָס איז אַרויס האָט זיך כמעט אָנגעשטויסן אָן טאָמען אין דעם קליינעם פאָרצימערל.

— „יאָר נעקסט" — האָט ער געזאָגט צו טאָמען מיט אַ שמייכל וואָס האָט געזאָלט באַטייטן, אַז דאָס איז נאָר געמיינט מיט גוטער ברידערישן חוזק.

— גיי צום טייוול! — האָט טאָם אַ געשריי געטאָן און אַריינ־געלאָפן צו קייטן.

* * *

קייט איז געלעגן אַ צעפּאַטלטע, האַלב־נאַקעט, און געקוקט טעמפּ אויפן סופיט. דערזעענדיק טאָמען, האָט זי זיך צוגעזעצט און גע־זאָגט: — אָ, כ'האָב מיך ערשט געוואָלט אויפהויבן.

טאָם איז געשטאַנען ביי דער טיר, געקוקט אויף איר און גע־שוויגן.

— העי, וואָס איז דער מער מיט דיר? — האָט קייט זיך צע־שריען — איך האָב פיינט מאַנקי־ביזנעס. גיי צום טייוול ארויס פון דאַנען — זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר.

טאָם האָט זי געגעבן אַ שטויס צום בעט, איבערגעדרייט דעם שליסל פון דער טיר און אים אריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און אַ ברום געטאָן: — דו וועסט פון דאַנען ניט אַרויס קיין לעבע־דיקע.

די פּראָסטיטוטקע האָט אָנגעהויבן צו שרייען נאָך הילף.

טאָם איז צוגעלאָפן צו איר, איר פאַרדריקט דאָס מויל און געשיפּעט איר אין פּנים אריין:

— שטיל, אָדער איך דערשטיק דיך דאָ גלייך אויפן אָרט, דו... דו...

אַז ער האָט זי אָפּגעלאָזט, האָט זי קוים געקענט ארויסשטאַמלען:

— וואָס האָב איך דיר געטאָן? וואָס ווילסטו פון מיר?

— וואָס דו האָסט מיר געטאָן? דו ווייסט ניט, דו, אומשולדיקע נשמה? די ווייסט ניט?

— ביסט משוגע געוואָרן? איך קען דיך ניט. איך זע דיך דאָס ערשטע מאָל.

— ס'ערשטע מאָל? און ווער האָט מיך אָנגעשטעקט? — האָט טאָם געבאַרטשעט, זיין פּנים ניט ווייט פון אירען.

— איך דיך אָנגעשטעקט? איך בין געזונט. איך בין גע־זונט... האָסט געקושט אַ מיידל. פון זיי שטעקט מען זיך גיכער אָן ווי פון אונדז.

טאָם האָט איר אַ זעץ געטאָן מיט דעם פויסט.

קייט האָט אָנגעהויבן צו ליאַרעמען:

— איך ראָט דיך מיט גוטן. מיינער וועט דיך צעממיתן. גיי אַרויס פון דאַנען, דו, באָם,דו... אַרויס פון דאַנען...

טאָם האָט זי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און זי געשלאָגן מיטן קולאַק איבערן פּנים און אין דער ברוסט, און געבורטשעט: — נאַ. נאַ. נאַ.

ער איז אַלץ מער צעיושעט געוואָרן און זי געשלאָגן אָן רחמנות. דערנאָך האָט ער זי אַ וואָרף־געטאָן אויפן בעט.

קייט איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

— שטיל. איך וועל דיך דערהרגענען — האָט טאָם געזאָגט.

קייטס צעשלאָגענער קערפּער האָט זיך געוואָרפן אין געוויין.

טאָם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט אַ מידער, געקוקט אויף איר און געזאָגט:

— וויין, וויין. זאָג אָפּ דיינע לעצטע תפילות. דו וועסט ניט אַרויס קיין לעבעדיקע פון דאַנען.

קייט האָט געוויינט. טאָם איז געווען זייער מיד. דער זייגער האָט לאַנגזאַם אויסגעקלאַפּט מינוט נאָך מינוט. ס׳איז געווען זייער שטיל.

נאָך אַ ווײַלע האָט קייט זיך אויפגעזעצט און מיט פאַרגנבעטע בליקן געקוקט אויף טאָמען.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

קייט האָט זיך אָנגעהויבן צורוקן צו טאָמען, אַרויפגעלייגט אַ שמייכל אויף איר צעשלאָגן פּנים, געגלעט זיין קני.

— ווי הייסטו?

— ניט דיין געשעפט! — האָט טאָם שאַרף געזאָגט.

— זאָג מיר ווי הייסטו, טייערער? — האָט זיך קייט געבעטן.

— טאָם, — איז געקומען דער ענטפער.

— טאָמי, — האָט איס קייט אַרומגענומען, — ביסט אַ שלעכטער.

טאָם האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך.

— ריר מיך ניט אָן, דו...

— זאָרג זיך ניט, טאָמי! — האָט קייט געשעפּטשעט, — ווער ווייסט, צי ס׳איז דיר גאָר עפּעס. האָסט געטראָפן אויף אַ געלט־אויסזויגער. גיי צו מיין דאָקטאָר.

— עט...

— גיי, דו נאַר. זיי רעדן נאָר איין, געלט אויסצוזויגן. איך קען אַ יונג...

דאָ האָט זיך טאָם ווידער אָנגעצונדן. ער האָט אויפגעהויבן די פויסט, האָט זי אָבער אַראָפּגעלאָזט און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען.

ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט לעבן קייטן.

— ווייסט וואָס דו האָסט מיר געטאָן? איך האָב געזאָלט קריסטמעס חתונה האָבן. אַ מיידל — דו ביסט ניט ווערט איר קלייד צו באַרירן.

— ס׳וועט דיר גאָרניט ניט זיין, טאָמי.

— איך וועל דיך דערהרגענען. איך וועל דיך דערהרגענען.

— רעד ניט אַזוי, טאָמי!

ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער שטוב און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט לעבן קייטן.

קייט האָט אים מיט איר גאַנצן קערפּער אַרומגעפּלאָכטן.

— קום, טאָמי, קום!

— לאָז מיך, לאָז מיך, — האָט ער זיך פון איר געריסן, — איך וועל דיך דערהרגענען. אומגליקלעך בין איך איצט. דו האָסט מיין גאַנץ לעבן צעבראָכן.

טאָם איז געווען אויסגעשעפּט, לוידיק, אָן כוח, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים דאָס בלוט פון די אָדערן אַרויסגעלאָזט. וואָס זאָל ער טאָן איצט? וואָס איז שוין דאָס לעבן איצט ווערט?

ער האָט אויפגעהויבן ביידע פויסטן אויף קייטן.

— דו...

קייט האָט זיך איינקאָרטשנדיק צוריקגעבויגן, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

— טאָמי, טאָמי, — האָט זי געבעטן צערטלאַך, — טאָמי!

אירע אויגן, געוואוינט צו רופן מענער, האָבן טאָמען געצויגן מיט אַלע כוחות... טאָמי! האָט איר גאַנץ לייב אים אויפגעפאָדערט.

מיטאַמאָל האָט טאָם דערפילט אַ ציטער. באַגער האָט אָנגעצונדן זיין בלוט... צום טייוול, אַלץ איינס שוין... וואָס איז שוין דאָ צו פאַרלירן?...

ער האָט זיך געוואָרפן אויף קייטן.

נאָך אַ קראַנקהייט

אַראָפּגייענדיק מיט די צעלאָמעטע, טונקעלע טרעפּ פון אַ שאַפּ, אויף דער אַכטער עוועניו, וואו איך האָב געזוכט אַ דזשאָב, נאָכדעם ווי מען האָט מיר פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דער נאָז, מיט אַ בייזן: מען דאַרף שוין ניט, האָב איך זיך געפילט זייער שלעכט, אָבער דער זומערדיק־צעשיינטער דרויסן האָט מיך באַלד אויפגעמונטערט. אַ דאַנק דיר, האָב איך מיט זיך געטענהט, ביסט דאָך ערשט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קראַנקהייט, זיי צופרידן וואָס מ'האָט דיך ניט פאַרשפּאַרט אין דער פאַרעפּושטער חורבה.

ס'יאָגט אַ פרישער ווינטל פון האָדסאָן טייך. מיידלעך גייען פאַרביי. זיי קוקן זיך אויף דיר ניט אום. אָבער דו קוקסט זיי נאָך און דו זעסט פון דער מאַטער בלאַסקייט פון פּנים, פון אַ לאָק האָר, וואָס באַמבלט זיך אויפן שטערן, די וואַרימקייט פון בעט, פון וועלכן ס'האָט זיך ניט געוואָלט אויפשטיין. דו קוקסט זיי נאָך מיט אויפגעריסענע אויגן... דערזעסט — איינע פון וועלכער דו קענסט שוין ניט אַראָפּנעמען קיין אויג. אַ דין בויגיקע, ווי אַ יונגביימל: דאָס לייכטע קליידל פלאַטערט אַרום די גלידער ביי יעדן בלאָז פון ווינט: די באַרוישנדיקע זיסקייט פון דעם לעבעדיקן, זיך באַוועגנדיקן מיידלשן קערפּער! לאָזט ניט אַרויס קיין דעטאַל פון אירע באַוועגונגען. פילסט אַזאַ טיפע וואַרימקייט, אַזוי ווי יעדער גליד וואָלט אויפגעלעבט. דינע עלעקטרישע שטראָמען גייען דורכן גאַנצן קערפּער. דאָס אויג פילט זיך אָן מיט ליכט... פון אַלץ האָסטו היינט אַ טיפע הנאה. פון לויטערן מאָרגן, פון סוויסטשענדיקן ווינט, פון די אויסגעוואַשענע שורות הייזער, פון דער קוואַליקער בלויקייט פון הימל, פון די מענטשלעכע פּנימער אויף דער גאַס. דו פילסט: אַ באַרוישנדיקע שיכרות פאַרפלייצט דיך. ס'איז גוט. ס'איז גוט צו לעבן.

פאַר וואווילטאָג בין איך אַרומגעגאַנגען פאַמעליעך, ווי איך וואָלט מורא געהאַט, איך זאָל עפּעס ניט אויסגיסן. ווי אין אַ טשאַד. יעדער נערוו, יעדער טראָפּן בלוט האָבן געשריען אונטער דער לאַסקע פון דער הייסער זון. איך האָב זיך געוואָלט זען אין שפּיגל, צו זעט זיך אין מיין פּנים אַן אָפּשיין פון דעם, וואָס טוט זיך אין מיר.

ס'איז דורכגעפאָרן אַ וועגעלע מיט רויטע עפּל. ס'איז מיר קיינמאָל פריער ניט אויפגעפאַלן, אַז עפּל זיינען שיין. די אויפגעהויפטע גרינסן און פרוכטן פאַר די טירן פון געוועלבער בליאַסקען אין אַזאַ שפע פון קאָלירן. אין דער מינוט האָב איך געוואָלט זיין אַ מאָלער. איך וועל ווערן אַ מאָלער — האָב איך געחלומטט — איך וועל גיין איבער דער וועלט און מאָלן. ביימער, טייכן, בערג, הייזער, מענטשן און פערד. פערד! אוי, ווי שטאַרק איך האָב ליב פערד. ס'נעמט מיך דורך אַ ציטער, ווען איך זע אַ שיין יונג פערד מיט אַ בלאַנקנדיקן און שטאָלץ־אויסגעבויגענעם קאָפּ. איך קען ניט פאַרגעסן, ווי איך האָב אַמאָל געזען אויף אַ פאַרם פערד לויפן, ביינאַכט. עטלעכע יונגע פערדלעך: זיי האָבן זיך רואיק געפּאַשעט. פּלוצים האָבן זיי זיך געלאָזט יאָגן מיט שטייגנדיקן אימפעט און צעווילדעוועטקייט. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע אויפטרייסלענדיקע שיינקייט אין דעם בילד, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

* * *

איך האָב דערפילט אַ הונגער, כאָטש איך האָב זיך אינדערפרי, פאַרן אַרויסגיין פון דער היים, גוט אָנגעגעסן. נאָך אַ קרענק קען מען עסן פאַר צען. ס'איז אַן אומגליק. יעדע שעה ווער איך הונגעריק. איך האָב מיט זיך מיטגענומען סענדוויטשעס, איך זאָל האָבן וואָס צו עסן, אויב איך שטעל זיך אַרבעטן. אַהיימגיין האָט קיין זין ניט. האָב איך זיך מישב געווען, אַז איך וועל אַריבערגיין אין סענטראַל פּאַרק און ליגן אויפן גראָז און זיך וואַרימען אויף דער זון.

איך האָב פיינט דעם ליאַרעם פון שטאָט. איך האָב ליב די שטילקייט און ־דבות פון סענטראַל פּאַרק. איך האָב ליב צו קוקן אויף די גוווערנאַנטקעס מיט די קינדער. זייערע פּנימער זיינען אַזוי פריש און געזונט, ניט ווי די פאַרצערטע, אָנגעדראָלענע פּנימער פון די שטאָטישע מענטשן.

אויפן וועג אין פּאַרק האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס איז מיט מיר געשען, ווען איך בין געווען קראַנק.

איך בין געלעגן שוין אַ פּאָר טעג, האַלב־באַוואוסטזיניק, אין היץ. איך האָב דערקענט מיין טאַטן, מיין מאַמען, די ברידער, די שוועס־טער, דערקענט זיי ווי דורך אַ נעפּל. זיי זיינען געווען אויסגעמישט מיט מיינע פיבערישע חלומות. אַלץ איז געווען אויסגעמישט. אָפּגע־האַקט געוואָרן ווי מיט אַ האַק און מיטאַמאָל זיך ווידער באַוויזן. פּלוצים בין איך געפאַלן ווי אין אַ טיפן ברונעם און דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט פאַר אַנגסט. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע. און, מיין גאָט, ס'אַרא נאַרישע חלומות. אָן קיין שום שכל. פּשוט אידיאָטיש. און מיט וואָס פאַרא שנעלקייט זיי האָבן זיך געדרייט אין מיין קאָפּ. איינער אַראָפּ, דער צווייטער אַרויף. אַזוי זיינען אַוועק אַ סך טעג און נעכט.

איינמאָל, וועק איך זיך אויף ביינאַכט. אַ ציטעניש אין גאַנצן גוף — ווי פּיאַווקעס וואָלטן געצויגן יעדעס שטיקל פלייש. ביים האַרץ האָט גענאַגט, אָבער דער קאָפּ איז געווען קלאָר, זייער קלאָר. איך האָב דערזען מיין פאָטער, מיטן גלאַנציקן, נאַקעטן שאַרבן, וואָס האָט געדרימלט מיט אַן איבערגעבויגענעם קאָפּ אויף אַ בענקל ביים בעט. אַ נאַכט־לעמפּל האָט געברענט אויפן טיש. פלעשלעך מעדי־צינען זיינען געשטאַנען אויף אַ טישל ביים בעט. ס'האָט זיך געפילט אַ זיסלעכער פאַרדישעטער ריח. מיין פאָטער האָט מיט מי געצויגן דעם אָטעם. איך האָב זיך אומגעקוקט אין יעדן ווינקל, ווי אַלץ וואָלט מיר געווען פרעמד און ניי. און פלוצים איז מיר קלאָר גע־וואָרן, אַז איך גיי שטאַרבן. איך האָב געהערט, אַז פאַרן טויט קריגט מען צוריק דאָס באַוואוסטזיין. איך האָב זיך שאַרף איינגעקוקט אין דער טונקלקייט פון שטוב. דאָס מעבל מיט זייערע גרויסע נאַכט־שאָטנס. ס'איז ביי מיר ניט געווען קיין ספק: איך גיי שטאַרבן. און דאָ שלאָפט מיין פאָטער געשמאַק, כאָרכלט, כראָפּעט, ווי איינער, וואָס זיפּט אַ הייסע גוטע זופּ. וואָס אַרט אים, אַז איך וועל שטאַרבן? און די מאַמע שלאָפט אויך. און איך וועל דערווייל שטאַרבן? די ברידער און די שוועסטער. קיינער פילט ניט, אַז איך גיי שטאַרבן. איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן, אויפוועקן זיי און זאָגן זיי: הערט, איך שטאַרב. אָבער איך האָב זיך באַטראַכט, אַז אויב זיי קענען זיך אַזוי רואיק שלאָפן, ווען איך גיי שטאַרבן, זיינען זיי ניט ווערט, זיי זאָלן מיך נאָך זען ביים לעבן.

איך האָב דערפילט, אַז זיי האָבן זיך זייערע לעבנס. דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער, די שוועסטער — און איך מיינס.

אַז איך וועל שטאַרבן, וועלן זיי אַביסל וויינען און אַפּרגעסן און ווידער זיך לעבן ווי פריער, ווי איך וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. אַזוי ווי איך האָב געזען ביי אונדזערע שכנים, די קאַסטינס, נאָכדעם ווי זייער קינד איז געשטאָרבן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ באַזונדער לעבן און ס'איז ניטאָ אויף וועמען זיך אָנצולענען, אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. ס'איז מיר געוואָרן שרעקלעך אימהדיק. איך בין געווען ווי אַ קינד, וואָס די שטיפמוטער האָט ער אַרויסגעטראָגן אין וואַלד, ביזע חיות זאָלן עס פאַרצוקן.

איך האָב געוואָלט שטאַרבן וואָס גיכער. דער פּיין פון די גע־דאַנקען איז געווען שטאַרקער פון די אַלע פּיזישע ווייטיקן, וואָס איך האָב ביז איצט געליטן. איך האָב אָנגעהויבן וויינען. איך האָב געוויינט, ביז איך האָב געפילט אַז דאָס האַרץ וועט מיר פּלאַצן. אַזוי בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען איך האָב זיך דעם צווייטן טאָג אויפגעכאַפּט, איז מיר געווען בעסער און איך בין געווען שטאַרק הונגעריק.

נאָכדעם ווי איך בן אויפגעשטאַנען פון בעט, האָב איך זיך שוין קיינמאָל ניט געפילט דער זעלביקער. מיינע עלטערן, דאָס הויז, אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַנדערש.

זיי זיינען געווען פרעמדע, וואָס מען דאַרף פאַרשטיין. אין דעם אַלעמען, וואָס איז מיר פריער אויסגעקומען פּשוט און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, האָב איך דערפילט אַז מען דאַרף עפּעס פאַרשטיין. איך בין געוואָרן אַן אָנגעכמורעטער, מיט די געדאַנקען תמיד ערגעץ אַנדערש. די עלטערן האָבן עס צוגעשריבן דער קרענק. און די מאַמע האָט מיר בגנבה פאַרן טאַטן אַריינגעשטופּט עטלעכע סענט. — גיי אין די מואוויס — האָט זי געזאָגט — וועסט זיך אַביסל צעשטרייען.

נאָך אַלעמען בין איך צופרידן, וואָס איך האָב ניט געפונען קיין דזשאָב. אין דער אמתן, וויל זיך מיר ניט אַרבעטן. ס'וויל זיך בעסער אַרומגיין און באַקוקן אַלץ. מיין נייגער האָט גאָר קיין גרע־ניצן ניט. מיינע אויגן קענען גאָרניט גענוג אַריינעמען. בפרט אין אַזוינע טעג, ווען ס'איז אַזאַ זוניקע ליכטיקייט און אַלץ זעט אויס אַזוי שאַרף, וויל זיך נאָר קוקן און קוקן. ס'איז מיר: ווי איך וואָלט ס'ערשטע מאָל אויפגעמאַכט די אויגן און דערזען די וועלט. און ס'מוטשעט מיך צו פאַרשטיין אַלץ. איך האָב דאָס געפיל, ווי אַ סוד וואָלט געשטעקט אין דעם אַלעמען. מ'דאַרף זיך איינקוקן

און דערזען דעם סוד אונטער דער דרויסנדיקער צודעק. מיין האַרץ ציטערט מיט אַ מאָדנעם געפיל. איך האָב אַפנים אַ סך כוחות אָנגעוואוירן, ווען איך בין קראַנק געווען. ס'וויל זיך רוען און באַטראַכטן אַלץ און נאָכטראַכטן וועגן יעדער זאַך.

אויפן וועג צום פּאַרק שטייען דאָ ביי יעדן הויז משרתים אין קאָלירטע מונדירן, ווי זעלנער פון אַלטע צייטן. די גרויסע לייט, וואָס וואוינען דאָ, קענען זיך ניט באַמיען אַליין צו עפענען דעם טויער. לאַנגע לייוונטענע חופּות ציען זיך פון יעדן טויער, איבער דער ברייט פון טראָטואַר צו דער גאַס, די רייכע לייט זאָלן זיך חלילה ניט פאַרנעצן, ווען זיי שפּאַנען צו פון טויער צו זייערע אויטאָמאָבילן. ווען איך בין רייך, וואָלט איך גאָרניט געוואָלט וואוינען אין אַזוינע רייכע הייזער. איך וואָלט געוואוינט אין דאָרף אין אַ הויז מיט אַ גאָרטן אוןביימער אַרום און פעלדער און אַ ברייטן, ניט פאַרשטעלטן הימל.

אין פּאַרק זעט מען ערשט וואָס פאַראַ לויטערער, ליכטיקער הימל ס'איז היינט. און די זון אפילו איז ריינער, נעמט דיך אַרום ווי מיט הייסע אָרעמס. אָ, ס'איז גוט דאָ אין פּאַרק. און ס'איז שטיל. און די שטילקייט איז ווי אַ ווייט קול, וואָס רופט. אַז איך הער זיך איין, דוכט זיך מיר, איך וועל זיך באַלד עפּעס דערמאָנען, עפּעס זייער חשובעס און גוטעס.

איך ליג אויפן גראָז, מיט דעם פּנים צו דער זון, אַנטקעגן מיר אַ בוים, ווי אַן אַלטער, לוסטיקער זיידע. די זון נעמט מיך דורך ווי אַ שניידנדיקער פלאַם. איך ווער אַריינגעצויגן אין פייער און כ'האָב דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך אויפגעהויבן און געשוועבט. אַ ניאָנע, מיט אַ מיידעלע מיט געלאָקטע האָר, ביז איבער די קליינע נאַקעטע אַקסלען, גייט פאַרביי. איך וואָלט געוואָלט דאָס קינד אַרומכאַפּן און אויסקושן פון קאָפּ ביז פיס. גאָט מיינער, וואָס פאַראַ מעכטיקע ליבשאַפט עס פאַרגיסט מיך. איך וואָלט געוואָלט צודריקן די וועלט צו מיין האַרץ. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אין שלאָף, ביז איצט. איך האָב גאָרניט ניט געזען. הימל, קינדער, ביימער, מענטשן. ס'איז מער ווי דאָס. ס'איז ניט עפּעס פרעמדעס, וואָס מיין אויג זעט. ס'איז אמת. ס'איז אין מיר. אַ שטיק פון מיר. אַ ציטערדיקע פרייד צעגיסט זיך אין מיר. כ'האָב דאָס געפיל, עפּעס גרייט זיך. עפּעס וועט געשען. מיין האַרץ וועט בלייבן שטיין פון צו שטאַרקער פרייד. ווי מיין האַרץ קלאַפּט און האַמערט!

איך בין נאָך ניט אינגאַנצן געזונט. אַ מאָדנע שווערקייט אין מײַנע גלידער. און דאָך האָב איך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי פיל, אַזוי ווי איך וואָלט צעבראָכן דעם צודעק אונטער וועלכן איך האָב געלעבט און דערזען דעם בלויען הימל און די גרינע ערד צום ערשטן מאָל.

דאָס מעסער

בערגער האָט געפונען אַ לײדיקן פּלאַץ אין סאָבװײ, געעפנט אַ צײטונג, מיט צעטראָגענע אױגן געלאָפן איבער די קעפּלעך, צוריק אַרײנגעלײגט זי אין קעשענע. ער האָט זיך אײנגעקאָרטשעט אין װינקל און זײנע אױגן־דעקלעך האָבן זיך האַלב אַראָפּגעלאָזן איבער זײנע מרה־שחורהדיקע, מידע אױגן. זײנע ליפּן האָבן זיך בײז פאַרדריקט און אַ טיפער קנײטש האָט זיך געעפנט איבער זײנע ברעמען.

פּלוצים האָט זײן, װי מיט שטויב באַשאָטן פּנים, אַ גלאַנץ געטאָן, אױפגעלעבט. זײנע אױגן האָבן אַ פינקל געטאָן. ער האָט זיך פעסטער אױפגעזעצט. ער האָט געקוקט אױף דער פרוי אַקעגנאיבער. זײנע אױגן האָבן זיך אײנגעקלאַמערט אין איר; אין איר אײדל, לענגלעך פּנים, די טונקעלע גרױסע אױגן, דעם דינעם האַלדז. אַ ציטער איז אים דורכגעגאַנגען. ס׳איז דאָך קוים צו גלױבן! װי ענלעך זי איז אינגאַנצן צו סאַבינען. די זעלביקע גרױסע, שמײכלענדיקע אױגן, די זעלביקע פאָרם פון קאָפּ, אַפילו די ליניע פון קאַרק. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט װעקט זיך אױף אין בערגערן, װען ער דערמאָנט זיך פון דער ערשטער און אײנציקער ליבע אין זײן לעבן.

פאַר בערגערס פאַרגלײזטע אױגן גײט זיך אַ ציִ צוריק אַ פאַרהאַנג... ער זעט פאַר זיך דאָס האַלבע יאָר פאַר זײן אװעקפאָרן קײן אַמעריקע. ס׳זעט אים איצט אױס װי אַ פאַרכישופטער גליקלעכער חלום: דאָס שפּאַצירן אין װעלדל, די זומער־נעכט אױף דעם גאַניק פון איר הױז, ביז דרײ, פיר אַזײגער... די ביכער, װאָס זײ האָבן צוזאַמען געלײענט... סאַבינעס פּנים גײט אַ שײן פאַר אים... געװען אַזױ פיל טיפע פרײד... און הײנט?

ער דערזעט פאַר זיך די אָרימע קיך, װאו ער װעט באַלד זיצן און עסן נאַכטמאָל, טעסין מיט דעם זעלביקן אױסדרוק, מיט די זעלביקע פּוסטע װערטער, מיט די זעלביקע מינעס — ער קען שױן דאָס אַלץ אױף אױסװײניק. ס׳איז שױן אַזױ נמאס. ס׳ליגט אױף אים װי

א שווערע משא. ער האָט מיט איר ניט געטאָרט חתונה האָבן. ער האָט זי קיינמאָל ניט ליב געהאַט. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט פאַר מידקייט... זי האָט אים שטאַרק ליב, זי איז א גוטע, א געטרייע. ער האָט געמיינט, אז וועט אים ליב ווערן — געמיינט, אז די דאַנק־באַרקייט פאַר איר ליבע וועט אים צו איר צובינדן, אויפוועקן ליב־שאַפט. אָבער וואָס א טאָג ווערט שווערער. ער קען איר אין די אויגן ניט קוקן. און א קינד איז שוין אויך דאָ...

בערגער קוקט זיך איין אין דער פרוי אַנטקעגן. אַט ליבן אַזאַ פרוי, גייט אים דורך א ליידנשאַפטלעכער ציטער, אַזאַ פרוי איז גליק, איז פרייד, איר צעטלעכקייט גיט כוח, מאַכט דאָס לעבן רייך. האָבן די ליבע פון אַזאַ פרוי!

בערגער, פאַרכאַפּט פון דעם שטורעם, וואָס האָט געוּוישט אין זיין בלוט, האָט זיך מעכאַניש א בויג געטאָן פאַראויס; זיינע הענט האָבן זיך א ריס געטאָן, ווי אַנצוכאַפּן עטוואָס...

די פרוי האָט אים אָנגעקוקט מיט דעם אויסגעלערנטע, שטאָלצן קוק פון פרויען, וואָס ווייסן זייער ווערט אין דער וועלט. בערגער איז געבליבן א פאַרשעמטער. פּוסטקייט און אומעט האָבן ווידער געגריזשעט.

טעסי וועט אים אוודאי פרעגן וואָס ער וויל פאַר פאַרשפּייז. א ווילדער האַס שטייגט אין אים אויף. ווי נמאס, ווי אומדערטרעגלעך דאָס אַלץ שוין... ס'האָט זיך איינגעגעסן אין זיין געמיט ווי זשאַווער אין אייזן...

בערגער האָט זיך איינגעהויקערט, זיינע אויגן־דעקלעך האָבן זיך ווידער ביז האַלב אַראָפּגעלאָזן; די ליפּן האָבן געקייעט די ביי־טערקייט פון געדאַנקען, פון וועלכע ס'איז ניט געווען קיין אויסוועג...

* * *

בערגער איז אריין אין שטוב. טעסי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון איבערן וויגל, וואָס איז געשטאַנען צוגערוקט נאָענט צום אויוון, ביי וועלכן זי האָט זיך געפּאָרעט.

— הערשל, ער קאָנט שוין טאַטע, קום, ווילסט הערן? — זי האָט געקוקט אויף אים מיט לויטערע, רואיקע אויגן פון א יונגער מוטער.

בערגער האָט געפּרואווט א שמייכל טאָן. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט.

— העלאָו, — האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט אַן אָפּגעפרעמדט פּנים, אַריינגעלאָפן אין דעם צווייטן צימער זיך אויסטאָן, אוועק זיך וואַשן. צוריקגעקומען אין קיך, האָט ער זיך געשטעלט איבערן וויגל. דאָס קינד האָט אים אָנגעקוקט מיט רואיקע, טרויעריקע אויגן. ער האָט אויסגעצויגן אַ פינגער צום קינד. די קליינע רויטע ליפּעלעך האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן צום זויגן.

— נו, גיב עפּעס צו עסן — האָט ער אַ וואָרף געטאָן.

— וואָס ווילסטו עסן ?

— פרעג מיך ניט, שטעל אוועק וואָס דו האָסט — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט כּעס.

טעסי האָט זיך צו אים אַ דריי געטאָן. אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן זשאַרן ; איר פּנים איז פאַרלאָפן, ווי די הויט וואָלט צוזאַמענגעשרונקען.

— נו, איך בעט דיך... אַנטשולדיק... ביי מיר האָט עפּעס פּאַסירט... איך בין אויפגערעגט... נו, איך בעט דיך... נאָר ניט קיין סצענעס... הערסט ? — האָט ער אַ געשריי געטאָן — אָדער איך גיי אין רעסטאָראַן.

— איז דיר עפּעס געשען ? — טעסיס קול איז געווען איבערגעבראָכן, ווי זי וואָלט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ. זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אירע פאַרנעפּלטע אויגן.

— גאָרנישט. רעד ניט צו מיר.

— הערשל, קענסט דאָך מיר זאָגן — איר קול איז געווען פּעטשטשנדיק, צערטלעך.

— בע, — בערגער האָט זיך אַ ריס געטאָן, אָפּגעטרייסלט זיך, און אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן צימער.

— ...זי זאָל כאָטש האָבן שכל, זי מיט איר ליבע... וואָס שטופּט זי זיך מיט איר ליבע ?... איז זי בלינד ? זעט זי ניט ?

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פינגער איבער דער פּליטע פון קיך־טיש. די פרוי איז געשטאַנען ביים פענצטער מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. איר פּלייצע האָט געציטערט.

— זי וועט נאָך אָנהויבן צו וויינען — איז אים דורך אַ געדאַנק.

— איך וועל שלאָגן — האָט זיך אין אים די רציחה אַ הויב געטאָן. די פויסטן האָבן זיך פאַרביילט.

ער איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש, זיך איינגעהערט. די גאַז־פלעמלעך האָבן געברענט אונטער די טעפּ און אַ טראָפּן וואַסער האָט געקאַפּעט פון קראַן: טיפּ, טיפּ, טיפּ.

די פרוי איז פון דער אַנדערער זייט צוגעגאַנגען צו דער קיך און אים אַן אַ וואָרט דערלאַנגט עסן.

ער האָט זיך גענומען שלינגען האַסטיק.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן: — פאַרוואָס מוטשע איך זי, פאַרוואָס באַליידיק איך זי? מ׳דאַרף איר זאָגן אַ גוט וואָרט. וואָס איז זי שולדיק?...

— נו, וואָס זעצסטו דיך ניט, וואָס שטייסטו? — האָט ער געזאָגט.

די פרוי האָט אים אָנגעקוקט. אויסמיידנדיק אירע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— נו, דאַרפסט ניט זיין ברוגז. זעץ זיך אויך עסן. נו, איך... ווייסט דאָך...

די פאַלשקייט פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ניט געוואָלט אַרויס אויף דער צונג. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די צייטונג און אָנגעהויבן לעזן.

— אַ דאַנק, האָסט מיר געמאַכט אַ גוטן אַפּעטיט.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אומגעקוקט זיך. מעסי איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן וויגל און עס אַלע מאָל אַ שאָקל געטאָן. אין קיך איז געווען היים און געשמעקט מיט קינדער־ווינדלעך. ער האָט געקוקט אויף דעם דינעם אויסבויג פון איר האַלדז, אויף דעם שניט צווישן די פּלייצעס. פאַר די אויגן האָט אַ שוועב געטאָן דער קוק פון יענער פרוי; דער וויגנדיקער, שטאָלצער גאַנג. סאַבינע... אַ נאָגנדיקע אומצופרידנקייט האָט געשטאָכן.

— איך וועל אַראָפּפאָרן אין שטאָט אַריין.

— ס׳רעגנט דאָך...

— ס׳רעגנט?

בערגער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. דאָס פענצטער איז געווען פאַרנעפּלט מיט אַ פערלדיקער סיעטקע. ער האָט אַרויסגעשטעלט די האַנט. אַ געדיכטער רעגן האָט געקאַפּעט.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַביסל, געקווענקלט זיך צי ער זאָל גיין, זיך צוגעזעצט, גענומען אַן עפּל פון טיש, אָנגעהויבן אים צו שיילן.

— קיין שאַרף מעסער איז נאָך אַלץ ניטאָ אין שטוב ?

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויס־גערוקט אַ שיפלאָד און אים דערלאַנגט אַ בלאַנקנדיק, ניי מעסער.

— איך האָב געקויפט אַ ניי מעסער, — איר קול האָט געקלונגען ווי פון אַ קינד וואָס דערוואַרט לויב.

בערגער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איר נעכטן געהייסן קויפן אַ ניי מעסער צום ברויט.

— ביסט געגאַנגען היינט קויפן ?

— יאָ, האָסט דיך שוין ניט וואָס צו בייזערן ?

אַ ניט־ווילנדיקער, קרומער שמייכל אויף בערגערס פּנים.

— הערשל, וואָס האָט פּאַסירט ? וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט געווען ?

זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים. איר קלייד האָט אים אָנגע־רירט. ער האָט דערפילט דעם ריח פון איר קערפּער. זיין פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט.

— זע, — האָט ער זיך איינגעקוקט אין מעסער, — זע, ווי ס'בלאַנקט, — ער האָט עס אָנגעשטעלט צום ליכט, געפּרוּווט די שאַרפקייט מיטן פינגער.

פּלוצים האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אויף טעסין, און אין שפּאַס געזאָגט :

— זעסט, איין זעץ — ער האָט אויפגעהויבן דאָס מעסער — און איך האָב ניט קיין פרוי, — ניטאָ קיין טעסי.

ווידער דער קרומער שמייכל.

זי האָט צוריק אַ שמייכל געטאָן.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך איר פּנים אָנגעגאָסן מיט נעלקייט ; אירע אויגן האָבן צערייצט געפינקלט.

— דו מיינסט אויף אַן אמת... איך ווייס... נו, פאַרוואָס טוסטו עס ניט ? ס'איז בעסער ווי אַזאַ לעבן ביי דיר... אָה...

זי איז אַנטלאָפן אין צווייטן צימער ס'האָט זיך דערהערט אַ שלוכצן.

בערגער האָט זיך אויפגעריסן. דער כעס האָט אים געשטיקט. ער האָט פאַרדריקט דאָס מעסער אין דער האַנט. אַ זעץ טאָן און פאַרטיק ! אַזאַ לעבן איז דאָך ערגער ווי דער טויט. וואָס זי קען אויסטראַכטן... ער האָט געמיינט אַ שפּאַס... און זי...

נו, וואָס וועט זיין ווייטער... סצענעס, געוויינען, בלבולים... פּע, ווי פאַרחאַסט זי איז אים... ליגט ווי אַ שטיין אויף אים, ווי אַ שטריק אויף זיין האַלדז... דאָס כליפּן... ער וואָלט זי דערשטיקט!... ער האָט געוואָרפן אַ קוק אויפן מעסער אין האַנט. אַ מערדערישער באַגער האָט אים אינגאַנצן אַ טרייסל געטאָן. פאַר די אויגן האָבן זיך געצונדן פונקען... אָפּשניידן דעם עקל... באַפרייען זיך; מאַכן אַן ענדע...

ער האָט דערפילט ווי דער האַס צעגיסט זיך איבער אים ווי אַ הייסע כוואַליע. שטייגט אים צום קאָפּ...

ער האָט אַ ציטער געטאָן, אַ וואָרף געטאָן דאָס מעסער; גע־פאַלן אויף אַ בענקל און מיטן קאָפּ אין די הענט געקרעכצט:

גאָט מיינער, כ'וועל נאָך ווערן אַ מערדער...

און ווייטער?

די טונקעלע קיך האָט געשמעקט מיט מולינעס, שימל און מייז. א פרוי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער א גרויסן בלעכענעם צעבער, און געריבן שטיקלעך וועש אויף א וואַש־ברעטל, געשריען אַלע ווײַלע צו א הויקערל וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער:

— וואָס פאַרשטעלסטו ס'ליכט? ווייניג פינצטער? האימי, וואָס האָסטו דיך אָװעקגעשטעלט? — (ס'האָט ווייניק געהאָלפן. היימין האָט שטאַרק באַשעפטיקט א פעטע קאַץ, וואָס האָט זיך געבאָברעט אין הויף צווישן די פוילנדיקע קופעס שמאַטעס און פאַפירן).

די סאַסנאָווע ברעטלעך אין אויוון האָבן געטרעשטשעט און געקנאַלט. די פרוי האָט געריבן די אַלטע שטיקלעך וועש מיטן גאַנצן כוח וואָס זי האָט געהאַט. דאָס טיכל אויפן קאָפּ האָט זיך פאַררוקט אין א זייט, אירע גרויע פאַסמעס האָר האָבן זיך געבאָמבלט איבערן נאַקן און איבערן פּנים ביי יעדן ריר. אירע אָרעמס און ברוסטן האָבן זיך באַוועגט מיט דער זעלבער אימפּעטיקער באַוועגונג אַרויף און אַראָפּ. עס איז געווען אַזויפיל רוגזה און פאַרביסנקייט אין איר אַרבעט, אַז דאָס הויקערל האָט צוריקגעשטופּט אין האַלדז אַריין די שאלה וועגן עסן, וואָס איז אים געלעגן אויף דעם צונג און אויף זיינע ציטערדיקע בלויע ליפּן... זיינע זשעדנע אויגן זיינען אַרומגעלאָפן איבער די טעפּלעך און פלעשער מילך אויף די אַרומיקע פענצטער... אי, וואָלט געשמעקט א זיסער, קילער טרונק מילך און א פריש שטיקל ברויט צו פאַרבייסן. ער האָט אַראָפּגעשלונגען די סלונע... ער האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען ווען ער האָט געהאַט א גוטן מאָלצייט, זיך ניט געקענט דערמאָנען... דער הונגער האָט גענאָגט און געזויגן, אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל... נאָר ווי אויף צו להכעיס זיינען אַלע פענצטער פאַרלייגט מיט פלעשער און סלאָיעס און טעפּלעך... ער שפּירט ממש דעם ריח פון די אַלע גוטע זאַכן אויף דער צונג... ער האָט שוין ניט איינמאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט זיך

ביינאַכט אַרויפֿדראַפּען אויף אַ פֿענצטער און זיך כאַטש איינמאָל אָנעסן צו דער זעט...

די מוטער האָט ווידער אַ וואָרטשע געטאָן, אַ צערייצטע:

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם. וואָלסט געגאַנגען ברענגען נאָך אַביסל האָלץ פֿון גאַס...

— איך בין הונגעריק, — האָט דאָס הויקערל געזאָגט.

די פֿרוי האָט מיט איין האַנט געהאַלטן אַ שטיקל וועש און מיט דער צווייטער זיך אָפּגערוקט די האָר פֿון פּנים, געווישט מיט אַ נאַקעטן, פֿולן אָרעם דעם שווייס. זי האָט געאָטעמט שווער.

— באַלד וועט סיידי קומען פֿון דער אַרבעט, וועלן מיר עסן סאַפּער. גיי, היימעלע, און ברענג נאָך אַביסל האָלץ. אפשר וועסטו פֿאַרדינען ערגעץ אַ פּאָר סענט. גיי, היימעלע, גיי.

היימי האָט איצט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון הויף. די קאַץ, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט אַרומגעלאָפֿן ווי אַ צעדולטע אַרום פּאַרקן, האָט ענדלעך אַפּיר געשלעפּט אַ מויז... זי האָט זיך מיט איר אַ פּאָר מאָל אַ שפּיל געטאָן, זי אָפּגעלאָזט און ווידער געכאַפּט. דערנאָך מיט כעס אַ פּאַק געטאָן, איבערגעקייט עטלעכע מאָל און געבליבן רואיק און צופֿרידן... דאָס הויקערל האָט דערפֿילט אַ שווידער איבערן רוקן און אַן איבלקייט. ער האָט זיך אָפּגעדרייט צו דער מוטער, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיך מישב געווען און אַנטלאָפֿן אין גאַס.

די פֿרוי האָט אים נאָכגעקוקט מיט שטומע אויגן און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. מיט גרויס אימפּעט האָט זי געזייפֿט און געריבן און געדרייט די שטיקלעך אַלטע וועש... דער שווייס איז איר גערונען פֿון פּנים. זי האָט שווער געסאָפּעט.

געענדיקט וואַשן, האָט זי אַפּירגעשלעפּט פֿון אַ ווינקל אַ זעקל מיט קאַרטאָפֿל, אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וועט אָפּשיילן די קאַרטאָפֿל און זיי צושטעלן קאָכן און דערנאָך צוגיין צום בוטשער נאָך אַ פּאָר ביינער צו דער זופּ און דערנאָך באָרגן אַ ברויט ביים געוועלבניק. זי האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ס׳וואָלט ניט בעסער געווען אַריינצוגיין צו דער שכנטע לייען אַ פּאָר סענט, ווייל דער געוועלבניק קען נאָך אָנמאַכן אַ געוואַלד, און זי פֿאַרשעמען פֿאַר מענטשן. ער האָט זייער אַ מיאוס מויל. דער שכנטע איז זי שוין אָבער אויך שולדיק געלט און יענע קוקט אויף איר ווי אויף אַ בעטלערקע... אַנומלט איז זי געקומען צו איר זוכן אַ לייַלעך, וואָס איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון שטריק, האָט זי גערעדט צו איר ווי זי וואָלט

געוועז א גנבטע, זי חושד געוועז אז זי האָט עס צוגענומען — די פּאַסקודניצע. זי וועט זי נאָך אפשר באַליידיקן, אז זי וועט צו איר קומען לייען געלט...

זי האָט א כאַפּ געטאָן דאָס זעקל קאַרטאָפל, איבערגעקערט עס, די קאַרטאָפל זיינען זיך צעפלויגן איבערן דיל. זי האָט זיי אויפגע־קליבן און זיי גענומען שיילן.

ווי א דריבנער רעגן האָבן די געדאַנקען געקאַפּעט. סיידי וואָלט געדאַרפט א שטיקל פלייש. דאָס מיידל אַרבעט שווער. די שוועסטער האָט איר צוגעזאָגט א פּאָר דאָלאַר. אָבער ס'איז געבליבן ביים צוזאָגן. איר מאַן אַרבעט אויך נים א גאַנצע וואָך. פאַבריקן פאַרמאַכן זיך. ס'קומט א שלעכטע צייט. א קריזיס. ניטאָ קיין אַרבעט. מען שיקט אַוועק. ניטאָ און שוין. שטאַרב פון הונגער און פּאַרטיק.

די פרוי האָט אָפּגעווישט די טרערן וואָס זיינען איר געקומען אין די אויגן און אָנגעהויבן שניידן די קאַרטאָפל אין דריבנע פּעניצלעך, נים געאיילט, געשפּילט זיך כמעט. צייטנווייז געכאַפּט א קוק אויף דער טיר, אפשר וועט היימי קומען מיט א פּאָר פאַרדינטע סענט — וועט זי נים דאַרפן גיין באָרגן... ער פאַרדינט אמאָל א פּאָר סענט ביי די פּושקאַרטס, פּאַר העלפן שלעפּן א וועגעלע, אָדער טראָגן א פּעקל. מיט ביטערקייט, מיט שנאה האָט זי א טראַכט געטאָן וועגן מאַן... ניין חדשים אָן א דזשאַב, איז ער אַוועק אין קאָונטרי זוכן אַרבעט; געזאָגט, ער וועט נעמען א וואָסער אַרבעט ס'וועט זיך נאָר מאַכן. איצט הייסט ער שיקן אויף הוצאות, צוריק צו קומען... אוודאי, זי וועט גיין גנבענען און אים שיקן...

אין קיך איז געוואָרן נאַכטיק־טונקל. די פרוי האָט זיך דער־פילט מיד אין אַלע גלידער און אויסגעשטרעקט די פיס. ס'איז געוועזן גוט צו זיצן מיט די הענט אויפן שויס, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין דער פינצטערניש. פון די באַלויכטענע פענצטער אַקעגנאיבער זיינען געפאַלן פּאַסן ליכט. די קאַרטאָפל האָבן אָנגעהויבן קאָכן, אָנגעפילט די קיך מיט א שמעקעדיקער פּאַרע. עס איז גוט געוועזן צו זיצן אין דער פינצטער און רוען. יעדער אבר האָט געשעפּט הנאה פון דעם ביסל רו. זי איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט די הענט אויפן שויס. בילדער און דערמאָנונגען האָבן זיך א שפּאַר געטאָן פאַר די אויגן... די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה... דע־מאָלט איז איר געוועזן גוט... דער מאַן האָט געהאַט א גוטן דזשאַב, נישקשהדיק פאַרדינט... א פיינע דירה אין די בראָנקס... אמתער

וואוילטאַג... ס'איז גוט צו אַנטלויפֿן, פֿאַרלירן זיך אין באַטראַכ־טעכץ פֿון דעם לעבן דעמאָלט... ס'איז שוין ווי אַ חלום היינט... נאָכן סטרייק האָט אַלץ אָנגעהויבן גיין קאַפּויר... ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט געפֿינען קיין אַרבעט... דאָס מעבל וואָס מען האָט שוין כמעט אויסגעצאָלט, האָט מען צוגענומען... מען איז געקומען אַהער, אין די דריי פֿינצטערע לעכער, מיט די צעלאָמטע שטיקלעך מעבל וואָס מען האָט צוזאַמענגעשלעפּט... און אַזוי ווי די פֿינצטערע שטוב, אַזוי איז דאָס מזל פֿינצטער... שווערע פֿינצטערניש... ניין חדשים שוין אָן אַ דזשאָב... סיידי ברענגט די פּאָר דאָלער... קיין גאַנצע וואָך האָט זי ניט... און ווייטער?...

די שווערע געדאַנקען האָבן צעשטערט דער פֿרויס רו. איר פּנים, פֿון וועלכן ס'האָט אויף אַ קורצער ווייל אַ שיין געטאָן די אַמאָליקע יונגע פֿרויאישקייט איז ווידער מיד און פֿאַרביטערט. און ווייטער, און וואָס ווייטער? זיסער גאָט... ס'גייט צום ערגערן...

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ ברייטער, נידעריקער פֿאַרשוין איז געשטאַנען אין ליכט פֿון דער אָפֿענער טיר. די פֿינקלדיקע אויגן אין אָפּירגעשטרעקטן קאָפּ האָבן געזוכט אין דער טונקלקייט. געפֿונען די פֿרוי, האָבן די אויגן זיך איינגעקלאַמערט אין איר — דאָס מויל האָט אַ סיטשע געטאָן.

— נו, רענט.

די פֿרוי איז געשטאַנען אָן לשון. ס'איז זי לעצנס באַפֿאַלן אַ פּיזישער פּחד פֿאַרן לענדלאָרד. זי האָט מורא באַקומען, ווען זי האָט דערזען דאָס קליינע געפּאַקטע מענטשעלע, מיט די געקרייזלטע האָר און שטעכיקע אויגן. זי האָט געפֿילט: אָט גיט ער איר אַ זעץ און שטופּט זי אַרויס פֿון דער דירה אין גאַס. לעבן דער נידעריקער געשטאַלט פֿון לענדלאָרד איז אויסגעוואַקסן די ברייטערע און גרעסערע געשטאַלט פֿון זיין ווייב. די דיקע אידענע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע איינענע הייזער אויף איר אייגענעם נאָמען אַ חוץ די וואָס זי האָט געהאַט מיט איר מאַן צוזאַמען, איז אַריין אין קיך, אָפּשטופּנ־דיק דעם מאַן, און אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיש. זי האָט אָנגעפֿילט די קיך מיט אַ זשום פֿון ווערטער „טשאַריטי" און „בעטלער" און „אומזיסט", „אַרויסוואַרפֿן אין גאַס". די געשרייען האָבן געשלאָגן איבער דער פֿרויס קאָפּ. צום סוף האָט ווי אַ גרויסע בין אַרומגע־זשומעט אַרום אירע אויערן: „דיספּאָזעס", „דיספּאָזעס".

וואָס דאָס הייסט, האָט זי געזען דאָ ניט לאַנג אויפן צווייטן בלאָק... שטיקלעך מעבל, אָנגעוואָרפן אויף איין קופּע אויף דער גאַס, און אַ טעלערל מיט נדבות אויף אַ בענקל...

די טיר פון קיך איז שוין געווען פאַרמאַכט, אָבער דאָס וואָרט „דיספּאָזעס" האָט אַלץ אַרומגעזשומעט אין די אויערן פון דער פרוי. מיטאַמאָל האָט זי אַ הויב געטאָן די פויסטן און אָנגעהויבן שלאָגן מיט זיי אין דער לופטן...

* * *

היימי, דאָס הויעקרל, האָט זיך אַרומגעדרייט פון איין שטוב אין דער צווייטער, אַלע מאָל געקוקט אויפן זייגער... סיידי האָט זיך געזאַמט און די שמעקעדיקע זופּ האָט אים געבראַכט די סלונע אין מויל אַריין. די מוטער האָט אויסגעהאַנגען די וועש אויף אַ שטריק. איר פּנים איז געווען פאַרגליווערט — אַ טעמפּע יאושדיקייט.

סיידע איז אַריינגעקומען, אַ חנעוודיק היטעלע מיט אַ פעדער אויפן קאָפּ, אַ קיילעכיק פּנימל מיט לעבעדיקע אויגן.

— גוד־איווינינג, מעדעם! — האָט זי געזאָגט. אַזאַ חנדל ביי איר צו רופן די מוטער מעדעם.

—אַזוי שפּעט? — האָט געפרעגט די מוטער.

סיידי האָט ניט געענטפערט, זיך גענומען וואַשן.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש עסן.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט — האָט זי די מוטער געפרעגט.

סיידי האָט ניט געענטפערט.

—עפּעס געשען אין שאָפּ?

— מען זאָגט אַז מען וועט אונדז אַלעמען באַלד אַהיימשיקן. ניטאָ קיין אַרבעט.

די מוטער האָט געשוויגן. אַ גרינלעכע געלקייט האָט פאַרכאַפּט איר פּנים. דאָס הויקערל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיט דערשראָקענע בליקן פון דער מוטער צו סיידין.

פרילינג

איך קלער ניט איינמאָל אַז מיר אין ניו יאָרק לעבן ווי געפאַנגענע חיות אין אַ גרויסער מענאַזשעריע, אין אייזערנע קליעטקעס און שטייגן... איך פיל זיך ניט איינמאָל אַזוי פאַרענגט און צעדריקט... ס'דוכט זיך מיר אויס, אַז מענטשן ליגן אויף מיר און הייזער דריקן מיך, אַז איך קען קיין האַנט ניט אויסציען... איר האָט אַמאָל געזען אַ בער אַרומלויפן אין שטייג אַהין און צוריק, אַ פּרווו טאָן די גראַטעס און ווייטער לויפן אָן אויפהער?

אַזוי פיל איך זיך אַמאָל.

אפשר ווייל איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט און אויסגעוואַקסן אין דאָרף, צווישן פעלדער און וועלדער און תמיד געהאַט אַ פרייע וועלט אַרום זיך?

פאַרוואָס בלייב איך דאָ? אָט דאָס פאַרשטיי איך ניט. אפשר ווייל איך פיל ניט תמיד אַזוי... ס'קומט און פאַרשווינדט אין איי־ביקן הו־האַ, אין שטענדיקער פאַרהאַרעוועטקייט...

איינמאָל, אין די פינף יאָר, וואָס איך בין שוין דאָ, בין איך אַנטלאָפן. איינאונאיינציק מאָל האָב איך זיך אַרויסגעריסן און דער־פון וויל איך אייך דערציילן.

ס'איז געווען אַ פרישער, זוניקער פרימאָרגן, דער ערשטער פריי־לינג־טאָג נאָך אַ פאַסקודנעם, רעגנדיקן ווינטער. איך בין געגאַנגען, ווי יעדן טאָג, צו דער אַרבעט, געגאַנגען צווישן אַ געדיכטער מאַסע זיך איילנדיקע מענטשן, מיטאַמאָל האָב איך דערזען פאַר זיך: צעווייקטע נאַקעטע פעלדער, אויף וועלכע די זון צעטאַפּיעט די רעשט־לעך ברודיקן שניי... דערזען עס אַזוי קלאָר פאַר די אויגן... אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפט האָט אַ זעץ געטאָן... ווי מיט אַ פויסט אין האַרץ...

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט אַ טראַכט טאָן, דערמאָנען זיך... טאַקע אויסגעקליבן דעם ריכטיקן פלאַץ... צווישן דער טויזנט־

קעפּיקער מאַסע מענטשן, וואָס פאַרפולט די גאַסן איילנדיק זיך צו דער אַרבעט, וואָס האָט מיך איינגעפּרעסט, ווי מיט צוואַנגען און טראָגט מיך און שטופּט מיך אונטער... איך וואָלט געוואָלט אָפּ־שטעלן זיך אַ טראַכט טאָן, מען לאָזט דען איינשטיין?... איינער האָט מיך שוין אַ שטופּ געטאָן צו אַ מויער, אַן אַנדערער האָט אַרויפגעטראָטן אויף אַ פוס, אַלע, האָט זיך מיר געדוכט, קוקן מיך אָן מיט בייזקייט: וואָס איז געשען? דו גייסט ניט צו דער אַר־בעט? וואָס פאַרשטעלסטו דעם וועג?

געהאָרכזאַם האָב איך זיך שוין ווידער געלאָזט גיין מיטן שטראָם... און ווידער דערזען אונדזערע פעלדער, וועלדער, שוואַרצע, פאַרעדיקע — אונטער דער זון. דערזען דעם אָנגעשוואָלענעם, בלאָ־טיקן טייך, צעגאָסן איבער די לאָנקעס...

איך האָב דערפילט אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב. ס'איז מיר אַזוי שלעכט געוואָרן... אַן עקל פון דעם באַריר פון די מענטשלעכע לייבער, ווי איך וואָלט באַרירט עפּעס אומריינעס, אַן עקל איבערן גאַנצן לייב...

גראָד האָט זיך אונטערגערוקט אַ זייטיק געסל, האָב איך פאַר־קערעוועט אַהין. אַ פרישע ווינטל האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן. גאָט, ס'שמעקט ערד!...

איך בין געגאַנגען אַן איינגעהויקערטער, אין אַ שטורעם פון בענקשאַפט און זכרונות... פּלוצים איז מיין אויג געפאַלן אויף אַ זייגער. איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער. וואָס איז מיט דיר היינט? ביסט משוגע? האָב איך זיך געמוסרט.

איך וויל היינט ניט גיין צו דער אַרבעט, האָב איך פּלוצים הויך אַרויסגעזאָגט, ווי אימיצן געוואָרפן אין פּנים אַריין. וואָס הייסט עפּעס? איך וויל היינט ניט גיין צו דער אַרבעט, ווען די גאַנצע וועלט טראַס־קעט. וואָס הייסט? אָן אַ פאַרוואָס?... קענסט שוין ניט וואַרטן ביז זונטיק?... וואָס וועסטו זאָגן, אַז דו וועסט אַהיימקומען?

איך וועל ניט אַהיימקומען!... איך וויל ניט זען קיין היים, קיין באַלעבאָס, קיינעם ניט. אַליין וועל איך זיין. אַליין וויל איך זיין — אַליין, אַליין... אַליין אַמאָל, ניט תמיד צווישן מענטשן. ניט אין אייביקן הו־האַ...

טאָפּטשען איבער פעלדער, פאַרקריכן אין וואַלד. גאָט! איך האָב געפילט, אָט ברעך איך אויס אין אַ געוויין. ס'האָט

מיך געשטיקט. איך האָב ווידער דערפילט אַ ציטער איבערן רוקן און קאָפּ.

אַ הונט וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון קייט פילט מסתמא אזוי. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן — שוין גיין, ניט קלערן, ניט שמועסן. געלט? איך וויל ניט וויסן. כ׳האָב נאָך אַ פּאָר פּאַפּירלעך. אָנ־טועכץ? געזעגענען? ניין, ניין, גאָרניט. קיינעם ניט זען. ארויס פון דער שטאָט, שוין אוועק!...

אַ שטייגנדיקע אויפרעגונג האָט מיך ארומגעכאַפּט. אוועק, אוועק, ווי ווייט די פיס וועלן דיך טראָגן! איך ווער משוגע, טאָמער פאָלג איך ניט דעם באַפעלערישן צוואַנג. איך מוז, איך מוז, איך מוז אוועק!

ס׳קומט אָן אַ טראַמוויי, גיב איך אַ שפּרונג ארויף...

.... גאָט מיינער, אַדי וועל זען די גרויסע וועלט, די גרויסע לעבעדיקע וועלט, נאָך אַזויפיל יאָרן... איך וועל זען אַ פעלד, אַ וואַלד, נאָך אַזויפיל יאָרן...

שוין באַלד אויסער דער שטאָט, האָב איך אָנגעהויבן צו קלערן אז מען דאַרף עפּעס האָבן אַ פּלאַן וואוהין און ווי אַזוי. ווער פּלע־נער, וואָס פּלענער, האָב איך אַ מאַך געטאָן. אַראָפּגעשפּרונגען ביי די ערשטע באַן־רעלסן און גיין... און אז איך וועל מיד ווערן, אָדער עס וועט זיין צו לאַנגזאַם צו זען די וועלט אויף די צוויי דאַרע פיס — האָב איך גערעדט צו זיך — ווענלן מיר זיך ארויפכאַפּן אויף דער באַן. מענטשן טרעמפּעווען איבער גאַנץ אַמעריקע... און איך זיץ דאָ ווי צוגעקאָוועט... פינף יאָר ניט ארויס פון דער פאַר־שאָלטענער שטאָט.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען ביים ערשטן אין גראָז אויסגעטראָ־טענעם שטעגל, מיט וועלכן ארבעטער האָבן געפירט טאַטשקעס ציגל צו אַ האַלב שוין אויפגעבויטע הויז. איך בין אריבער דעם גרויסן פּלאַץ, אריבערגעשפּרונגען אַ פּאָר גרובנס מיט ליים.

— איז דאָס דער וועג צום האַדסאָן? — האָב איך געפרעגט אַן ארבעטער, וואָס האָט זיך אַנידערגעשטעלט אָפּרוען מיט ביידע הענט אָנגעשאַפּט אין לאַפּעטע.

— גיי גלייך ביז וועסט קומען אין פּאַרק, פון דאָרט וועסטו שוין דערזען דעם טייך.

נאָך אַ ווײַלע בין איך אָנגעקומען אין אַ פּאַרק. ניט ווי די ניו יאָרקער פּאַרקס. אַ ווילדערניש פון ביימער און פעלזיקע בערג־

לעך און ליימיקע גרובנס. ווייט צווישן דיביימער האָט זיך געזען ווי אין נעפּל די קלאָרקייט פון וואַסער.

איך בין געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אַ צעטומלטער, גע־קוקט אַרום זיך אין אַלע זייטן: שווין אַזויפיל גרין... אַ בלויער הימל... ערד... איך האָב גענומען אַ שטיק נאַס לייב און עס מיט ליבשאַפט געקנאַטן אין דער האַנט. איך בין צו צו אַ בוימל מיט אָנגעשוואָלענע קנאָספּן אויף די צווייגן... באַטאַפּט עס...

איך האָב געזען עטלעכע אין גראָז פאַרשטעקטע פּיאָלקעס. איך האָב זיך פּאַר זיי אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און לאַנג זיך געקוויקט מיט זייער אײדעלן ריח. דערנאָך האָב איך דערזען אַ פויגל מיט אַ זשאַוווער־קאָלירטן בויך און אַ רויטן שנאָבל. איך בין אונטערגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, פּאַוואָליע, קוים אָנ־רירנדיק די ערד, אָבער ער האָט מיך אַפּנים דערשמעקט, ווייל ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און זיך געזעצט אויף אַ בוים.

לאָמיר גיין — האָט מיך אַ ריס געטאָן. איך בין געשפּרונגען איבער יאַמעס און שטעכיקע בושן און בלאָטעס. צולעצט אַרויס אויף די רעלסן, וואָס ציען זיך מיטן ברעג פון האָדסאָן.

דער טייך האָט זיך געכוואַליעט אַ פרישער, אַ ברייטער און אַזוי ווייט, ווייט... איך האָב נאָכגעקוקט ווי ער פאַרבייגט זיך הינטער אַ הויכן פעלזיקן בארג.

איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן צום וואַסער און איינגעטונקען די הענט און געלאָזט דאָס וואַסער קילן זיי. איך האָב זיך אַרומגע־וואַשן ס'פּנים און קאַרק. איך בין געשטאַנען איינגעבויגן אַ צייט אויף די קני און געקוקט, ווי ס'וואַסער גיט אַ קלאַפּ מיט ציטער־דיקע כוואַליעס דעם זאַמדיקן ברעג און טרעט אָפּ. אין זאַמד זיינען געווען אַ סך אויסגעוואַשענע, ווייסע שטיינדלעך. איך האָב חשק געהאַט אַריינוואַרפן זיך אין טייך, צעשלאָגן זיינע כוואַליעס מיט שטאַרקע אָרעמס, אויסרייניקן זיך, אַרויס אַ פרישער, אַ באַנייטער...

איך בין אַוועק ווייטער. איך האָב געוואָלט אַוועק ווייט, ווייט פון דער פאַרשאָלטענער שטאָט. איך האָב אָנגעהויבן צו שפּאַנען גיך. איך האָב געפונען אַ דאַרן צווייג, איבערגעבראָכן אים און באַקומען אַ וואַוילן, גראָבן שטעקן. אַלע מאָל מאַכט זיך אַ נייע וועלט אויף פּאָר דיינע אויגן. אָפּן די גאַנצע וועלט. אַ גרויסע, לעבעדיקע וועלט, ניט די פאַרשאָלטענע שטיינערנע מויערן.

איך בין אַפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג. די זון האָט צעוואַרימט, דער טייך האָט געבלישטשעט און געמינעט זיך ווי קוועקזילבער. אַ לייכטער נעפּל איז געשטאַנען איבערן וואַסער. איך האָב אויס־געטאָן מיין ראָק און אים אויפגעהאָנגען אויפן שטעקן און דעם שטעקן געהאַלטן אויפן אַקסל, ווי די רעקרוטן פלעגן טאָן מיט זייערע קופּערטלעך ביי אונדז אין דאָרף. כ'האָב זיך געפילט אינגער. ס'איז מיר אויסגעקומען אַז איך גיי שוין אַזוי מיט דעם טייך יאָרן לאַנג. אָן דער שטאָט האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן.

דאָס גאַנצע לעבן פון יאָרן און יאָרן איז ווי אַראָפּגעפאַלן פון מיר. איך האָב אָן אַלץ פאַרגעסן; געוואָרן ווי אַ קינד; אויף אַלץ לאַנג געקוקט, געוואָרפן זיך אויף די קני, באַשמעקט, באַטאַפּט.

* * *

דער טייך איז געלאָפן אַ שטאַרק צעכוואַליעטער...

אַזויפיל אימפעט, אַזויפיל יונגע צעברויזטע קראַפט... אַזאַ פרישקייט אין דעם ווילד־לויפנדיקן שטראָם, אין דער צעפינקלטער, בלוי־פייערדיקער וועלט...

מיין בלוט האָט געגליט, געפייערט מיט דעם זעלביקן ווילדן ברויז, מיט דעם זעלביקן גלי און פייער וואָס האָט אָנגעצונדן די וועלט... אַ צעגליטער, אַן אויפגעשטורעמטער האָב איך געשעפּ־טשעט: גאָט. אונטער יעדן בוים, אין בלאָז פון ווינט, אין דער ליכטיקייט האָב איך געפילט גאָט. איך האָב געגליט מיט דער נאָענט־קייט פון גאָט.

אַ פּעלד און אַ פֿויגל שרעקער

(אַ פֿאַנטאַזיע)

כ׳האָב פֿאַרמישט אַ שיסל קלייען מיט וואַסער און עס אַרויסגעטראָגן פֿאַר די קאַטשקעס. (איך האָב געאַרבעט אויף אַ קליינער פֿאַרם אין לאָנג־אײַלענד). כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי מען פֿלעגט זיי בײַ אונדז אין דאָרף צוזאַמענרופֿן, האָב איך אָנגעהויבן צו רופֿן: טאַש־טאַש־טאַש. העי, אַמעריקאַנער קאַטשקעס, האָב איך צו זיי געזאָגט, פֿאַרשטייט איר די שפּראַך פֿון גאַליציאַנער? אָבער די שפּראַך פֿון שיסל פֿאַרשטייען אַפֿנים אַלע קאַטשקעס, ווײַל אײדער איך האָב נאָך צײַט געהאַט אַוועקצושטעלן די שיסל אויף דער ערד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לויפֿן, וויגנדיק זיך אויף די רויטע, קורצע פֿיסלעך באַצווינגן מיט הײַטלעך, מיט אויסגעשטרעקטע געעפֿנטע שנאָבלען, שטויסנדיק איינע די אַנדערע. כ׳בין געשטאַנען און געקוקט אַ ווײַל, ווי זיי כאַפּן מיט די צעפּלעטשטע שנאָבלען אַ פֿול מויל עסן, הויבן אויף די קעפּ, זיי זאָלן עס קענען לײַכטער אַראָפּשלינגען און נעמען זיך אויפֿסניי מיט גרויס האַסט צו דער מלאכה, און אַלע מאָל גייען זיי צו צו דער קאַן וואַסער אָפּשווענקען דאָס עס־געצייג — און צוריק צו דער שיסל. די באַרימטע לאָנג־אײַלענדער, שווערע, פֿעטע, קאַטשקעס. די הינדלעך וואָס האָבן בײַ זיי געפּרוּווט אַ נאַש טאָן פֿון דער שיסל, האָבן זיי פֿאַראַכטנדיק מיט די זײַטן אָפּגעשטויסן.

פֿאַרטיק געוואָרן מיט די קאַטשקעס, בין איך אַרײַן אין שטאַל, אַרויפֿגעלייגט דער קו אַ שטריק אַרום די הערנער, זי אַרויסגעפֿירט און צוגעבונדן צו אַ בוים, זי זאָל זיך פּאַשען. דערנאָך בין איך אַרײַן עסן וועטשערע. דער פֿאַרמער איז געווען אַ שווײַגנדיקער און געגעסן כאַפּנדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דאָס ווײַב האָט אויסגעזען אָנגעברוגזט. נאָכן עסן האָב איך מיטן פֿאַרמער געשניטן גראָז.

— שנײַדסט נישקשה, — האָט מיר דער „באָס" געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— כ׳וועל זיך הייסן געבן א העכערונג, — האָב איך געענטפערט אין שפּאַס, — אויב איך בין אַזוי גוט.

דער פאַרמער האָט אַ לאַך געטאָן.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט ער געזאָגט: — גענוג אויף היינט — און ער איז אַוועק אין שטוב. איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער סטעזשקע אין וועלדל, וואָס איז געשטאַנען לעבן הויז.

די זון האָט זיך שוין גענעצט. צוויי ראָזיקע פּאַסן וואָלקנס האָבן זיך צעלייגט איבער דעם טיף־בלויען קופּאָל פון הימל — ווי צוויי ריזיקע פעכערס. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט ריחות. אַרויס־געקומען בין איך צווישן די ביימער אויף אַ לאַנקע אַרומגערינגלט מיט וואַלד. אַרויסקומענדיק פון טונקעלן וועלדל, בין איך פאַרבליפט געוואָרן פון דעם פייערדיק־בליענדיקן הימל. דאָס שטיקל אָפן פעלד, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער אָפּשיין פון פלאַקערדיקן הימל האָט אויסגעזען ווי אַ סודותדיקע וויספּע אין דעם שוואַרצן ים פון וועלדער. וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפסטן רושם, איז געווען די גרויסע שטילקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט. (מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז איך בין ערשט געקומען פון דער קיינמאָל ניט רוענדיקער שטאָט). איך בין געגאַנגען מיט דער סטעזשקע צווישן הויכן גראָז. דאָס שטיקל פעלד איז ניט געווען פלאַך, ס׳האָט זיך געהויבן אַרויף זייער שאַרף.. אַראָפּגייענדיק פון דער משופּעדיקייט בין איך געקומען צו אַ ברייט, פלאַך שטיק צעאַקערט פעלד. ס׳האָט אויסגע־זען ערשט ניט לאַנג פאַרזייט, מ׳האָט נאָך געקענט זען די סקיבעס, וואָס דער אַקעראייזן האָט אָפּגעוואָרפן. די יונגע שפּראָצן האָבן זיי שוין באַדעקט ווי אַ הויך.

ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, דערזעענדיק אַ מענטשן אינמיטן פעלד. ניין, ס׳איז ניט קיין טעות. עס שטייט אַ מענטש אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. אפשר איז דער פאַרמער אַרויס אַ קוק טאָן אויף זיין פעלד. אָבער ער שטייט אַזוי ווי צוגענאָגלט און די הענט צעשפּרייט. מען דאַרף אַ קוק טאָן! ווי נעבעכדיק און נישטיק עס זעט אויס די קליינע מענטשלעכע פיגור אַקעגן דעם גרויסן פלאַמענדיקן הימל!

וואָס נענטער איך בין צוגעקומען איז מיר אַלץ אומהיימלעכער געוואָרן. ווי אומבאַוועגלעך ער שטייט עס; גיט זיך ניט קיין ריר... כאַ־כאַ־כאַ, האָב איך זיך צעלאַכט, אוי, בין איך אַ גרינער, ס׳איז דאָך אַ פויגלשרעקער! ווי מען האָט עס אים אויסגעפּוצט, ווי אַ

גאַנצן חתן בחור. אפילו בייטאָג וואָלט מען אים ליכט געקענט אָננעמען, פון דער ווייטנס, פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן. איך האָב אים גענומען באַטראַכטן פון אַלע זייטן.

די שטעקנס, אויף וועלכע דער פויגלשרעקער איז געווען אויפגעשטעלט, האָט מען ניט אָנגעזען. ער האָט געהאַט אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ, אַן אַלטן צעריסענעם ראָק, אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַריינגעשטעקט אין צעלעכערטע וואַלענע שטיוול, איין פּוס אביסל ווייטער פון צווייטן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט לאָזן גיין. פון איין אַרבל האָט אַרויסגעשטעקט אַ גרויסע שמאַטע. די קינדער האָבן עס אים אַזוי געמוזט פּאַרפּוצן. און ווי אידעשלעך ער זעט דאָס אויס. ווי אונדזערער אַ דאַרפסיונג, וואָס לאָזט זיך אַרום אין דאָרף איינהאַנדלען מציאות, דער קאַשקעט פּאַרוקט איבערן אויער מיט אַ וואָוילינגערישן שמייכל: ער וועט זיי אָנפּייפן די נאַרישע כאַמורלעם. די צעשפּרייטע הענט און דער אויסגעשטרעקטער פּוס האָבן געמאַכט דעם רושם: אָט לאָזט ער זיך גיין. איך האָב זיך אָנגערופן אין שפּאַס:

— העי, פויגלשרעקער, וואָלסט דיך מחיה געווען ווען דו קענסט שטעלן פּיס.

— כ'על אייביק ניט שטיין, — האָב איך פּלוצים דערהערט אַ בייזן מרוק.

אַז איך האָב דערהערט, אַז דער פויגלשרעקער קען רעדן, האָב איך זיך מיט אים צערעדט.

— אַזוי גאָר, ביסטו דאָך אַ יונג מיט ביינער, ניט קיין סטראָשידלע צו שרעקן פייגל. און ווי־זשע הייסטו?

— יאָסל, הייס איך.

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז דו וועסט אייביק ניט שטיין?

ער האָט בייז אַ ברום געטאָן:

— כ'על אייביק ניט שטיין. כ'הויב זיך אויף און גיי אַוועק.

— אוודאי, ס'קען דאָך נמאס ווערן אַזוי שטיין אויף אַן אָרט איינער אַליין.

— נו, מ'קען דאָך ניט איבערלאָזן אַ פעלד אויף הפקר, — האָט יאָסל געזאָגט.

— אַזוי גאָר, — האָב איך חוזק געמאַכט, — ביסט נאָך אַ וועלט־פאַרזאָרגער אויך.

— וואָס דען מיינסטו — האָט יאָסל געזאָגט בייז — אַ הפקר־יונג בין איך. מען קען עפּעס איבערלאָזן אַ פעלד אויף הפקר?

— שאַ, איכ'ל דיר עפּעס זאָגן, — האָט יאָסל אַ שמייכל געטאָן, — אויף די פייגל איז מיר אויך אַ רחמנות. איך לאָז זיי אַביסל אַ נאַש טאָן און דערנאָך גיב איך אַ פּאַך מיט די הענט: האַידאַ אין וואַלד אַריין. עס איז דאָרט דאָ גענוג פאַר אייך.

— איך זע, יאָסל, אַז דו גיסט גוט אַכטונג. די תבואה וואַקסט שוין נישקשה.

— ס'איז קוקורוזע, נאָר איינער. לאָז זי נאָר נאָך אַביסל אַ וואַקס טאָן, און איך היט ניט מער, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן. איך הויב זיך אויף און לאָז זיך אין דער וועלט אַריין.

— העי, העי, יאָסל, האָב איך געשפּעט — דו הויבסט דיך אויף און גייסט אין דער וועלט אַריין, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן.

— לאַך ניט, נאַר איינער, — איך הויב זיך אויף און לאָז זיך אין דער וועלט אַריין. איך בין ניט מחויב דאָ אייביק שטיין און היטן.

— אוודאי, אוודאי, האָב־זשע מיר אַ גוטע נאַכט, יאָסל, איך וועל דיך קומען זען מאָרגן, און טאָמער לאָזטו זיך דערווייל אין דער וועלט אַריין, גיב איר אָפּ אַ פיינעם גרוס פון מיר, דער וועלט. איך וועל זיך אויך באַלד לאָזן אין דער וועלט אַריין. איך בין שוין מיד פון טאָפּטשען אויף איין אָרט. וואָס קומט אַרויס? מ'פאַרלירט נאָר די כוחות.

— דו, — האָט יאָסל אַ הויב געטאָן מיט אַן אַקסל, — דו ביסט אַ שלימזניק.

— יאָ, זאָגסט אמת יאָסל: איך בין אַ שלימזלניק.

— אַ גוטע נאַכט, יאָסל.

די וואָלקנס האָבן אויסגעברענט, געוואָרן אַש. אין עק האָריזאָנט איז נאָך געשטאַנען אַן אָראַנזשענער וואָלקן, ווי אַ גרויסער בער. די זייט צו וועלכער איך האָב זיך אויסגעדרייט אַהיימצוגיין, האָט געשעמערירט גרינלעך ווי אַ טורקוז שטיין. איך האָב זיך נאָך עטלעכע מאָל אומגעקוקט אויף יאָסלען. ער איז קלענער געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

1

אויף דער פוילישער ערד

אַליין 7
ריסיע 27
אַ כסלודיקע נאַכט 41
מאַיראַ 50
ר׳ שלום דער מלמד 58
אויפן פוילישן וועג 67
גראַסמאַנס מערכה 73
אַנטלאַפענע 78

2

אין אַמעריקע

האָטעל עלמספאָרד 89
צוויי ברידער 106
זינד 116
נאָך אַ קראַנקהייט 125
דאָס מעסער 131
און ווייטער ? 137
פרילינג 142
אַ פעלד און אַ פויגל שרעקער 147

תקון-טעות

זייט	19	קעענן דארף זיין קענען
״	19	ערעגץ דארף זיין ערגעץ
״	21	באגרבט דארף זיין באגראָבט
״	25	געטשמאָשקעט דארף זיין געטשמאָטשקעט
״	43	גאָר דארף זיין נאָר
״	48	כאט דארף זיין כאפט
״	50	עשטע דארף זיין ערשטע
״	58	פוקט דארף זיין פונקט
״	61	איעדן דארף זיין אידן
״	65	טעפעעל דארף זיין טעפל
״	66	שייגעצעם דארף זיין שייגעצם
״	66	מאכט ליפן דארף זיין מאכט מיט די ליפן
״	70	נאָר וואָס ער חיים אויך דארף זיין נאָר ער חיים אויך
״	73	אָנגענומע, דארף זיין אָנגענומען
״	82	הונגר דארף זיין הונגער
״	83	מנגערשע דארף זיין מענערשע
״	92	פארדאמטן דארף זיין פארצאמטן